# שְׁמוּאֵל ב

וַיְהִי אַחֲרֵי מוֹת שָׁאוּל וְדָוִד שָׁב מֵהַכּוֹת אֶת־הָעֲמָלֵק א
וַיֵּשֶׁב דָּוִד בְּצִקְלָג יָמִים שְׁנָיִם׃ וַיְהִי ׀ בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי ב
וְהִנֵּה אִישׁ בָּא מִן־הַמַּחֲנֶה מֵעִם שָׁאוּל וּבְגָדָיו קְרֻעִים
וַאֲדָמָה עַל־רֹאשׁוֹ וַיְהִי בְּבֹאוֹ אֶל־דָּוִד וַיִּפֹּל אַרְצָה
וַיִּשְׁתָּחוּ׃ וַיֹּאמֶר לוֹ דָוִד אֵי מִזֶּה תָּבוֹא וַיֹּאמֶר אֵלָיו ג
מִמַּחֲנֵה יִשְׂרָאֵל נִמְלָטְתִּי׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו דָּוִד מֶה־הָיָה ד
הַדָּבָר הַגֶּד־נָא לִי וַיֹּאמֶר אֲשֶׁר־נָס הָעָם מִן־הַמִּלְחָמָה
וְגַם־הַרְבֵּה נָפַל מִן־הָעָם וַיָּמֻתוּ וְגַם שָׁאוּל וִיהוֹנָתָן בְּנוֹ
מֵתוּ׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־הַנַּעַר הַמַּגִּיד לוֹ אֵיךְ יָדַעְתָּ כִּי־ ה
מֵת שָׁאוּל וִיהוֹנָתָן בְּנוֹ׃ וַיֹּאמֶר הַנַּעַר ׀ הַמַּגִּיד לוֹ נִקְרֹא ו

---

א 1 און עס איז געווען נאָך שָׁאולס טויט, אַז דוד האָט
זיך געהאַט אומגעקערט פון שלאָגן עֲמָלֵק, און דוד
איז געזעסן אין ציקלַג צוויי טעג, 2 איז אויפן דריטן טאָג,
ערשט אַ מאַן קומט אָן פון דעם לאַגער, פון שָׁאולן, און
זיינע קליידער זיינען צעריסן, און ערד איז אויף זיין קאָפּ.
און עס איז געווען, ווי ער איז געקומען צו דודן, אַזוי איז
ער געפאַלן צו דער ערד, און האָט זיך געבוקט. 3 האָט
דוד צו אים געזאָגט: פון וואַנען קומסטו? האָט ער צו אים
געזאָגט: פון דעם לאַגער פון ישראל בין איך אַנטרונען
געוואָרן. 4 האָט דוד צו אים געזאָגט: ווי איז די זאַך געווען? דערצייל מיר, איך בעט דיך. האָט ער געזאָגט:
דאָס פאָלק איז אַנטלאָפן פון דער מלחמה, און אויך זיינען פיל פון דעם פאָלק געפאַלן און געשטאָרבן,
און אויך שָׁאול און זיין זון יהוֹנָתָן זיינען טויט. 5 האָט דוד געזאָגט צו דעם יונג וואָס האָט דאָס אים דער־
ציילט: ווי אַזוי ווייסטו אַז שָׁאול און זיין זון יהוֹנָתָן זיינען טויט? 6 האָט דער יונג וואָס האָט אים דאָס דערציילט, געזאָגט:

א׳ הל׳ בקמץ

איך האָב זיך גראָד געטראָפֿן אויף באַרג גלבוע, ערשט
שאָול איז אָנגעלענט אויף זיין שפּיז, און אָט האָבן די רייט־
וועגן און די רייטמענער אים אָנגעיאָגט. 7 האָט ער זיך
אומגעקערט הינטער זיך, און האָט מיך דערזען, און ער
האָט גערופֿן צו מיר, און איך האָב געזאָגט: דאָ בין איך.
8 האָט ער צו מיר געזאָגט: ווער ביסטו? האָב איך צו אים
געזאָגט: אַן עמָלקי בין איך. 9 האָט ער צו מיר געזאָגט:
שטעל זיך, איך בעט דיך, לעבן מיר, און טייט מיך,
וואָרום די גסיסה האָט מיך אָנגענומען; וואָרום נאָר וואָס
מיין נשמה האַלט זיך אין מיר. 10 האָב איך זיך געשטעלט
לעבן אים, און האָב אים געטייט, ווייל איך האָב געוווסט,
אַז ער קען מער ניט לעבן נאָך זיין פֿאַלן. און איך האָב
גענומען די קרוין וואָס אויף זיין קאָפּ, און דעם אָרעמ־
באַנד וואָס אויף זיין אָרעם, און האָב זיי געבראַכט אַהער
צו מיין האַר.

11 האָט דוד אָנגענומען זיינע קליידער, און האָט זיי
צעריסן. און דעסגלייכן אַלע מענטשן וואָס מיט אים.
12 און זיי האָבן געקלאָגט און געוויינט, און האָבן געפֿאַסט
ביזן אָוונט אויף שאָולן און אויף יהונתן זיין זון, און אויף
דעם פֿאָלק פֿון גאָט, און אויף דעם הויז פֿון ישׂראל, וואָס
זיי זיינען געפֿאַלן דורכן שווערד.

13 און דוד האָט געזאָגט צו דעם יונג וואָס האָט דאָס
אים דערציילט: פֿון וואַנען ביסטו? האָט ער געזאָגט:
איך בין דער זון פֿון אַ פֿרעמדן מאַן, אַן עמָלקי. 14 האָט
דוד צו אים געזאָגט: ווי האָסטו ניט מורא געהאַט אויסצו־
שטרעקן דיין האַנט אומצוברענגען דעם געזאַלבטן פֿון
גאָט?

15 און דוד האָט צוגערופֿן איינעם פֿון די יונגען, און
האָט געזאָגט: גענען, פֿאַל־צו אויף אים. און ער האָט
אים געשלאָגן, און ער איז געשטאָרבן.

נִקְרֵיתִי בְּהַר הַגִּלְבֹּעַ וְהִנֵּה שָׁאוּל נִשְׁעָן עַל־חֲנִיתוֹ וְהִנֵּה
ז הָרֶכֶב וּבַעֲלֵי הַפָּרָשִׁים הִדְבִּקֻהוּ׃ וַיִּפֶן אַחֲרָיו וַיִּרְאֵנִי
ח וַיִּקְרָא אֵלָי וָאֹמַר הִנֵּנִי׃ וַיֹּאמֶר לִי מִי־אָתָּה וַיֹּאמַר אֵלָיו
ט עֲמָלֵקִי אָנֹכִי׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי עֲמָד־נָא עָלַי וּמֹתְתֵנִי כִּי אֲחָזַנִי
י הַשָּׁבָץ כִּי־כָל־עוֹד נַפְשִׁי בִּי׃ וָאֶעֱמֹד עָלָיו וַאֲמֹתְתֵהוּ
כִּי יָדַעְתִּי כִּי לֹא יִחְיֶה אַחֲרֵי נִפְלוֹ וָאֶקַּח הַנֵּזֶר ׀ אֲשֶׁר עַל־
רֹאשׁוֹ וְאֶצְעָדָה אֲשֶׁר עַל־זְרֹעוֹ וָאֲבִיאֵם אֶל־אֲדֹנִי הֵנָּה׃
יא וַיַּחֲזֵק דָּוִד בִּבְגָדָו וַיִּקְרָעֵם וְגַם כָּל־הָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר אִתּוֹ׃
יב וַיִּסְפְּדוּ וַיִּבְכּוּ וַיָּצֻמוּ עַד־הָעָרֶב עַל־שָׁאוּל וְעַל־יְהוֹנָתָן בְּנוֹ
וְעַל־עַם יְהוָה וְעַל־בֵּית יִשְׂרָאֵל כִּי נָפְלוּ בֶּחָרֶב׃
יג וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־הַנַּעַר הַמַּגִּיד לוֹ אֵי מִזֶּה אָתָּה וַיֹּאמֶר בֶּן־
יד אִישׁ גֵּר עֲמָלֵקִי אָנֹכִי׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו דָּוִד אֵיךְ לֹא יָרֵאתָ
טו לִשְׁלֹחַ יָדְךָ לְשַׁחֵת אֶת־מְשִׁיחַ יְהוָה׃ וַיִּקְרָא דָוִד לְאַחַד
טז מֵהַנְּעָרִים וַיֹּאמֶר גַּשׁ פְּגַע־בּוֹ וַיַּכֵּהוּ וַיָּמֹת׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו
דָּוִד דָּמֶיךָ עַל־רֹאשֶׁךָ כִּי פִיךָ עָנָה בְךָ לֵאמֹר אָנֹכִי מֹתַתִּי
יז אֶת־מְשִׁיחַ יְהוָה׃ וַיְקֹנֵן דָּוִד אֶת־הַקִּינָה הַזֹּאת עַל־
יח שָׁאוּל וְעַל־יְהוֹנָתָן בְּנוֹ׃ וַיֹּאמֶר לְלַמֵּד בְּנֵי־יְהוּדָה קָשֶׁת
יט הִנֵּה כְתוּבָה עַל־סֵפֶר הַיָּשָׁר׃ הַצְּבִי יִשְׂרָאֵל עַל־בָּמוֹתֶיךָ
כ חָלָל אֵיךְ נָפְלוּ גִבּוֹרִים׃ אַל־תַּגִּידוּ בְגַת אַל־תְּבַשְּׂרוּ
בְּחוּצֹת אַשְׁקְלוֹן פֶּן־תִּשְׂמַחְנָה בְּנוֹת פְּלִשְׁתִּים פֶּן־תַּעֲלֹזְנָה
כא בְּנוֹת הָעֲרֵלִים׃ הָרֵי בַגִּלְבֹּעַ אַל־טַל וְאַל־מָטָר עֲלֵיכֶם
וּשְׂדֵי תְרוּמֹת כִּי שָׁם נִגְעַל מָגֵן גִּבּוֹרִים מָגֵן שָׁאוּל בְּלִי
כב מָשִׁיחַ בַּשָּׁמֶן׃ מִדַּם חֲלָלִים מֵחֵלֶב גִּבּוֹרִים קֶשֶׁת יְהוֹנָתָן
כג לֹא נָשׂוֹג אָחוֹר וְחֶרֶב שָׁאוּל לֹא תָשׁוּב רֵיקָם׃ שָׁאוּל
וִיהוֹנָתָן הַנֶּאֱהָבִים וְהַנְּעִימִם בְּחַיֵּיהֶם וּבְמוֹתָם לֹא נִפְרָדוּ
כד מִנְּשָׁרִים קַלּוּ מֵאֲרָיוֹת גָּבֵרוּ׃ בְּנוֹת יִשְׂרָאֵל אֶל־שָׁאוּל
בְּכֶינָה הַמַּלְבִּשְׁכֶם שָׁנִי עִם־עֲדָנִים הַמַּעֲלֶה עֲדִי זָהָב עַל

ח׳ ואמר קי   י׳ ר פתוחה   סן בחירק   יא׳ בבגדיו ק   טז׳ יתיר י

16 און דוד האָט צו אים געזאָגט: דיין בלוט אויף דיין קאָפּ! וואָרום דיין מויל האָט עדות געזאָגט אויף דיר, אַזוי
צו זאָגן: איך האָב געטייט דעם געזאַלבטן פֿון גאָט.
17 און דוד האָט געקלאָגט דידאָזיקע קלאָג אויף שאָולן און אויף יהונתן זיין זון, 18 און ער האָט געזאָגט—כדי צו
לערנען די קינדער פֿון יהודה דעם בויגן; דאָס איז שוין פֿאַרשריבן אין בוך פֿון ישָר:

19 די פּראַכט, ישׂראל, איז אויף דיינע הייכן דערשלאָגן;
ווי זיינען די גיבורים געפֿאַלן!
20 ניט דערציילן זאָלט איר אין גת,
ניט אָנזאָגן אין די גאַסן פֿון אַשקלון,
כּדי די טעכטער פֿון די פּלשתּים זאָלן זיך ניט פֿרייען,
כּדי די טעכטער פֿון די אומבאַשניטענע זאָלן ניט
קווען.

21 איר בערג פֿון גלבוע,
ניט טוי און ניט רעגן אויף אייך,
אָדער פֿעלדער געהויבענע!
וואָרום דאָרט איז פֿאַרמיאוסט געוואָרן דער שילד
פֿון גיבורים ,
דער שילד פֿון שאָולן, מיט אייל ניט באַשמירט.

22 פֿון בלוט פֿון דערשלאָגענע, פֿון פֿעטס פֿון גיבורים,
האָט יהונתנס בויגן זיך צוריק ניט געצויגן,
און די שווערד פֿון שאָולן זיך ניט אומגעקערט ליידיק.
23 שאָול און יהונתן,
די באַליבטע און ליבע אין זייער לעבן,
צוזאַמען אין זייער טויט האָבן זיי זיך ניט צעשיידט.
פֿון אָדלערס זיינען זיי געווען פֿלינקער,
פֿון לייבן זיינען זיי געווען שטאַרקער.

24 איר טעכטער פֿון ישׂראל, אויף שאָולן וויינט,
וואָס האָט אייך אין רויטן געקליידט, מיט תּענוגים
דערצו,
וואָס האָט אַרויפֿגעטאָן צירונג פֿון גאָלד אויף אייער
קלייד.

לִבוּשְׁכֶן׃ אֵיךְ נָפְלוּ גִבֹּרִים בְּתוֹךְ הַמִּלְחָמָה יְהוֹנָתָן עַל־ כה
בָּמוֹתֶיךָ חָלָל׃ צַר־לִי עָלֶיךָ אָחִי יְהוֹנָתָן נָעַמְתָּ לִּי מְאֹד כו
נִפְלְאַתָה אַהֲבָתְךָ לִי מֵאַהֲבַת נָשִׁים׃ אֵיךְ נָפְלוּ גִבּוֹרִים כז
וַיֹּאבְדוּ כְּלֵי מִלְחָמָה׃

## ב

וַיְהִי אַחֲרֵי־כֵן וַיִּשְׁאַל דָּוִד בַּיהוָה ׀ לֵאמֹר הַאֶעֱלֶה בְּאַחַת א
עָרֵי יְהוּדָה וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלָיו עֲלֵה וַיֹּאמֶר דָּוִד אָנָה אֶעֱלֶה
וַיֹּאמֶר חֶבְרֹנָה׃ וַיַּעַל שָׁם דָּוִד וְגַם שְׁתֵּי נָשָׁיו אֲחִינֹעַם ב
הַיִּזְרְעֵלִית וַאֲבִיגַיִל אֵשֶׁת נָבָל הַכַּרְמְלִי׃ וַאֲנָשָׁיו אֲשֶׁר־ ג
עִמּוֹ הֶעֱלָה דָוִד אִישׁ וּבֵיתוֹ וַיֵּשְׁבוּ בְּעָרֵי חֶבְרוֹן׃ וַיָּבֹאוּ ד
אַנְשֵׁי יְהוּדָה וַיִּמְשְׁחוּ־שָׁם אֶת־דָּוִד לְמֶלֶךְ עַל־בֵּית יְהוּדָה
וַיַּגִּדוּ לְדָוִד לֵאמֹר אַנְשֵׁי יָבֵישׁ גִּלְעָד אֲשֶׁר קָבְרוּ אֶת־
שָׁאוּל׃ וַיִּשְׁלַח דָּוִד מַלְאָכִים אֶל־אַנְשֵׁי יָבֵישׁ גִּלְעָד ה
וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם בְּרֻכִים אַתֶּם לַיהוָה אֲשֶׁר עֲשִׂיתֶם הַחֶסֶד
הַזֶּה עִם־אֲדֹנֵיכֶם עִם־שָׁאוּל וַתִּקְבְּרוּ אֹתוֹ׃ וְעַתָּה יַעַשׂ־ ו
יְהוָה עִמָּכֶם חֶסֶד וֶאֱמֶת וְגַם אָנֹכִי אֶעֱשֶׂה אִתְּכֶם הַטּוֹבָה
הַזֹּאת אֲשֶׁר עֲשִׂיתֶם הַדָּבָר הַזֶּה׃ וְעַתָּה ׀ תֶּחֱזַקְנָה יְדֵיכֶם ז
וִהְיוּ לִבְנֵי־חַיִל כִּי־מֵת אֲדֹנֵיכֶם שָׁאוּל וְגַם אֹתִי מָשְׁחוּ
בֵית־יְהוּדָה לְמֶלֶךְ עֲלֵיהֶם׃ וְאַבְנֵר בֶּן־נֵר שַׂר־צָבָא ח
אֲשֶׁר לְשָׁאוּל לָקַח אֶת־אִישׁ־בֹּשֶׁת בֶּן־שָׁאוּל וַיַּעֲבִרֵהוּ
מַחֲנָיִם׃ וַיַּמְלִכֵהוּ אֶל־הַגִּלְעָד וְאֶל־הָאֲשׁוּרִי וְאֶל־יִזְרְעֶאל ט
וְעַל־אֶפְרַיִם וְעַל־בִּנְיָמִן וְעַל־יִשְׂרָאֵל כֻּלֹּה׃ בֶּן־ י
אַרְבָּעִים שָׁנָה אִישׁ־בֹּשֶׁת בֶּן־שָׁאוּל בְּמָלְכוֹ עַל־יִשְׂרָאֵל
וּשְׁתַּיִם שָׁנִים מָלָךְ אַךְ בֵּית יְהוּדָה הָיוּ אַחֲרֵי דָוִד׃ וַיְהִי יא
מִסְפַּר הַיָּמִים אֲשֶׁר הָיָה דָוִד מֶלֶךְ בְּחֶבְרוֹן עַל־בֵּית
יְהוּדָה שֶׁבַע שָׁנִים וְשִׁשָּׁה חֳדָשִׁים׃ וַיֵּצֵא אַבְנֵר יב
בֶּן־נֵר וְעַבְדֵי אִישׁ־בֹּשֶׁת בֶּן־שָׁאוּל מִמַּחֲנַיִם גִּבְעוֹנָה׃

א, כו׳ הא׳ בפתח

25 ווי זיינען די גיבורים אין מלחמה געפאַלן—
יהונתן אויף דיינע הייכן דערשלאָגן!

26 מיך קלעמט נאָך דיר, יהונתן מיין ברודער,
ליב געווען ביסטו מיר זייער;
וווּנדערלעך געווען איז דיין ליבשאַפט צו מיר,
מער ווי די ליבשאַפט פון ווייבער.

27 ווי זיינען די גיבורים געפאַלן,
און אונטערגעגאַנגען די וואָפן פון מלחמה!

## ב

1 און עס איז געווען נאָך דעם, האָט דוד געפרעגט בײַ גאָט, אַזוי צו זאָגן: זאָל איך אַרויפגיין אין איינער פון די שטעט פון יהודה? האָט גאָט צו אים געזאָגט: גיי אַרויף. האָט דוד געזאָגט: וווּהין זאָל איך אַרויפגיין? האָט ער געזאָגט: קיין חֶברון.

2 איז דוד אַרויפגעגאַנגען אַהין, און אויך זיינע צוויי ווייבער, אַחינוֹעם פון יִזרְעאל, און אַביגַיִל די ווייב פון נָבָלן פון כַּרמֶל. 3 און זיינע מענטשן וואָס מיט אים האָט דוד אַרויפגעבראַכט, איטלעכן מיט זיין הויזגעזינט; און זיי האָבן זיך באַזעצט אין די שטעט פון חֶברון. 4 און די מענער פון יהודה זיינען געקומען, און האָבן דאָרטן געזאַלבט דודן פאַר אַ מלך איבער דעם הויז פון יהודה.

האָט מען דערציילט דודן, אַזוי צו זאָגן: די מענטשן פון יָבֵיש־גִלעָד זיינען די וואָס האָבן באַגראָבן שָאולן.

5 האָט דוד געשיקט שלוחים צו די מענטשן פון יָבֵיש־גִלעָד, און זיי געלאָזט זאָגן: געבענטשט זאָלט איר זיין פון גאָט, וואָס איר האָט געטאָן דעמדאָזיקן חסד מיט אײַער האַר, מיט שָאולן, און האָט אים באַגראָבן. 6 און אַצונד, זאָל גאָט טאָן מיט אײַך חסד און טרײַשאַפט; און אויך איך וועל אײַך אָפּטאָן דידאָזיקע טובה, וואָס איר האָט געטאָן דידאָזיקע זאַך. 7 און אַצונד, זאָלן שטאַרק זיין אײַערע הענט, און זייט העלדישע יונגען; וואָרום אײַער האַר שָאול איז טויט, און אויך האָט מיך דאָס הויז פון יהודה געזאַלבט פאַר אַ מלך איבער זיי.

8 און אַבנֵר דער זון פון נֵרן, דער חיל־פירער פון שָאולן, האָט גענומען איש־בּוֹשֶת דעם זון פון שָאולן, און האָט אים אַריבערגעפירט קיין מַחנַיִם. 9 און ער האָט אים געמאַכט פאַר אַ מלך איבער גִלעָד, און איבער דעם אַשורי, און איבער יִזרְעאל, און איבער אפרים, און איבער בנימין, און איבער גאַנץ ישראל.

10 פערציק יאָר איז אַלט געווען איש־בּוֹשֶת דער זון פון שָאולן, אַז ער איז געוואָרן מלך איבער ישראל, און צוויי יאָר האָט ער געקיניגט. אָבער דאָס הויז פון יהודה איז געווען הינטער דודן. 11 און די צאָל פון די טעג וואָס דוד איז געווען מלך אין חֶברון איבער דעם הויז פון יהודה, איז געווען זיבן יאָר און זעקס חדשים.

12 און אַבנֵר דער זון פון נֵרן, און די קנעכט פון איש־בּוֹשֶת דעם זון פון שָאולן, זיינען אַרויסגעגאַנגען פון מַחנַיִם קיין

יג וְיוֹאָב בֶּן־צְרוּיָה וְעַבְדֵי דָוִד יָצְאוּ וַיִּפְגְּשׁוּם עַל־בְּרֵכַת
גִּבְעוֹן יַחְדָּו וַיֵּשְׁבוּ אֵלֶּה עַל־הַבְּרֵכָה מִזֶּה וְאֵלֶּה עַל־
יד הַבְּרֵכָה מִזֶּה׃ וַיֹּאמֶר אַבְנֵר אֶל־יוֹאָב יָקוּמוּ נָא הַנְּעָרִים
טו וִישַׂחֲקוּ לְפָנֵינוּ וַיֹּאמֶר יוֹאָב יָקֻמוּ׃ וַיָּקֻמוּ וַיַּעַבְרוּ
בְמִסְפָּר שְׁנֵים עָשָׂר לְבִנְיָמִן וּלְאִישׁ־בֹּשֶׁת בֶּן־שָׁאוּל
טז וּשְׁנֵים עָשָׂר מֵעַבְדֵי דָוִד׃ וַיַּחֲזִקוּ אִישׁ ׀ בְּרֹאשׁ רֵעֵהוּ
וְחַרְבּוֹ בְּצַד רֵעֵהוּ וַיִּפְּלוּ יַחְדָּו וַיִּקְרָא לַמָּקוֹם הַהוּא
יז חֶלְקַת הַצֻּרִים אֲשֶׁר בְּגִבְעוֹן׃ וַתְּהִי הַמִּלְחָמָה קָשָׁה עַד־
מְאֹד בַּיּוֹם הַהוּא וַיִּנָּגֶף אַבְנֵר וְאַנְשֵׁי יִשְׂרָאֵל לִפְנֵי עַבְדֵי
יח דָוִד׃ וַיִּהְיוּ שָׁם שְׁלֹשָׁה בְּנֵי צְרוּיָה יוֹאָב וַאֲבִישַׁי וַעֲשָׂהאֵל
יט וַעֲשָׂהאֵל קַל בְּרַגְלָיו כְּאַחַד הַצְּבָיִם אֲשֶׁר בַּשָּׂדֶה׃ וַיִּרְדֹּף
עֲשָׂהאֵל אַחֲרֵי אַבְנֵר וְלֹא־נָטָה לָלֶכֶת עַל־הַיָּמִין וְעַל־
כ הַשְּׂמֹאול מֵאַחֲרֵי אַבְנֵר׃ וַיִּפֶן אַבְנֵר אַחֲרָיו וַיֹּאמֶר הַאַתָּה
כא זֶה עֲשָׂהאֵל וַיֹּאמֶר אָנֹכִי׃ וַיֹּאמֶר לוֹ אַבְנֵר נְטֵה לְךָ
עַל־יְמִינְךָ אוֹ עַל־שְׂמֹאלֶךָ וֶאֱחֹז לְךָ אֶחָד מֵהַנְּעָרִים וְקַח־
כב לְךָ אֶת־חֲלִצָתוֹ וְלֹא־אָבָה עֲשָׂהאֵל לָסוּר מֵאַחֲרָיו׃ וַיֹּסֶף
עוֹד אַבְנֵר לֵאמֹר אֶל־עֲשָׂהאֵל סוּר לְךָ מֵאַחֲרָי לָמָּה
כג אַכֶּכָּה אַרְצָה וְאֵיךְ אֶשָּׂא פָנַי אֶל־יוֹאָב אָחִיךָ׃ וַיְמָאֵן
לָסוּר וַיַּכֵּהוּ אַבְנֵר בְּאַחֲרֵי הַחֲנִית אֶל־הַחֹמֶשׁ וַתֵּצֵא
הַחֲנִית מֵאַחֲרָיו וַיִּפָּל־שָׁם וַיָּמָת תחתו וַיְהִי כָּל־הַבָּא אֶל־
כד הַמָּקוֹם אֲשֶׁר־נָפַל שָׁם עֲשָׂהאֵל וַיָּמֹת וַיַּעֲמֹדוּ׃ וַיִּרְדְּפוּ
יוֹאָב וַאֲבִישַׁי אַחֲרֵי אַבְנֵר וְהַשֶּׁמֶשׁ בָּאָה וְהֵמָּה בָּאוּ
עַד־גִּבְעַת אַמָּה אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי־גִיחַ דֶּרֶךְ מִדְבַּר גִּבְעוֹן׃
כה וַיִּתְקַבְּצוּ בְנֵי־בִנְיָמִן אַחֲרֵי אַבְנֵר וַיִּהְיוּ לַאֲגֻדָּה אֶחָת
כו וַיַּעַמְדוּ עַל־רֹאשׁ גִּבְעָה אֶחָת׃ וַיִּקְרָא אַבְנֵר אֶל־יוֹאָב
וַיֹּאמֶר הֲלָנֶצַח תֹּאכַל חֶרֶב הֲלוֹא יָדַעְתָּה כִּי־מָרָה
תִהְיֶה בָּאַחֲרוֹנָה וְעַד־מָתַי לֹא־תֹאמַר לָעָם לָשׁוּב מֵאַחֲרֵי

כג׳ תחתיו ק

גִבְעוֹן. 13 אויך יוֹאָב דער זון פון צרויָהן, און די קנעכט פון דודן, זיינען אַרויסגעגאַנגען, און זיי האָבן זיך צונויפגעטראָפן מיט זיי אין איינעם ביים טייך פון גִבְעוֹן, און די האָבן זיך געזעצט פון דער זייט טייך, און די פון יענער זייט טייך. 14 און אַבנֵר האָט געזאָגט צו יוֹאָבן: זאָלן אַקאָרשט די יונגען אויפשטיין, און אַ שטיף טאָן פאַר אונדז. האָט יוֹאָב געזאָגט: זאָלן זיי אויפשטיין.

15 זיינען זיי אויפגעשטאַנען, און זיינען אַריבערגעגאַנגען מיט אַ צאָל, צוועלף פאַר בנימין, און פאַר איש־בּוֹשֶׁת דעם זון פון שָאולן, און צוועלף פון דודס קנעכט. 16 און זיי האָבן אָנגענומען איינער דעם אַנדערן פאַרן קאָפּ, מיט זיין שווערד צום אַנדערנס זייט, ביז זיי זיינען געפאַלן אין איינעם. און מע האָט גערופן יענעם אָרט חֶלְקַת־הַצוּרִים[א] וואָס אין גִבְעוֹן.

17 און די מלחמה איז געווען זייער אַ שווערע אין יענעם טאָג, און אַבנֵר און די מענער פון ישראל זיינען געשלאָגן געוואָרן פאַר די קנעכט פון דודן.

18 און דאָרטן זיינען געווען צרויָהס דריי זין, יוֹאָב, און אַבישַי, און עֲשָׂהאֵל; און עֲשָׂהאֵל איז געווען פלינק אויף זיינע פיס, אַזוי ווי איינער פון די הינדן וואָס אין פעלד. 19 האָט עֲשָׂהאֵל נאָכגעיאָגט אַבנֵרן, און ער האָט זיך ניט אָפּגענייגט פון הינטער אַבנֵרן צו גיין רעכטס אָדער לינקס. 20 האָט אַבנֵר זיך אומגעקערט הינטער זיך, און האָט געזאָגט: ביסט דו דאָס, עֲשָׂהאֵל? האָט ער געזאָגט: איך. 21 האָט אַבנֵר צו אים געזאָגט: נייג זיך צו דיין רעכטער זייט אָדער צו דיין לינקער, און כאַפּ דיר אָן איינעם פון די יונגען, און נעם דיר זיין אויסטו. אָבער עֲשָׂהאֵל האָט זיך ניט געוואָלט אָפּקערן פון הינטער אים. 22 האָט אַבנֵר ווידער געזאָגט צו עֲשָׂהאֵלן: קער דיך אָפּ פון הינטער מיר; נאָך וואָס זאָל איך דיך שלאָגן צו דער ערד? און ווי וועל איך אויפהייבן מיין פנים צו דיין ברודער יוֹאָבן? 23 אָבער ער האָט זיך ניט געוואָלט אָפּקערן, און אַבנֵר האָט אים אַ זעץ געטאָן מיטן אונטערשטן טייל פון שפּיז אין בויך, ביז דער שפּיז איז אים אַרויס פון הינטן; און ער איז דאָרטן געפאַלן און געשטאָרבן אויפן אָרט. און עס איז געווען, איטלעכער וואָס איז געקומען צו דעם אָרט וואָס עֲשָׂהאֵל איז דאָרטן געפאַלן און געשטאָרבן, האָט זיך אָפּגעשטעלט.

24 האָבן יוֹאָב און אַבישַי נאָכגעיאָגט אַבנֵרן, און ווי די זון איז אונטערגעגאַנגען, זיינען זיי געקומען ביזן בערגל אַמָה וואָס פאַר גִיחַ, אויפן וועג צום מדבר פון גִבְעוֹן. 25 און די קינדער פון בנימין האָבן זיך אייַנגעזאַמלט הינטער אַבנֵרן, און זיי זיינען געוואָרן צו איין בונד; און זיי האָבן זיך געשטעלט אויפן שפּיץ פון אַ בערגל.

26 האָט אַבנֵר גערופן צו יוֹאָבן, און האָט געזאָגט: זאָל דען אייביק פאַרצערן די שווערד? ווייסטו דען ניט אַז ביטער וועט זיין צום סוֹף? און ביז וואַנען וועסטו ניט הייסן דעם פאָלק זיך אומקערן פון הינטער

[א] דאָס פעלד פון די שאַרפן (פון שווערדן).

כז אֲחִיהֶם׃ וַיֹּאמֶר יוֹאָב חַי הָאֱלֹהִים כִּי לוּלֵא דִּבַּרְתָּ כִּי
כח אָז מֵהַבֹּקֶר נַעֲלָה הָעָם אִישׁ מֵאַחֲרֵי אָחִיו׃ וַיִּתְקַע יוֹאָב
בַּשּׁוֹפָר וַיַּעַמְדוּ כָּל־הָעָם וְלֹא־יִרְדְּפוּ עוֹד אַחֲרֵי יִשְׂרָאֵל
כט וְלֹא־יָסְפוּ עוֹד לְהִלָּחֵם׃ וְאַבְנֵר וַאֲנָשָׁיו הָלְכוּ בָּעֲרָבָה
כָּל הַלַּיְלָה הַהוּא וַיַּעַבְרוּ אֶת־הַיַּרְדֵּן וַיֵּלְכוּ כָּל־הַבִּתְרוֹן
ל וַיָּבֹאוּ מַחֲנָיִם׃ וְיוֹאָב שָׁב מֵאַחֲרֵי אַבְנֵר וַיִּקְבֹּץ אֶת־
כָּל־הָעָם וַיִּפָּקְדוּ מֵעַבְדֵי דָוִד תִּשְׁעָה־עָשָׂר אִישׁ וַעֲשָׂהאֵל׃
לא וְעַבְדֵי דָוִד הִכּוּ מִבִּנְיָמִן וּבְאַנְשֵׁי אַבְנֵר שְׁלֹשׁ־מֵאוֹת וְשִׁשִּׁים
לב אִישׁ מֵתוּ׃ וַיִּשְׂאוּ אֶת־עֲשָׂהאֵל וַיִּקְבְּרֻהוּ בְּקֶבֶר אָבִיו
אֲשֶׁר בֵּית לָחֶם וַיֵּלְכוּ כָל־הַלַּיְלָה יוֹאָב וַאֲנָשָׁיו וַיֵּאֹר
לָהֶם בְּחֶבְרוֹן׃

ג

א וַתְּהִי הַמִּלְחָמָה אֲרֻכָּה בֵּין בֵּית שָׁאוּל וּבֵין בֵּית דָּוִד
ב וְדָוִד הֹלֵךְ וְחָזֵק וּבֵית שָׁאוּל הֹלְכִים וְדַלִּים׃ וילדו
לְדָוִד בָּנִים בְּחֶבְרוֹן וַיְהִי בְכוֹרוֹ אַמְנוֹן לַאֲחִינֹעַם הַיִּזְרְעֵאלִת׃
ג וּמִשְׁנֵהוּ כִלְאָב לַאֲבִיגַל אֵשֶׁת נָבָל הַכַּרְמְלִי וְהַשְּׁלִשִׁי
ד אַבְשָׁלוֹם בֶּן־מַעֲכָה בַּת־תַּלְמַי מֶלֶךְ גְּשׁוּר׃ וְהָרְבִיעִי
ה אֲדֹנִיָּה בֶן־חַגִּית וְהַחֲמִישִׁי שְׁפַטְיָה בֶן־אֲבִיטָל׃ וְהַשִּׁשִּׁי
יִתְרְעָם לְעֶגְלָה אֵשֶׁת דָּוִד אֵלֶּה יֻלְּדוּ לְדָוִד בְּחֶבְרוֹן׃
ו וַיְהִי בִּהְיוֹת הַמִּלְחָמָה בֵּין בֵּית שָׁאוּל וּבֵין בֵּית דָּוִד
ז וְאַבְנֵר הָיָה מִתְחַזֵּק בְּבֵית שָׁאוּל׃ וּלְשָׁאוּל פִּלֶגֶשׁ וּשְׁמָהּ
רִצְפָּה בַת־אַיָּה וַיֹּאמֶר אֶל־אַבְנֵר מַדּוּעַ בָּאתָה אֶל־
ח פִּילֶגֶשׁ אָבִי׃ וַיִּחַר לְאַבְנֵר מְאֹד עַל־דִּבְרֵי אִישׁ־בֹּשֶׁת
וַיֹּאמֶר הֲרֹאשׁ כֶּלֶב אָנֹכִי אֲשֶׁר לִיהוּדָה הַיּוֹם אֶעֱשֶׂה־
חֶסֶד עִם־בֵּית ׀ שָׁאוּל אָבִיךָ אֶל־אֶחָיו וְאֶל־מֵרֵעֵהוּ וְלֹא
ט הִמְצִיתִךָ בְּיַד־דָּוִד וַתִּפְקֹד עָלַי עֲוֹן הָאִשָּׁה הַיּוֹם׃ כֹּה־
יַעֲשֶׂה אֱלֹהִים לְאַבְנֵר וְכֹה יֹסִיף לוֹ כִּי כַּאֲשֶׁר נִשְׁבַּע

ב, כז׳ פתח באתנח   ג, ב׳ ויולדו ק׳   ג׳ לאביגיל ק׳   ח׳ מלעיל

זייערע ברידער? 27 האָט יואָב געזאָגט: אַזוי ווי גאָט לעבט, אַז ווען דו וואָלסט ניט גערעדט, וואָלט ערשט אין דער פרי דאָס פאָלק אָפּגעטרעטן איינער פון הינטערן אַנדערן.

28 און יואָב האָט געבלאָזן אין שופר, און דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך אָפּגעשטעלט, און זיי האָבן מער ניט נאָכגעיאָגט ישראל, און האָבן מער ווייטער ניט מלחמה געהאַלטן.

29 און אַבנר און זיינע מענטשן זיינען געגאַנגען דורכן פלוין יענע גאַנצע נאַכט, און זיי זיינען אַריבער דעם ירדן, און דורכגעגאַנגען גאַנץ בתרון, און געקומען קיין מחנים.

30 און יואָב האָט זיך אומגעקערט פון הינטער אַבנרן, און ער האָט איינגעזאַמלט דאָס גאַנצע פאָלק; האָבן געפעלט פון דודס קנעכט ניינצן מאַן און עשׂהאל. 31 און דודס קנעכט האָבן געשלאָגן פון בנימין, צווישן אַבנרס מענטשן—דריי הונדערט און זעכציק מאַן זיינען געבליבן טויט.

32 און עשׂהאלן האָבן זיי אַוועקגעטראָגן, און האָבן אים באַגראָבן אין קבר פון זיין פאָטער וואָס אין בית־לחם. און יואָב און זיינע מענטשן זיינען געגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט, און זיי איז ליכטיק געוואָרן אין חברון.

ג 1 און די מלחמה איז געווען אַ לאַנגע צווישן דעם הויז פון שאולן און צווישן דעם הויז פון דודן. און דוד איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער, און דאָס הויז פון שאולן איז געוואָרן אַלץ שוואַכער.

2 און בײַ דודן זיינען געבאָרן געוואָרן זין אין חברון, און זיין בכור איז געווען אַמנון, פון אַחינועמען פון יזרעאל; 3 און דער צווייטער פון אים, כלאָב, פון אַביגַיל דער ווייב פון נָבָלן פון כַּרמל; און דער דריטער, אַבשלום, דער זון פון מַעֲכָה דער טאָכטער פון תַּלמַי דעם מלך פון גשור; 4 און דער פירטער, אַדוניה, דער זון פון חַגיתן; און דער פינפטער שפטיה דער זון פון אַביטַלן; 5 און דער זעקסטער, יִתרעם פון דודס ווייב עֶגלָהן. די־דאָזיקע זיינען געבאָרן געוואָרן בײַ דודן אין חברון.

6 און עס איז געווען, ווען די מלחמה איז געווען צווישן דעם הויז פון שאולן און צווישן דעם הויז פון דודן, האָט אַבנר זיך געהאַלטן אָן דעם הויז פון שאולן.

7 און שאול האָט געהאַט אַ קעפּסווייב וואָס איר נאָמען איז געווען רִצפּה די טאָכטער פון אַיָהן. האָט [איש־בושת] געזאָגט צו אַבנרן: פאַרוואָס ביסטו געקומען צו מיין פאָטערס קעפּסווייב? 8 האָט אַבנרן זייער געברענט אויף די ווערטער פון איש־בושתן, און ער האָט געזאָגט: בין איך דען אַ הונטסקאָפּ פון יהודה? איך טו היינט צו טאָג חסד מיט דעם הויז פון דיין פאָטער שאולן, צו זיינע אייגענע און צו זיינע גוטע פריינט, און איך האָב דיך ניט איבערגעענטפערט אין דער האַנט פון דודן, און דו וואַרפסט מיר היינט פאָר אַ זינד מיט דער פרוי. 9 זאָל גאָט טאָן צו אַבנרן אַזוי און נאָך מער, אַז אַזוי ווי גאָט

האָט געשוואָרן צו דודן, אַזוי װעל איך אים טאָן, [10] אַריבערצוטראָגן די מלוכה פון שָאולס הויז, און אויפֿשטעלן דעם טראָן פון דודן איבער ישראל און איבער יהודה פון דָן און ביז באֵר־שֶבַע! [11] און ער האָט מער אַ וואָרט ניט געקענט ענטפערן אַבנֵרן, פון זיין מורא פאַר אים.

[12] און אַבנֵר האָט אויפן אָרט געשיקט שלוחים צו דודן, אַזוי צו זאָגן: ביי וועמען איז דאָס לאַנד? אַזוי צו זאָגן: שליס דיין בונד מיט מיר, און אָט איז מיין האַנט מיט דיר איבערצודרייען צו דיר גאַנץ ישראל. [13] האָט ער געזאָגט: גוט, איך וועל שליסן מיט דיר אַ בונד, אָבער איין זאַך פאַרלאַנג איך פון דיר, אַזוי צו זאָגן: זאָלסט ניט זען מיין פנים, סיידן דו ברענגסט צוגלייך מיכל די טאָכטער פון שָאולן, ווען דו קומסט זען מיין פנים.

[14] און דוד האָט געשיקט שלוחים צו איש־בּושֶת דעם זון פון שָאולן, אַזוי צו זאָגן: גיב מיר מיין ווייב מיכלען, וואָס איך האָב פאַרקנַסט צו מיר מיט הונדערט פאָרהויטן פון די פלִשתים.

[15] האָט איש־בּושֶת געשיקט, און האָט זי אָפּגענומען פון דעם מאַן, פון פַּלטיאֵל דעם זון פון לַיִשן. [16] און איר מאַן איז געגאַנגען מיט איר, געגאַנגען נאָך איר און געוויינט ביז בַּחורים. האָט אַבנֵר צו אים געזאָגט: גיי קער זיך אום; און ער האָט זיך אומגעקערט.

[17] און אַבנֵר האָט געהאַט אַ גערייד מיט די עלטסטע פון ישראל, אַזוי צו זאָגן: נאָך נעכטן און נאָך אייערנעכטן האָט איר באַגערט דודן פאַר אַ מלך איבער אַייך. [18] און אַצונד טוט; וואָרום גאָט האָט געזאָגט אויף דודן, אַזוי צו זאָגן: דורך דער האַנט פון דוד מיין קנעכט וועל איך העלפן מיין פאָלק ישראל פון דער האַנט פון די פלִשתים, און פון דער האַנט פון אַלע זייערע פיינט.

[19] און אַבנֵר האָט אויך גערעדט אין די אויערן פון בנימין. און אַבנֵר איז אויך געגאַנגען דערציילן אין די אויערן פון דודן אין חֶברון אַלץ וואָס איז ווילגעפעלן אין די אויגן פון ישראל, און אין די אויגן פון גאַנצן הויז פון בנימין. [20] און אַבנֵר איז געקומען צו דודן קיין חֶברון, און צוואַנציק מאַן מיט אים. און דוד האָט געמאַכט פאַר אַבנֵרן און פאַר די מענטשן וואָס מיט אים אַ מאָלצייט. [21] און אַבנֵר האָט געזאָגט צו דודן: איך וועל אויפשטיין און וועל גיין, און איך וועל אַיינזאַמלען צו מיין האַר דעם מלך גאַנץ ישראל, און זיי וועלן שליסן מיט דיר אַ בונד, און וועסט קיניגן ווי ווייט דיין האַרץ געלוסט. און דוד האָט אַוועקגעשיקט אַבנֵרן, און ער איז אַוועקגעגאַנגען בשלום.

[22] ערשט די קנעכט פון דודן און יואָב זיינען אָנגעקומען פון אַן אָנפאַל, און זיי האָבן געבראַכט מיט זיך פיל רויב; און אַבנֵר איז שוין ניט געווען ביי דודן אין חֶברון, ווייל ער האָט אים אַוועקגעשיקט, און ער

י יְהוָה לְדָוִד כִּי־כֵן אֶעֱשֶׂה־לּוֹ׃ לְהַעֲבִיר הַמַּמְלָכָה מִבֵּית
שָׁאוּל וּלְהָקִים אֶת־כִּסֵּא דָוִד עַל־יִשְׂרָאֵל וְעַל־יְהוּדָה
יא מִדָּן וְעַד־בְּאֵר שָׁבַע׃ וְלֹא־יָכֹל עוֹד לְהָשִׁיב אֶת־אַבְנֵר
יב דָּבָר מִיִּרְאָתוֹ אֹתוֹ׃ וַיִּשְׁלַח אַבְנֵר מַלְאָכִים ׀ אֶל־
דָּוִד תַּחְתָּו לֵאמֹר לְמִי־אָרֶץ לֵאמֹר כָּרְתָה בְרִיתְךָ אִתִּי
יג וְהִנֵּה יָדִי עִמָּךְ לְהָסֵב אֵלֶיךָ אֶת־כָּל־יִשְׂרָאֵל׃ וַיֹּאמֶר טוֹב
אֲנִי אֶכְרֹת אִתְּךָ בְּרִית אַךְ דָּבָר אֶחָד אָנֹכִי שֹׁאֵל מֵאִתְּךָ
לֵאמֹר לֹא־תִרְאֶה אֶת־פָּנַי כִּי ׀ אִם־לִפְנֵי הֱבִיאֲךָ אֵת מִיכַל
יד בַּת־שָׁאוּל בְּבֹאֲךָ לִרְאוֹת אֶת־פָּנָי׃ וַיִּשְׁלַח דָּוִד
מַלְאָכִים אֶל־אִישׁ־בֹּשֶׁת בֶּן־שָׁאוּל לֵאמֹר תְּנָה אֶת־אִשְׁתִּי
אֶת־מִיכַל אֲשֶׁר אֵרַשְׂתִּי לִי בְּמֵאָה עָרְלוֹת פְּלִשְׁתִּים׃
טו וַיִּשְׁלַח אִישׁ בֹּשֶׁת וַיִּקָּחֶהָ מֵעִם אִישׁ מֵעִם פַּלְטִיאֵל בֶּן
טז לָוִשׁ׃ וַיֵּלֶךְ אִתָּהּ אִישָׁהּ הָלוֹךְ וּבָכֹה אַחֲרֶיהָ עַד־בַּחֻרִים
יז וַיֹּאמֶר אֵלָיו אַבְנֵר לֵךְ שׁוּב וַיָּשֹׁב׃ וּדְבַר־אַבְנֵר
הָיָה עִם־זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר גַּם־תְּמוֹל גַּם־שִׁלְשֹׁם הֱיִיתֶם
יח מְבַקְשִׁים אֶת־דָּוִד לְמֶלֶךְ עֲלֵיכֶם׃ וְעַתָּה עֲשׂוּ כִּי יְהוָה
אָמַר אֶל־דָּוִד לֵאמֹר בְּיַד ׀ דָּוִד עַבְדִּי הוֹשִׁיעַ אֶת־עַמִּי
יט יִשְׂרָאֵל מִיַּד פְּלִשְׁתִּים וּמִיַּד כָּל־אֹיְבֵיהֶם׃ וַיְדַבֵּר גַּם־
אַבְנֵר בְּאָזְנֵי בִנְיָמִין וַיֵּלֶךְ גַּם־אַבְנֵר לְדַבֵּר בְּאָזְנֵי דָוִד
בְּחֶבְרוֹן אֵת כָּל־אֲשֶׁר־טוֹב בְּעֵינֵי יִשְׂרָאֵל וּבְעֵינֵי כָּל־
כ בֵּית בִּנְיָמִן׃ וַיָּבֹא אַבְנֵר אֶל־דָּוִד חֶבְרוֹן וְאִתּוֹ עֶשְׂרִים
אֲנָשִׁים וַיַּעַשׂ דָּוִד לְאַבְנֵר וְלַאֲנָשִׁים אֲשֶׁר־אִתּוֹ מִשְׁתֶּה׃
כא וַיֹּאמֶר אַבְנֵר אֶל־דָּוִד אָקוּמָה ׀ וְאֵלֵכָה וְאֶקְבְּצָה אֶל־
אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ אֶת־כָּל־יִשְׂרָאֵל וְיִכְרְתוּ אִתְּךָ בְּרִית וּמָלַכְתָּ
בְּכֹל אֲשֶׁר־תְּאַוֶּה נַפְשֶׁךָ וַיְשַׁלַּח דָּוִד אֶת־אַבְנֵר וַיֵּלֶךְ
כב בְּשָׁלוֹם׃ וְהִנֵּה עַבְדֵי דָוִד וְיוֹאָב בָּא מֵהַגְּדוּד וְשָׁלָל רָב
עִמָּם הֵבִיאוּ וְאַבְנֵר אֵינֶנּוּ עִם־דָּוִד בְּחֶבְרוֹן כִּי שִׁלְּחוֹ

יב׳ תחתיו קרי טו׳ ליש קרי

וַיֵּלֶךְ בְּשָׁלוֹם׃ וְיוֹאָב וְכָל־הַצָּבָא אֲשֶׁר־אִתּוֹ בָּאוּ וַיַּגִּדוּ כג
לְיוֹאָב לֵאמֹר בָּא־אַבְנֵר בֶּן־נֵר אֶל־הַמֶּלֶךְ וַיְשַׁלְּחֵהוּ וַיֵּלֶךְ
בְּשָׁלוֹם׃ וַיָּבֹא יוֹאָב אֶל־הַמֶּלֶךְ וַיֹּאמֶר מֶה עָשִׂיתָה הִנֵּה־ כד
בָא אַבְנֵר אֵלֶיךָ לָמָּה־זֶּה שִׁלַּחְתּוֹ וַיֵּלֶךְ הָלוֹךְ׃ יָדַעְתָּ אֶת־ כה
אַבְנֵר בֶּן־נֵר כִּי לְפַתֹּתְךָ בָּא וְלָדַעַת אֶת־מוֹצָאֲךָ וְאֶת־
מְבוֹאֶךָ וְלָדַעַת אֵת כָּל־אֲשֶׁר אַתָּה עֹשֶׂה׃ וַיֵּצֵא יוֹאָב כו
מֵעִם דָּוִד וַיִּשְׁלַח מַלְאָכִים אַחֲרֵי אַבְנֵר וַיָּשִׁבוּ אֹתוֹ מִבּוֹר
הַסִּרָה וְדָוִד לֹא יָדָע׃ וַיָּשָׁב אַבְנֵר חֶבְרוֹן וַיַּטֵּהוּ יוֹאָב כז
אֶל־תּוֹךְ הַשַּׁעַר לְדַבֵּר אִתּוֹ בַּשֶּׁלִי וַיַּכֵּהוּ שָׁם הַחֹמֶשׁ וַיָּמָת
בְּדַם עֲשָׂהאֵל אָחִיו׃ וַיִּשְׁמַע דָּוִד מֵאַחֲרֵי כֵן וַיֹּאמֶר נָקִי כח
אָנֹכִי וּמַמְלַכְתִּי מֵעִם יְהוָה עַד־עוֹלָם מִדְּמֵי אַבְנֵר בֶּן־נֵר׃
יָחֻלוּ עַל־רֹאשׁ יוֹאָב וְאֶל כָּל־בֵּית אָבִיו וְאַל־יִכָּרֵת כט
מִבֵּית יוֹאָב זָב וּמְצֹרָע וּמַחֲזִיק בַּפֶּלֶךְ וְנֹפֵל בַּחֶרֶב וַחֲסַר־
לָחֶם׃ וְיוֹאָב וַאֲבִישַׁי אָחִיו הָרְגוּ לְאַבְנֵר עַל אֲשֶׁר הֵמִית ל
אֶת־עֲשָׂהאֵל אֲחִיהֶם בְּגִבְעוֹן בַּמִּלְחָמָה׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד לא
אֶל־יוֹאָב וְאֶל־כָּל־הָעָם אֲשֶׁר־אִתּוֹ קִרְעוּ בִגְדֵיכֶם וְחִגְרוּ
שַׂקִּים וְסִפְדוּ לִפְנֵי אַבְנֵר וְהַמֶּלֶךְ דָּוִד הֹלֵךְ אַחֲרֵי הַמִּטָּה׃
וַיִּקְבְּרוּ אֶת־אַבְנֵר בְּחֶבְרוֹן וַיִּשָּׂא הַמֶּלֶךְ אֶת־קוֹלוֹ וַיֵּבְךְּ לב
אֶל־קֶבֶר אַבְנֵר וַיִּבְכּוּ כָּל־הָעָם׃ וַיְקֹנֵן הַמֶּלֶךְ אֶל־ לג
אַבְנֵר וַיֹּאמַר הַכְּמוֹת נָבָל יָמוּת אַבְנֵר׃ יָדֶךָ לֹא־אֲסֻרוֹת לד
וְרַגְלֶיךָ לֹא־לִנְחֻשְׁתַּיִם הֻגָּשׁוּ כִּנְפוֹל לִפְנֵי בְנֵי־עַוְלָה נָפָלְתָּ
וַיֹּסִפוּ כָל־הָעָם לִבְכּוֹת עָלָיו׃ וַיָּבֹא כָל־הָעָם לְהַבְרוֹת לה
אֶת־דָּוִד לֶחֶם בְּעוֹד הַיּוֹם וַיִּשָּׁבַע דָּוִד לֵאמֹר כֹּה יַעֲשֶׂה־
לִּי אֱלֹהִים וְכֹה יֹסִיף כִּי אִם־לִפְנֵי בוֹא־הַשֶּׁמֶשׁ אֶטְעַם־
לֶחֶם אוֹ כָל־מְאוּמָה׃ וְכָל־הָעָם הִכִּירוּ וַיִּיטַב בְּעֵינֵיהֶם לו
כְּכֹל אֲשֶׁר עָשָׂה הַמֶּלֶךְ בְּעֵינֵי כָל־הָעָם טוֹב׃ וַיֵּדְעוּ לז
כָל־הָעָם וְכָל־יִשְׂרָאֵל בַּיּוֹם הַהוּא כִּי לֹא הָיְתָה מֵהַמֶּלֶךְ

כה׳ מובאך קרי   לד׳ חסר י   קמץ בז״ק

איז אַוועקגעגאַנגען בשלום. [23] און ווי יואָב און דער גאַנצער חיל וואָס מיט אים זיינען אָנגעקומען, האָט מען דערציילט יואָבן, אַזוי צו זאָגן: אַבנֵר דער זון פון נֵרן איז געקומען צום מלך, און ער האָט אים אַוועקגעשיקט, און ער איז אַוועקגעגאַנגען בשלום.

[24] איז יואָב געקומען צום מלך, און האָט געזאָגט: וואָס האָסטו געטאָן? אָט איז אַבנֵר געקומען צו דיר; אַלמאַי האָסטו אים אָפּגעלאָזט, און ער איז אַוועקגעגאַנגען? [25] דו קענסט אַבנֵר דעם זון פון נֵרן, אַז דיך צו פאַרנאַרן איז ער געקומען, און געוואָר צו ווערן ווו אויס און ווו אַיין ביי דיר, און געוואָר צו ווערן אַלץ וואָס דו טוסט.

[26] און יואָב איז אַרויסגעגאַנגען פון דודן, און ער האָט געשיקט שלוחים נאָך אַבנֵרן, און זיי האָבן אים אומגעקערט פון בור־סִירָה; און דוד האָט ניט געוווּסט.

[27] און ווי אַבנֵר האָט זיך אומגעקערט קיין חֶברון, אַזוי האָט אים יואָב אָפּגענייגט אינעווייניק אין טויער, כּדי צו רעדן מיט אים שטילערהייט, און ער האָט אים דאָרטן געשלאָגן אין בויך, און ער איז געשטאָרבן, פאַר דעם בלוט פון זיין ברודער עֲשָׂהאֵלן.

[28] און דוד האָט עס דערנאָך געהערט, און ער האָט געזאָגט: ריין בין איך און מיין מלוכה פאַר גאָט אויף אייביק פון דעם בלוט פון אַבנֵר דעם זון פון נֵרן. [29] זאָל עס פאַלן אויפן קאָפּ פון יואָבן, און אויפן גאַנצן הויז פון זיין פאָטער, און זאָל ניט אויסגיין פון יואָבס הויז אַ פלוסיקער און אַ קרעציקער, און דער וואָס האַלט זיך אויף אַ שטעקן, און דער וואָס פאַלט דורכן שווערד, און דער וואָס אים פעלט ברויט.

[30] און יואָב און אַבישַי זיין ברודער האָבן געהרגעט אַבנֵרן פאַרוואָס ער האָט געטייט זייער ברודער עֲשָׂהאֵלן אין גִבְעוֹן אין דער מלחמה.

[31] און דוד האָט געזאָגט צו יואָבן און צו דעם גאַנצן פאָלק וואָס מיט אים: צערייסט אייערע קליידער, און גורט אָן זאַק, און קלאָגט פאַרויס פאַר אַבנֵרן. און דער מלך דוד איז געגאַנגען נאָך דער מיטה. [32] און זיי האָבן באַגראָבן אַבנֵרן אין חֶברון. און דער מלך האָט אויפגעהויבן זיין קָול, און האָט געוויינט אויף אַבנֵרס קבר, און דאָס גאַנצע פאָלק האָט מיטגעוויינט. [33] און דער מלך האָט געקלאָגט אויף אַבנֵרן, און האָט געזאָגט:

זאָל אַבנֵר שטאַרבן ווי אַ נידערטרעכטיקער שטאַרבט?
[34] דיינע הענט זיינען ניט געבונדן געווען,
און דיינע פיס ניט אין קייטן געשמידט;
ווי מע פאַלט פאַר פאַרברעכער ביסטו געפאַלן.

און דאָס גאַנצע פאָלק האָט ווידער געוויינט אויף אים.

[35] און דאָס גאַנצע פאָלק איז געקומען צו געבן עסן דודן ברויט ווען עס איז נאָך געווען טאָג, אָבער דוד האָט געשוואָרן, אַזוי צו זאָגן: זאָל מיר גאָט טאָן אַזוי און נאָך מער, אויב איך וועל פאַרזוכן ברויט אָדער עפּעס וואָס עס איז, איידער די זון גייט אונטער! [36] און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געמערקט, און עס איז וווילגעפעלן אין זייערע אויגן; אַלץ וואָס דער מלך האָט געטאָן איז וווילגעפעלן אין די אויגן פון גאַנצן פאָלק. [37] און דאָס גאַנצע פאָלק און גאַנץ ישׂראל האָבן געוווּסט אין יענעם טאָג, אַז דאָס איז ניט געווען פון מלך, צו טייטן אַבנֵר דעם זון פון נֵרן.

לח לְהָמִית אֶת־אַבְנֵר בֶּן־נֵר׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֶל־
עֲבָדָיו הֲלוֹא תֵדְעוּ כִּי־שַׂר וְגָדוֹל נָפַל הַיּוֹם הַזֶּה
לט בְּיִשְׂרָאֵל׃ וְאָנֹכִי הַיּוֹם רַךְ וּמָשׁוּחַ מֶלֶךְ וְהָאֲנָשִׁים
הָאֵלֶּה בְּנֵי צְרוּיָה קָשִׁים מִמֶּנִּי יְשַׁלֵּם יְהוָה לְעֹשֵׂה
הָרָעָה כְּרָעָתוֹ׃

ד

א וַיִּשְׁמַע בֶּן־שָׁאוּל כִּי מֵת אַבְנֵר בְּחֶבְרוֹן וַיִּרְפּוּ יָדָיו וְכָל־
ב יִשְׂרָאֵל נִבְהָלוּ׃ וּשְׁנֵי אֲנָשִׁים שָׂרֵי־גְדוּדִים הָיוּ בֶן־שָׁאוּל
שֵׁם הָאֶחָד בַּעֲנָה וְשֵׁם הַשֵּׁנִי רֵכָב בְּנֵי רִמּוֹן הַבְּאֵרֹתִי
ג מִבְּנֵי בִנְיָמִן כִּי גַּם־בְּאֵרוֹת תֵּחָשֵׁב עַל־בִּנְיָמִן׃ וַיִּבְרְחוּ
הַבְּאֵרֹתִים גִּתָּיְמָה וַיִּהְיוּ־שָׁם גָּרִים עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃
ד וְלִיהוֹנָתָן בֶּן־שָׁאוּל בֵּן נְכֵה רַגְלָיִם בֶּן־חָמֵשׁ שָׁנִים הָיָה
בְּבֹא שְׁמֻעַת שָׁאוּל וִיהוֹנָתָן מִיִּזְרְעֶאל וַתִּשָּׂאֵהוּ אֹמַנְתּוֹ
וַתָּנֹס וַיְהִי בְּחָפְזָהּ לָנוּס וַיִּפֹּל וַיִּפָּסֵחַ וּשְׁמוֹ מְפִיבֹשֶׁת׃
ה וַיֵּלְכוּ בְּנֵי־רִמּוֹן הַבְּאֵרֹתִי רֵכָב וּבַעֲנָה וַיָּבֹאוּ כְּחֹם הַיּוֹם
אֶל־בֵּית אִישׁ בֹּשֶׁת וְהוּא שֹׁכֵב אֵת מִשְׁכַּב הַצָּהֳרָיִם׃
ו וְהֵנָּה בָּאוּ עַד־תּוֹךְ הַבַּיִת לֹקְחֵי חִטִּים וַיַּכֻּהוּ אֶל־הַחֹמֶשׁ
ז וְרֵכָב וּבַעֲנָה אָחִיו נִמְלָטוּ׃ וַיָּבֹאוּ הַבַּיִת וְהוּא־שֹׁכֵב עַל־
מִטָּתוֹ בַּחֲדַר מִשְׁכָּבוֹ וַיַּכֻּהוּ וַיְמִתֻהוּ וַיָּסִירוּ אֶת־רֹאשׁוֹ
ח וַיִּקְחוּ אֶת־רֹאשׁוֹ וַיֵּלְכוּ דֶּרֶךְ הָעֲרָבָה כָּל־הַלָּיְלָה׃ וַיָּבִאוּ
אֶת־רֹאשׁ אִישׁ־בֹּשֶׁת אֶל־דָּוִד חֶבְרוֹן וַיֹּאמְרוּ אֶל־הַמֶּלֶךְ
הִנֵּה־רֹאשׁ אִישׁ־בֹּשֶׁת בֶּן־שָׁאוּל אֹיִבְךָ אֲשֶׁר בִּקֵּשׁ אֶת־
נַפְשֶׁךָ וַיִּתֵּן יְהוָה לַאדֹנִי הַמֶּלֶךְ נְקָמוֹת הַיּוֹם הַזֶּה מִשָּׁאוּל
ט וּמִזַּרְעוֹ׃ וַיַּעַן דָּוִד אֶת־רֵכָב ׀ וְאֶת־בַּעֲנָה אָחִיו בְּנֵי רִמּוֹן
הַבְּאֵרֹתִי וַיֹּאמֶר לָהֶם חַי־יְהוָה אֲשֶׁר־פָּדָה אֶת־נַפְשִׁי מִכָּל־
י צָרָה׃ כִּי הַמַּגִּיד לִי לֵאמֹר הִנֵּה־מֵת שָׁאוּל וְהוּא־הָיָה
כִמְבַשֵּׂר בְּעֵינָיו וָאֹחֲזָה בוֹ וָאֶהְרְגֵהוּ בְּצִקְלָג אֲשֶׁר לְתִתִּי־
יא לוֹ בְּשֹׂרָה׃ אַף כִּי־אֲנָשִׁים רְשָׁעִים הָרְגוּ אֶת־אִישׁ־צַדִּיק

[38] און דער מלך האָט געזאָגט צו זיינע קנעכט: פאַרוואָר, איר דאַרפט וויסן, אַז אַ האַר און אַ גרויסער מאַן איז געפאַלן היינטיקן טאָג אין ישׂראל. [39] און איך בין היינט שוואַך, און נאָרוואָס געזאַלבט פאַר אַ מלך, און די דאָזיקע לייט, די זין פון צרויָהן, זיינען צו האַרט פאַר מיר. זאָל גאָט באַצאָלן דעם שלעכטסטוער לויט זיין שלעכטיקייט.

ד [1] און שָאולס זון האָט געהערט, אַז אַבנר איז אומגעקומען אין חֶברון, און זיינע הענט זיינען שלאַף געוואָרן, און גאַנץ ישׂראל זיינען דערשראָקן געוואָרן.

[2] און שָאולס זון האָט געהאַט צוויי הויפּטלייט פון מחנות; דער נאָמען פון איינעם איז געווען בַּעֲנָה, און דער נאָמען פון צווייטן רֵכָב, זין פון רִמון דעם בְּאֵרותער, פון די קינדער פון בנימין; וואָרום אויך בְּאֵרות ווערט גערעכנט צו בנימין; [3] און די בְּאֵרותער זיינען אַנטלאָפן קיין גִתַּיִם, און זיינען דאָרטן געבליבן וווינען ביז אויף היינטיקן טאָג.

[4] און יהונָתָן דער זון פון שָאולן האָט געהאַט אַ זון אַ לאָמען אויף די פיס. ער איז געווען פינף יאָר אַלט, ווען די הערונג וועגן שָאולן און יהונָתָנען איז אָנגעקומען פון יִזרְעֶאל. האָט אים זיין אַם אויפגעהויבן און איז געלאָפן: איז, אין איר אַיילעניש צו אַנטלויפן, איז ער געפאַלן און איז הינקעדיק געוואָרן. און זיין נאָמען איז געווען מפיבושֶת.

[5] זיינען געגאַנגען די זין פון רִמון דעם בְּאֵרותער, רֵכָב און בַּעֲנָה, און זיי זיינען געקומען אין דער היץ פון טאָג צום הויז פון איש־בושֶתן, בעת ער האָט געשלאָפן דעם מיטאָגשלאָף. [6] און זיי זיינען אַריינגעגאַנגען אינעווייניק אין הויז ווי קויפער פון ווייץ, און האָבן אים געשלאָגן אין בויך; און רֵכָב און זיין ברודער בַּעֲנָה זיינען אַנטרונען געוואָרן. [7] און אַז זיי זיינען אַריין אין הויז, ווען ער איז געלעגן אויף זיין בעט אין זיין שלאָפקאַמער, און האָבן אים געשלאָגן און געטייט, האָבן זיי אָפּגעשניטן זיין קאָפּ; און זיי האָבן גענומען זיין קאָפּ, און זיינען געגאַנגען מיטן וועג פון פלוין אַ גאַנצע נאַכט. [8] און זיי האָבן געבראַכט דעם קאָפּ פון איש־בושֶתן צו דודן קיין חֶברון, און זיי האָבן געזאָגט צום מלך: אָט איז דער קאָפּ פון איש־בושֶת דעם זון פון שָאול דיין פיינט וואָס האָט געזוכט דיין לעבן; און גאָט האָט היינטיקן טאָג געגעבן מיין האַר דעם מלך אַ נקמה אָן שָאולן און אָן זיין זאָמען.

[9] האָט דוד געענטפערט רֵכָבן און זיין ברודער בַּעֲנָהן, די זין פון רִמון דעם בְּאֵרותער, און ער האָט צו זיי געזאָגט: אַזוי ווי עס לעבט גאָט וואָס האָט אויסגעלייזט מיין זעל פון יעטוועדער צרה, [10] אַז דער וואָס האָט מיר דערציילט, אַזוי צו זאָגן: „זע, שָאול איז טויט", און ער איז געווען ווי אַ בשׂורה־ברענגער אין זיינע אויגן, האָב איך אים אָנגענומען, און האָב אים געהרגעט אין ציקלַג, אָנשטאָט וואָס איך זאָל אים געבן בשׂורה־געלט. [11] היינט ווי נאָך אַז מענטשן רשעים האָבן

בְּבֵיתוֹ עַל־מִשְׁכָּבוֹ וְעַתָּה הֲלוֹא אֲבַקֵּשׁ אֶת־דָּמוֹ מִיֶּדְכֶם
וּבִעַרְתִּי אֶתְכֶם מִן־הָאָרֶץ׃ וַיְצַו דָּוִד אֶת־הַנְּעָרִים וַיַּהַרְגוּם יב
וַיְקַצְּצוּ אֶת־יְדֵיהֶם וְאֶת־רַגְלֵיהֶם וַיִּתְלוּ עַל־הַבְּרֵכָה
בְּחֶבְרוֹן וְאֵת רֹאשׁ אִישׁ־בֹּשֶׁת לָקָחוּ וַיִּקְבְּרוּ בְקֶבֶר־
אַבְנֵר בְּחֶבְרוֹן׃

ה

וַיָּבֹאוּ כָּל־שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל אֶל־דָּוִד חֶבְרוֹנָה וַיֹּאמְרוּ לֵאמֹר א
הִנְנוּ עַצְמְךָ וּבְשָׂרְךָ אֲנָחְנוּ׃ גַּם־אֶתְמוֹל גַּם־שִׁלְשׁוֹם ב
בִּהְיוֹת שָׁאוּל מֶלֶךְ עָלֵינוּ אַתָּה הָיִיתָה מוֹצִיא וְהַמֵּבִי
אֶת־יִשְׂרָאֵל * וַיֹּאמֶר יְהוָה לְךָ אַתָּה תִרְעֶה
אֶת־עַמִּי אֶת־יִשְׂרָאֵל וְאַתָּה תִּהְיֶה לְנָגִיד עַל־יִשְׂרָאֵל׃
וַיָּבֹאוּ כָּל־זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶל־הַמֶּלֶךְ חֶבְרוֹנָה וַיִּכְרֹת לָהֶם ג
הַמֶּלֶךְ דָּוִד בְּרִית בְּחֶבְרוֹן לִפְנֵי יְהוָה וַיִּמְשְׁחוּ אֶת־דָּוִד
לְמֶלֶךְ עַל־יִשְׂרָאֵל׃ בֶּן־שְׁלֹשִׁים שָׁנָה דָּוִד בְּמָלְכוֹ ד
אַרְבָּעִים שָׁנָה מָלָךְ׃ בְּחֶבְרוֹן מָלַךְ עַל־יְהוּדָה שֶׁבַע שָׁנִים ה
וְשִׁשָּׁה חֳדָשִׁים וּבִירוּשָׁלַםִ מָלַךְ שְׁלֹשִׁים וְשָׁלֹשׁ שָׁנָה עַל
כָּל־יִשְׂרָאֵל וִיהוּדָה׃ וַיֵּלֶךְ הַמֶּלֶךְ וַאֲנָשָׁיו יְרוּשָׁלַםִ אֶל־ ו
הַיְבֻסִי יוֹשֵׁב הָאָרֶץ וַיֹּאמֶר לְדָוִד לֵאמֹר לֹא־תָבוֹא הֵנָּה
כִּי אִם־הֱסִירְךָ הַעִוְרִים וְהַפִּסְחִים לֵאמֹר לֹא־יָבוֹא דָוִד
הֵנָּה׃ וַיִּלְכֹּד דָּוִד אֵת מְצֻדַת צִיּוֹן הִיא עִיר דָּוִד׃ וַיֹּאמֶר ח
דָּוִד בַּיּוֹם הַהוּא כָּל־מַכֵּה יְבֻסִי וְיִגַּע בַּצִּנּוֹר וְאֶת־
הַפִּסְחִים וְאֶת־הַעִוְרִים שְׂנֻאֵו נֶפֶשׁ דָּוִד עַל־כֵּן יֹאמְרוּ
עִוֵּר וּפִסֵּחַ לֹא יָבוֹא אֶל־הַבָּיִת׃ וַיֵּשֶׁב דָּוִד בַּמְּצֻדָה ט
וַיִּקְרָא־לָהּ עִיר דָּוִד וַיִּבֶן דָּוִד סָבִיב מִן־הַמִּלּוֹא וָבָיְתָה׃
וַיֵּלֶךְ דָּוִד הָלוֹךְ וְגָדוֹל וַיהוָה אֱלֹהֵי צְבָאוֹת עִמּוֹ׃ י
וַיִּשְׁלַח חִירָם מֶלֶךְ־צֹר מַלְאָכִים אֶל־דָּוִד וַעֲצֵי אֲרָזִים יא
וְחָרָשֵׁי עֵץ וְחָרָשֵׁי אֶבֶן קִיר וַיִּבְנוּ־בַיִת לְדָוִד׃ וַיֵּדַע דָּוִד יב

ד, יב׳ קמץ בז״ק ה, ב׳ הייתה המוציא ק׳ והמביא ק׳
פסקא באמצע פסוק ח׳ שנאי קרי

געהרגעט אַן אומשולדיקן מענטשן אין זיין הויז אויף זיין געלעגער, זאָל איך אַצונד ניט מאָנען זיין בלוט פון אייער האַנט, און אייך אָפּראַמען פון דער ערד?

[12] און דוד האָט באַפוילן די יונגען, און זיי האָבן זיי געהרגעט, און אָפּגעהאַקט זייערע הענט און זייערע פיס, און זיי אויפגעהאַנגען ביים טייך אין חֶברון. און דעם קאָפּ פון איש־בושתן האָבן זיי גענומען און באַגראָבן אין דעם קבר פון אַבנֵרן אין חֶברון.

ה [1] און אַלע שבטים פון ישראל זיינען געקומען צו דודן קיין חֶברון, און זיי האָבן געזאָגט, אַזוי צו זאָגן: זע, דיין ביין און דיין פלייש זיינען מיר. [2] נאָך נעכטן און נאָך אייערנעכטן, אַז שָאול איז געווען מלך איבער אונדז, ביסט דו געווען דער וואָס האָט אַרויסגעפירט און אַריינגעפירט ישראל. און גאָט האָט צו דיר געזאָגט: דו זאָלסט פיטערן מיין פאָלק, ישראל, און דו זאָלסט זיין אַ פירשט איבער ישראל.

[3] און אַלע עלטסטע פון ישראל זיינען געקומען צום מלך קיין חֶברון, און דער מלך דוד האָט זיי געשלאָסן אַ בונד אין חֶברון פאַר גאָט, און זיי האָבן געזאַלבט דודן פאַר אַ מלך איבער ישראל.

[4] דרייסיק יאָר איז דוד אַלט געווען ווען ער איז געוואָרן מלך; פערציק יאָר האָט ער געקיניגט. [5] אין חֶברון האָט ער געקיניגט איבער יהודה זיבן יאָר און זעקס חדשים, און אין ירושָלַיִם האָט ער געקיניגט דריי און דרייסיק יאָר איבער גאַנץ ישראל און יהודה.

[6] און דער מלך איז געגאַנגען מיט זיינע מענטשן קיין ירושָלַיִם אויף דעם יבוסי, דעם באַוווינער פון לאַנד. האָבן זיי געזאָגט צו דודן, אַזוי צו זאָגן: וועסט אַהער ניט קומען סיידן וועסט אָפּטאָן די בלינדע און די הינקעדיקע; אַזוי צו זאָגן: דוד קען אַהער ניט קומען. [7] אָבער דוד האָט באַצוווּנגען די פעסטונג פון ציון, דאָס איז דודס־שטאָט. [8] און דוד האָט געזאָגט אין יענעם טאָג: ווער נאָר עס וועט שלאָגן דעם יבוסי, און וועט צוקומען צו דער וואַסעררינע, און [אָפּטאָן] די הינקעדיקע און די בלינדע, די פאַרהאַסטע פון דודס זעל.... דרום זאָגט מען: אַ בלינדער און אַ הינקעדיקער איז דאָ; מע קען ניט אַריין אין הויז.

[9] און דוד האָט זיך באַזעצט אין דער פעסטונג, און ער האָט זי גערופן דודס־שטאָט; און דוד האָט פאַרבויט רונד אַרום פון מִלוֹא און אינעווייניק צו. [10] און דוד איז געוואָרן אַלץ גרעסער, און יהוה דער גאָט פון צבָאוֹת איז געווען מיט אים.

[11] און חירָם דער מלך פון צור האָט געשיקט שלוחים צו דודן מיט צעדערהאָלץ און האָלצמייַנסטערס און שטיינמייַנסטערס, און זיי האָבן געבויט אַ הויז פאַר דודן. [12] און דוד האָט געוווּסט אַז גאָט האָט אים

כִּֽי־הֱכִינוֹ יְהוָה לְמֶלֶךְ עַל־יִשְׂרָאֵל וְכִי נִשֵּׂא מַמְלַכְתּוֹ
יג בַּעֲבוּר עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּקַּח דָּוִד עוֹד פִּלַגְשִׁים
וְנָשִׁים מִירוּשָׁלַ͏ִם אַחֲרֵי בֹּאוֹ מֵחֶבְרוֹן וַיִּוָּלְדוּ עוֹד לְדָוִד
יד בָּנִים וּבָנוֹת׃ וְאֵלֶּה שְׁמוֹת הַיִּלֹּדִים לוֹ בִּירוּשָׁלָ͏ִם שַׁמּוּעַ
טו וְשׁוֹבָב וְנָתָן וּשְׁלֹמֹה׃ וְיִבְחָר וֶאֱלִישׁוּעַ וְנֶפֶג וְיָפִיעַ׃
טז יז וֶאֱלִישָׁמָע וְאֶלְיָדָע וֶאֱלִיפָלֶט׃ וַיִּשְׁמְעוּ פְלִשְׁתִּים
כִּֽי־מָשְׁחוּ אֶת־דָּוִד לְמֶלֶךְ עַל־יִשְׂרָאֵל וַיַּעֲלוּ כָל־פְּלִשְׁתִּים
יח לְבַקֵּשׁ אֶת־דָּוִד וַיִּשְׁמַע דָּוִד וַיֵּרֶד אֶל־הַמְּצוּדָה׃ וּפְלִשְׁתִּים
יט בָּאוּ וַיִּנָּטְשׁוּ בְּעֵמֶק רְפָאִים׃ וַיִּשְׁאַל דָּוִד בַּיהוָה לֵאמֹר
הַאֶעֱלֶה אֶל־פְּלִשְׁתִּים הֲתִתְּנֵם בְּיָדִי * וַיֹּאמֶר
יְהוָה אֶל־דָּוִד עֲלֵה כִּֽי־נָתֹן אֶתֵּן אֶת־הַפְּלִשְׁתִּים בְּיָדֶךָ׃
כ וַיָּבֹא דָוִד בְּבַעַל־פְּרָצִים וַיַּכֵּם שָׁם דָּוִד וַיֹּאמֶר פָּרַץ
יְהוָה אֶת־אֹיְבַי לְפָנַי כְּפֶרֶץ מָיִם עַל־כֵּן קָרָא שֵׁם־הַמָּקוֹם
כא הַהוּא בַּעַל פְּרָצִים׃ וַיַּעַזְבוּ־שָׁם אֶת־עֲצַבֵּיהֶם וַיִּשָּׂאֵם
כב דָּוִד וַאֲנָשָׁיו׃ וַיֹּסִפוּ עוֹד פְּלִשְׁתִּים לַעֲלוֹת וַיִּנָּטְשׁוּ
כג בְּעֵמֶק רְפָאִים׃ וַיִּשְׁאַל דָּוִד בַּיהוָה וַיֹּאמֶר לֹא תַעֲלֶה
כד הָסֵב אֶל־אַחֲרֵיהֶם וּבָאתָ לָהֶם מִמּוּל בְּכָאִים׃ וִיהִי
בְּשָׁמְעֲךָ אֶת־קוֹל צְעָדָה בְּרָאשֵׁי הַבְּכָאִים אָז תֶּחֱרָץ כִּי
כה אָז יָצָא יְהוָה לְפָנֶיךָ לְהַכּוֹת בְּמַחֲנֵה פְּלִשְׁתִּים׃ וַיַּעַשׂ
דָּוִד כֵּן כַּאֲשֶׁר צִוָּהוּ יְהוָה וַיַּךְ אֶת־פְּלִשְׁתִּים מִגֶּבַע עַד־
בֹּאֲךָ גָזֶר׃

ו

א וַיֹּסֶף עוֹד דָּוִד אֶת־כָּל־בָּחוּר בְּיִשְׂרָאֵל שְׁלֹשִׁים אָלֶף׃
ב וַיָּקָם ׀ וַיֵּלֶךְ דָּוִד וְכָל־הָעָם אֲשֶׁר אִתּוֹ מִבַּעֲלֵי יְהוּדָה
לְהַעֲלוֹת מִשָּׁם אֵת אֲרוֹן הָאֱלֹהִים אֲשֶׁר־נִקְרָא שֵׁם שֵׁם
ג יְהוָה צְבָאוֹת יֹשֵׁב הַכְּרֻבִים עָלָיו׃ וַיַּרְכִּבוּ אֶת־אֲרוֹן
הָאֱלֹהִים אֶל־עֲגָלָה חֲדָשָׁה וַיִּשָּׂאֻהוּ מִבֵּית אֲבִינָדָב אֲשֶׁר

ה, יט׳ פסקא באמצע פסוק   כד׳ כשמעך קרי   ו, א׳ הפטרת שמיני

באַפעסטיקט פאַר אַ מלך איבער ישׂראל, און אַז ער האָט דערהויבן זיין מלוכה פון וועגן זיין פאָלק ישׂראל.

13 און דוד האָט גענומען נאָך קעפסווייבער און
ווייבער פון ירושָלַיִם נאָך זיין קומען פון חֶברון, און ביי
דודן זיינען געבאָרן געוואָרן נאָך זין און טעכטער. 14 און
דאָס זיינען די נעמען פון די וואָס זיינען אים געבאָרן גע־
וואָרן אין ירושָלַיִם: שַמוּעַ, און שוֹבָב, און נָתָן, און שלמה;
15 און יִבחָר, און אֶלישוּעַ, און נֶפֶג, און יָפִיעַ; 16 און
אֶלישָמָע, און אֶליָדָע, און אֶליפֶלֶט.

17 און די פּלִשתּים האָבן געהערט אַז מע האָט גע־זאַלבט דודן פאַר אַ מלך איבער ישׂראל, און אַלע פּלִשתּים זיינען אַרויפגעגאַנגען צו זוכן דודן. האָט דוד דערהערט, און ער האָט אַראָפּגענידערט צו דער פעסטונג.

18 און די פּלִשתּים זיינען געקומען, און האָבן זיך פאַרשפּרייט אין טאָל רְפָאים.

19 האָט דוד געפרעגט ביי גאָט, אַזוי צו זאָגן: זאָל איך אַרויפגיין אַקעגן די פּלִשתּים? וועסטו זיי געבן אין מיין האַנט? האָט גאָט געזאָגט צו דודן: גיי אַרויף, וואָרום געבן וועל איך געבן די פּלִשתּים אין דיין האַנט.

20 איז דוד געקומען אין בַּעַל־פְּרָצים, און דוד האָט זיי דאָרטן געשלאָגן, און ער האָט געזאָגט: גאָט האָט דורכגעבראָכן מיינע פיינט פאַר מיר, אַזוי ווי אַ דורכ־בראָך פון וואַסער. דרום האָט מען גערופן דעם נאָמען פון יענעם אָרט בַּעַל־פְּרָצים[א].

21 און זיי האָבן דאָרטן איבערגעלאָזט זייערע געצנבילדער, און דוד און זיינע מענטשן האָבן זיי אַוועקגעטראָגן.

22 און די פּלִשתּים זיינען ווידער אַ מאָל אַרויפגעקומען, און האָבן זיך פאַרשפּרייט אין טאָל רְפָאים. 23 האָט דוד געפרעגט ביי גאָט, און ער האָט געזאָגט: זאָלסט ניט אַרויפגיין; דריי זיך אויס הינטער זיי, און זאָלסט קומען אויף זיי פון אַקעגן די מוילבערביימער. 24 און עס וועט זיין, אַז דו הערסט אַ גערויש פון טריט אין די שפּיצן פון די מוילבער־ביימער, דענסמאָל זאָלסטו איילן, וואָרום דענסמאָל איז גאָט אַרויסגעגאַנגען דיר פאַרויס, צו שלאָגן אין דעם לאַגער פון די פּלִשתּים.

25 און דוד האָט אַזוי געטאָן—אַזוי ווי גאָט האָט אים באַפוילן, און ער האָט געשלאָגן די פּלִשתּים פון גֶבַע ביז דו קומסט קיין גֶזֶר.

ו 1 און דוד האָט ווידער איינגעזאַמלט אַלע געקליבענע אין ישׂראל, דרייסיק טויזנט מאַן. 2 און דוד איז אויפגע־
שטאַנען און איז געגאַנגען מיט דעם גאַנצן פאָלק וואָס מיט אים פון בַּעֲלֵי־יהודה, אַרויפצוברענגען פון דאָרטן
דעם אָרון פון גאָט, וואָס אויף אים ווערט גערופן דער נאָמען—דער נאָמען פון גאָט פון צבָאות וואָס זיצט אויף די כּרובים.
3 און זיי האָבן אַרויפגעלייגט דעם אָרון פון גאָט אויף אַ נייעם וואָגן, און האָבן אים אַוועקגענומען פון אַבינָדָבס הויז וואָס

[א] אָרט פון דורכבראָכן.

בְּגִבְעָה וְעֻזָּא וְאַחְיוֹ בְּנֵי אֲבִינָדָב נֹהֲגִים אֶת־הָעֲגָלָה
חֲדָשָׁה׃ וַיִּשָּׂאֻהוּ מִבֵּית אֲבִינָדָב אֲשֶׁר בַּגִּבְעָה עִם אֲרוֹן ד
הָאֱלֹהִים וְאַחְיוֹ הֹלֵךְ לִפְנֵי הָאָרוֹן׃ וְדָוִד ׀ וְכָל־בֵּית ה
יִשְׂרָאֵל מְשַׂחֲקִים לִפְנֵי יְהוָה בְּכֹל עֲצֵי בְרוֹשִׁים וּבְכִנֹּרוֹת
וּבִנְבָלִים וּבְתֻפִּים וּבִמְנַעַנְעִים וּבְצֶלְצֱלִים׃ וַיָּבֹאוּ עַד־ ו
גֹּרֶן נָכוֹן וַיִּשְׁלַח עֻזָּה אֶל־אֲרוֹן הָאֱלֹהִים וַיֹּאחֶז בּוֹ כִּי
שָׁמְטוּ הַבָּקָר׃ וַיִּחַר־אַף יְהוָה בְּעֻזָּה וַיַּכֵּהוּ שָׁם הָאֱלֹהִים ז
עַל־הַשַּׁל וַיָּמָת שָׁם עִם אֲרוֹן הָאֱלֹהִים׃ וַיִּחַר לְדָוִד עַל ח
אֲשֶׁר פָּרַץ יְהוָה פֶּרֶץ בְּעֻזָּה וַיִּקְרָא לַמָּקוֹם הַהוּא פֶּרֶץ
עֻזָּה עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃ וַיִּרָא דָוִד אֶת־יְהוָה בַּיּוֹם הַהוּא ט
וַיֹּאמֶר אֵיךְ יָבוֹא אֵלַי אֲרוֹן יְהוָה׃ וְלֹא־אָבָה דָוִד לְהָסִיר י
אֵלָיו אֶת־אֲרוֹן יְהוָה עַל־עִיר דָּוִד וַיַּטֵּהוּ דָוִד בֵּית עֹבֵד־
אֱדֹם הַגִּתִּי׃ וַיֵּשֶׁב אֲרוֹן יְהוָה בֵּית עֹבֵד אֱדֹם הַגִּתִּי יא
שְׁלֹשָׁה חֳדָשִׁים וַיְבָרֶךְ יְהוָה אֶת־עֹבֵד אֱדֹם וְאֶת־כָּל־
בֵּיתוֹ׃ וַיֻּגַּד לַמֶּלֶךְ דָּוִד לֵאמֹר בֵּרַךְ יְהוָה אֶת־בֵּית עֹבֵד יב
אֱדֹם וְאֶת־כָּל־אֲשֶׁר־לוֹ בַּעֲבוּר אֲרוֹן הָאֱלֹהִים וַיֵּלֶךְ דָּוִד
וַיַּעַל אֶת־אֲרוֹן הָאֱלֹהִים מִבֵּית עֹבֵד אֱדֹם עִיר דָּוִד
בְּשִׂמְחָה׃ וַיְהִי כִּי צָעֲדוּ נֹשְׂאֵי אֲרוֹן־יְהוָה שִׁשָּׁה צְעָדִים יג
וַיִּזְבַּח שׁוֹר וּמְרִיא׃ וְדָוִד מְכַרְכֵּר בְּכָל־עֹז לִפְנֵי יְהוָה יד
וְדָוִד חָגוּר אֵפוֹד בָּד׃ וְדָוִד וְכָל־בֵּית יִשְׂרָאֵל מַעֲלִים טו
אֶת־אֲרוֹן יְהוָה בִּתְרוּעָה וּבְקוֹל שׁוֹפָר׃ וְהָיָה אֲרוֹן יְהוָה טז
בָּא עִיר דָּוִד וּמִיכַל בַּת־שָׁאוּל נִשְׁקְפָה ׀ בְּעַד הַחַלּוֹן
וַתֵּרֶא אֶת־הַמֶּלֶךְ דָּוִד מְפַזֵּז וּמְכַרְכֵּר לִפְנֵי יְהוָה וַתִּבֶז
לוֹ בְּלִבָּהּ׃ וַיָּבִאוּ אֶת־אֲרוֹן יְהוָה וַיַּצִּגוּ אֹתוֹ בִּמְקוֹמוֹ יז
בְּתוֹךְ הָאֹהֶל אֲשֶׁר נָטָה־לוֹ דָּוִד וַיַּעַל דָּוִד עֹלוֹת לִפְנֵי
יְהוָה וּשְׁלָמִים׃ וַיְכַל דָּוִד מֵהַעֲלוֹת הָעוֹלָה וְהַשְּׁלָמִים יח
וַיְבָרֶךְ אֶת־הָעָם בְּשֵׁם יְהוָה צְבָאוֹת׃ וַיְחַלֵּק לְכָל־הָעָם יט

ג׳ ■ במקום ה   ז׳ פתח באתנח

אין גִבעָה. און עוזה און אַחיו די זין פון אַבינָדָבן האָבן געפירט דעם נייעם וואָגן. 4 און אַז זיי האָבן אים אַוועקגענומען פון אַבינָדָבס הויז וואָס אין גִבעָה, מיט דעם אָרון פון גאָט, איז אַחיו געגאַנגען פאַרויס פאַרן אָרון. 5 און דוד און דאָס גאַנצע הויז פון ישראל האָבן געשפּילט פאַר גאָט אויף אַלערליי [כּלי־זֶמֶר פון] ציפּרעסנהאָלץ, און אויף האַרפן, און אויף גיטאַרן, און אויף פּויקן, און אויף קלעפּערלעך, און אויף צימבלען.

6 און ווי זיי זיינען געקומען ביזן שייער פון נָכון, האָט עוזה אויסגעשטרעקט זיין האַנט צום אָרון פון גאָט, און האָט אים אָנגענומען, וואָרום די רינדער האָבן אים אַראָפּגערוקט. 7 האָט דער צאָרן פון גאָט געגרימט אויף עוזהן, און גאָט האָט אים דאָרטן געשלאָגן פאַר דעם פאַרזע. און ער איז דאָרטן געשטאָרבן לעבן דעם אָרון פון גאָט.

8 און דודן האָט געערגערט פאַרוואָס גאָט האָט געבראַכט אַ בראָך אויף עוזהן. און מע רופט יענעם אָרט פֶּרֶץ־עוזה[א] ביז אויף היינטיקן טאָג. 9 און דוד האָט מורא געהאַט פאַר גאָט יענעם טאָג, און ער האָט געזאָגט: ווי אַזוי זאָל דער אָרון פון גאָט קומען צו מיר?

10 און דוד האָט ניט געוואָלט אָפּקערן דעם אָרון פון גאָט צו זיך אין דודס־שטאָט, און דוד האָט אים אָפּגעפירט צו דעם הויז פון עוֹבֵד־אֱדומען פון גַת. 11 און דער אָרון פון גאָט איז געבליבן אין הויז פון עוֹבֵד־אֱדומען פון גַת דריי חדשים. און גאָט האָט געבענטשט עוֹבֵד־אֱדומען און זיין גאַנץ הויז.

12 איז דערציילט געוואָרן דעם מלך דודן, אַזוי צו זאָגן: גאָט האָט געבענטשט דאָס הויז פון עוֹבֵד־אֱדומען און אַלץ וואָס געהערט צו אים, פון וועגן דעם אָרון פון גאָט. איז דוד געגאַנגען, און האָט אַרויפגעבראַכט דעם אָרון פון גאָט פון עוֹבֵד־אֱדומס הויז אין דודס־שטאָט, מיט אַ שמחה. 13 און עס איז געווען, ווי די טרעגערס פון דעם אָרון פון גאָט זיינען אָפּגעגאַנגען זעקס טריט, אַזוי האָט ער געשלאַכט אַן אָקס און אַ געשטאָפּט רינד. 14 און דוד האָט געטאַנצט מיטן גאַנצן כּוח פאַר גאָט; און דוד איז געווען אָנגעגורט אין אַ ליינענעם אֵפוד. 15 און דוד און דאָס גאַנצע הויז פון ישראל האָבן אַרויפגעבראַכט דעם אָרון פון גאָט מיט שאַלונג און מיט אַ קָול פון שופר.

16 און עס איז געווען, ווי דער אָרון פון גאָט איז געקומען אין דודס־שטאָט, אַזוי האָט מיכל די טאָכטער פון שָאולן אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, און האָט געזען דעם מלך דודן טאַנצן און שפּרינגען פאַר גאָט, און זי האָט אים פאַראַכט אין איר האַרצן.

17 און זיי האָבן געבראַכט דעם אָרון פון גאָט, און האָבן אים אַוועקגעשטעלט אויף זיין אָרט, אין דעם געצעלט וואָס דוד האָט פאַר אים אויפגעשטעלט. און דוד האָט אויפגעבראַכט בראַנדאָפּפער און פרידאָפּפער פאַר גאָט. 18 און אַז דוד האָט געענדיקט אויפברענגען די בראַנדאָפּפער און די פרידאָפּפער, האָט ער געבענטשט דאָס פאָלק אין דעם נאָמען פון גאָט פון צבָאות. 19 און ער האָט אויסגעטיילט דעם גאַנצן פאָלק,

[א] דער בראָך פון עוזהן.

לְכָל־הֲמ֣וֹן יִשְׂרָאֵל֮ לְמֵאִ֣ישׁ וְעַד־אִשָּׁה֒ לְאִ֗ישׁ חַלַּ֥ת לֶ֙חֶם֙
אַחַ֔ת וְאֶשְׁפָּ֣ר אֶחָ֔ד וַאֲשִׁישָׁ֖ה אֶחָ֑ת וַיֵּ֥לֶךְ כָּל־הָעָ֖ם אִ֥ישׁ
כ לְבֵיתֽוֹ׃ וַיָּ֥שָׁב דָּוִ֖ד לְבָרֵ֣ךְ אֶת־בֵּית֑וֹ וַתֵּצֵ֞א
מִיכַ֣ל בַּת־שָׁא֗וּל לִקְרַ֣את דָּוִ֔ד וַתֹּ֗אמֶר מַה־נִּכְבַּ֨ד הַיּ֜וֹם
מֶ֣לֶךְ יִשְׂרָאֵ֗ל אֲשֶׁ֨ר נִגְלָ֤ה הַיּוֹם֙ לְעֵינֵי֙ אַמְה֣וֹת עֲבָדָ֔יו
כא כְּהִגָּל֥וֹת נִגְל֖וֹת אַחַ֥ד הָרֵקִֽים׃ וַיֹּ֣אמֶר דָּוִד֮ אֶל־מִיכַל֒ לִפְנֵ֣י
יְהוָ֗ה אֲשֶׁ֨ר בָּֽחַר־בִּ֤י מֵֽאָבִיךְ֙ וּמִכָּל־בֵּית֔וֹ לְצַוֺּ֨ת אֹתִ֥י נָגִ֛יד
כב עַל־עַ֥ם יְהוָ֖ה עַל־יִשְׂרָאֵ֑ל וְשִׂחַקְתִּ֖י לִפְנֵ֥י יְהוָֽה׃ וּנְקַלֹּ֤תִי
ע֙וֹד֙ מִזֹּ֔את וְהָיִ֥יתִי שָׁפָ֖ל בְּעֵינָ֑י וְעִם־הָֽאֲמָהוֹת֙ אֲשֶׁ֣ר אָמַ֔רְתְּ
כג עִמָּ֖ם אִכָּבֵֽדָה׃ וּלְמִיכַל֙ בַּת־שָׁא֔וּל לֹא־הָ֥יָה לָ֖הּ יָ֑לֶד עַ֖ד
י֥וֹם מוֹתָֽהּ׃

ז

א וַיְהִ֕י כִּֽי־יָשַׁ֥ב הַמֶּ֖לֶךְ בְּבֵית֑וֹ וַיהוָ֛ה הֵֽנִיחַ־ל֥וֹ מִסָּבִ֖יב מִכָּל־
ב אֹיְבָֽיו׃ וַיֹּ֤אמֶר הַמֶּ֙לֶךְ֙ אֶל־נָתָ֣ן הַנָּבִ֔יא רְאֵ֣ה נָ֔א אָנֹכִ֥י
יוֹשֵׁ֖ב בְּבֵ֣ית אֲרָזִ֑ים וַֽאֲרוֹן֙ הָאֱלֹהִ֔ים יֹשֵׁ֖ב בְּת֥וֹךְ הַיְרִיעָֽה׃
ג וַיֹּ֤אמֶר נָתָן֙ אֶל־הַמֶּ֔לֶךְ כֹּ֛ל אֲשֶׁ֥ר בִּֽלְבָבְךָ֖ לֵ֣ךְ עֲשֵׂ֑ה כִּ֥י
ד יְהוָ֖ה עִמָּֽךְ׃ וַיְהִ֖י בַּלַּ֣יְלָה הַה֑וּא וַֽיְהִי֙ דְּבַר־
ה יְהוָ֔ה אֶל־נָתָ֖ן לֵאמֹֽר׃ לֵ֤ךְ וְאָֽמַרְתָּ֙ אֶל־עַבְדִּ֣י אֶל־דָּוִ֔ד
ו כֹּ֖ה אָמַ֣ר יְהוָ֑ה הַאַתָּ֛ה תִּבְנֶה־לִּ֥י בַ֖יִת לְשִׁבְתִּֽי׃ כִּ֣י לֹ֤א
יָשַׁ֙בְתִּי֙ בְּבַ֔יִת לְמִיּ֨וֹם הַעֲלֹתִ֜י אֶת־בְּנֵ֤י יִשְׂרָאֵל֙ מִמִּצְרַ֔יִם
ז וְעַ֖ד הַיּ֣וֹם הַזֶּ֑ה וָאֶהְיֶה֙ מִתְהַלֵּ֔ךְ בְּאֹ֖הֶל וּבְמִשְׁכָּֽן׃ בְּכֹ֥ל
אֲשֶׁר־הִתְהַלַּכְתִּי֮ בְּכָל־בְּנֵ֣י יִשְׂרָאֵל֒ הֲדָבָ֣ר דִּבַּ֗רְתִּי אֶת־אַחַד֙
שִׁבְטֵ֣י יִשְׂרָאֵ֔ל אֲשֶׁ֣ר צִוִּ֗יתִי לִרְע֛וֹת אֶת־עַמִּ֥י אֶת־יִשְׂרָאֵ֖ל
ח לֵאמֹ֑ר לָ֛מָּה לֹֽא־בְנִיתֶ֥ם לִ֖י בֵּ֥ית אֲרָזִֽים׃ וְעַתָּ֡ה כֹּֽה־תֹאמַ֞ר
לְעַבְדִּ֣י לְדָוִ֗ד כֹּ֤ה אָמַר֙ יְהוָ֣ה צְבָא֔וֹת אֲנִ֤י לְקַחְתִּ֙יךָ֙ מִן־
הַנָּוֶ֔ה מֵאַחַ֖ר הַצֹּ֑אן לִהְי֣וֹת נָגִ֔יד עַל־עַמִּ֖י עַל־יִשְׂרָאֵֽל׃
ט וָאֶהְיֶ֣ה עִמְּךָ֗ בְּכֹל֙ אֲשֶׁ֣ר הָלַ֔כְתָּ וָאַכְרִ֥תָה אֶת־כָּל־אֹיְבֶ֖יךָ

ו, יט׳ ס״פ לספרדים כ׳ פסקא באמצע פסוק כג׳ כצ״ל ז ד׳ פסקא באמצע פסוק

דעם גאַנצן המון פון ישראל, פון אַ מאַן ביז אַ פרוי, איטלעכן אַ חלה ברויט, און אַ חלק פלייש, און אַ ראָזינקע־קוכן. און דאָס גאַנצע פאָלק איז געגאַנגען איטלעכער צו זיין הויז.

20 און דוד האָט זיך אומגעקערט צו בענטשן זיין הויזגעזינט. איז מיכל די טאָכטער פון שָאולן אַרויסגעגאַנגען דודן אַנטקעגן, און האָט געזאָגט: וואָס פאַר אַ כבוד האָט זיך היינט אָנגעטאָן דער מלך פון ישראל, ווען ער האָט זיך היינט אָפּגעדעקט פאַר די אויגן פון די דינסטן פון זיינע קנעכט, אַזוי ווי אָפּדעקן דעקט זיך אָפּ איינער פון די נישטווערטיקע! 21 האָט דוד געזאָגט צו מיכלען: פאַר גאָט וואָס האָט אויסדערוויילט מיך איידער דיין פאָטער און איידער דיין גאַנץ הויז, מיך צו באַפעלן פאַר אַ פירשט איבער דעם פאָלק פון גאָט, איבער ישראל — פאַר גאָט וועל איך מיך פריילעך מאַכן. 22 און איך וועל זיך נאָך קלענער האַלטן ווי דאָס, און וועל זיין שָפל אין מיינע אויגן. און מיט די דינסטן וואָס דו זאָגסט, מיט זיי טו איך זיך אָן כבוד.

23 און מיכל די טאָכטער פון שָאולן, זי האָט ניט געהאַט קיין קינד ביז דעם טאָג פון איר טויט.

ז 1 און עס איז געווען, אַז דער מלך האָט זיך באַזעצט אין זיין הויז, און גאָט האָט אים באַרוט רונד אַרום פון אַלע זיינע פיינט, 2 האָט דער מלך געזאָגט צו נָתן דעם נביא: זע נאָר, איך וווין אין אַ הויז פון צעדערן, און דער אָרון פון גאָט וווינט אין פאָרהאַנגען. 3 האָט נָתן געזאָגט צום מלך: אַלץ וואָס אין דיין האַרצן גיי טו, וואָרום גאָט איז מיט דיר.

4 און עס איז געווען אין יענער נאַכט, איז דאָס וואָרט פון גאָט געווען צו נָתנען, אַזוי צו זאָגן: 5 גיי און זאָלסט זאָגן צו מיין קנעכט, צו דודן: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: ווילסט דו דען מיר בויען אַ הויז צום וווינען פאַר מיר? 6 אַז איך האָב ניט געוווינט אין אַ הויז פון דעם טאָג וואָס איך האָב אויפגעבראַכט די קינדער פון ישראל פון מִצרַיִם און ביז אויף היינטיקן טאָג, נייערט איך פלעג אומגיין אין אַ געצעלט און אין אַ מִשכָּן. 7 אומעטום ווו איך בין אומגעגאַנגען צווישן אַלע קינדער פון ישראל, צי האָב איך אַ וואָרט גערעדט מיט איינעם פון די שבטים פון ישראל, וואָס איך האָב באַפוילן צו פיטערן מיין פאָלק ישראל, אַזוי צו זאָגן: פאַרוואָס האָט איר מיר ניט געבויט אַ הויז פון צעדערן? 8 און אַצונד, זאָלסטו אַזוי זאָגן צו מיין קנעכט, צו דודן: אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון צבאָות: איך האָב דיך גענומען פון דעם פיטערפלאַץ, פון הינטער די שאָף, צו זיין אַ פירשט איבער מיין פאָלק, איבער ישראל. 9 און איך בין געווען מיט דיר אומעטום ווו דו ביסט געגאַנגען, און איך האָב פאַרשניטן אַלע דיינע פיינט

מִפָּנֶיךָ וְעָשִׂתִי לְךָ שֵׁם גָּדוֹל כְּשֵׁם הַגְּדֹלִים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ׃
וְשַׂמְתִּי מָקוֹם לְעַמִּי לְיִשְׂרָאֵל וּנְטַעְתִּיו וְשָׁכַן תַּחְתָּיו וְלֹא י
יִרְגַּז עוֹד וְלֹא־יֹסִיפוּ בְנֵי־עַוְלָה לְעַנּוֹתוֹ כַּאֲשֶׁר בָּרִאשׁוֹנָה׃
וּלְמִן־הַיּוֹם אֲשֶׁר צִוִּיתִי שֹׁפְטִים עַל־עַמִּי יִשְׂרָאֵל וַהֲנִיחֹתִי יא
לְךָ מִכָּל־אֹיְבֶיךָ וְהִגִּיד לְךָ יְהוָה כִּי־בַיִת יַעֲשֶׂה־לְּךָ יְהוָה׃
כִּי ׀ יִמְלְאוּ יָמֶיךָ וְשָׁכַבְתָּ אֶת־אֲבֹתֶיךָ וַהֲקִימֹתִי אֶת־זַרְעֲךָ יב
אַחֲרֶיךָ אֲשֶׁר יֵצֵא מִמֵּעֶיךָ וַהֲכִינֹתִי אֶת־מַמְלַכְתּוֹ׃ הוּא יג
יִבְנֶה־בַּיִת לִשְׁמִי וְכֹנַנְתִּי אֶת־כִּסֵּא מַמְלַכְתּוֹ עַד־עוֹלָם׃
אֲנִי אֶהְיֶה־לּוֹ לְאָב וְהוּא יִהְיֶה־לִּי לְבֵן אֲשֶׁר בְּהַעֲוֺתוֹ יד
וְהֹכַחְתִּיו בְּשֵׁבֶט אֲנָשִׁים וּבְנִגְעֵי בְּנֵי אָדָם׃ וְחַסְדִּי לֹא־ טו
יָסוּר מִמֶּנּוּ כַּאֲשֶׁר הֲסִרֹתִי מֵעִם שָׁאוּל אֲשֶׁר הֲסִרֹתִי
מִלְּפָנֶיךָ׃ וְנֶאְמַן בֵּיתְךָ וּמַמְלַכְתְּךָ עַד־עוֹלָם לְפָנֶיךָ כִּסְאֲךָ טז
יִהְיֶה נָכוֹן עַד־עוֹלָם׃ כְּכֹל הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וּכְכֹל הַחִזָּיוֹן יז
הַזֶּה כֵּן דִּבֶּר נָתָן אֶל־דָּוִד׃* וַיָּבֹא הַמֶּלֶךְ דָּוִד וַיֵּשֶׁב יח
לִפְנֵי יְהוָה וַיֹּאמֶר מִי אָנֹכִי אֲדֹנָי יְהוִה וּמִי בֵיתִי כִּי הֲבִיאֹתַנִי
עַד־הֲלֹם׃ וַתִּקְטַן עוֹד זֹאת בְּעֵינֶיךָ אֲדֹנָי יְהוִה וַתְּדַבֵּר יט
גַּם אֶל־בֵּית־עַבְדְּךָ לְמֵרָחוֹק וְזֹאת תּוֹרַת הָאָדָם אֲדֹנָי
יְהוִה׃ וּמַה־יּוֹסִיף דָּוִד עוֹד לְדַבֵּר אֵלֶיךָ וְאַתָּה יָדַעְתָּ כ
אֶת־עַבְדְּךָ אֲדֹנָי יְהוִה׃ בַּעֲבוּר דְּבָרְךָ וּכְלִבְּךָ עָשִׂיתָ כא
אֵת כָּל־הַגְּדוּלָּה הַזֹּאת לְהוֹדִיעַ אֶת־עַבְדֶּךָ׃ עַל־כֵּן גָּדַלְתָּ כב
יְהוָה אֱלֹהִים כִּי־אֵין כָּמוֹךָ וְאֵין אֱלֹהִים זוּלָתֶךָ בְּכֹל
אֲשֶׁר־שָׁמַעְנוּ בְּאָזְנֵינוּ׃ וּמִי כְעַמְּךָ כְּיִשְׂרָאֵל גּוֹי אֶחָד כג
בָּאָרֶץ אֲשֶׁר הָלְכוּ־אֱלֹהִים לִפְדּוֹת־לוֹ לְעָם וְלָשׂוּם לוֹ
שֵׁם וְלַעֲשׂוֹת לָכֶם הַגְּדוּלָּה וְנֹרָאוֹת לְאַרְצֶךָ מִפְּנֵי עַמְּךָ
אֲשֶׁר פָּדִיתָ לְּךָ מִמִּצְרַיִם גּוֹיִם וֵאלֹהָיו׃ וַתְּכוֹנֵן לְךָ אֶת־ כד
עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל ׀ לְךָ לְעָם עַד־עוֹלָם וְאַתָּה יְהוָה הָיִיתָ לָהֶם
לֵאלֹהִים׃ וְעַתָּה יְהוָה אֱלֹהִים הַדָּבָר אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ עַל־ כה

יז׳ ע״כ לאשכנזים   כא׳ כג׳ שורק עם הדגש   כב׳ ס״א בכל

פון פאַר דיר; און איך וועל דיר מאַכן אַ גרויסן נאָמען, אַזוי ווי דער נאָמען פון די גרעסטע וואָס אויף דער ערד. 10 און איך וועל מאַכן אַן אָרט פאַר מײַן פאָלק, פאַר ישׂראל, און וועל אים אײַנפלאַנצן, ער זאָל רוען אויף זײַן אָרט, און מער ניט ציטערן; און פאַרברעכער זאָלן אים מער ניט פּײַניקן אַזוי ווי צוערשט, 11 פון דעם טאָג וואָס איך האָב באַפוילן שופטים איבער מײַן פאָלק ישׂראל; און איך וועל דיך באַרוען פון אַלע דײַנע פײַנט. און גאָט זאָגט דיר אָן, אַז גאָט וועט דיר מאַכן אַ הויז. 12 אַז דײַנע טעג וועלן דערפילט ווערן, און וועסט זיך לייגן מיט דײַנע עלטערן, וועל איך אויפשטעלן דײַן זאָמען נאָך דיר, דעם וואָס וועט אַרויסגיין פון דײַנע אינגעווייד, און איך וועל באַפעסטיקן זײַן מלוכה. 13 ער וועט בויען אַ הויז צו מײַן נאָמען, און איך וועל באַפעסטיקן דעם טראָן פון זײַן מלוכה ביז אויף אייביק. 14 איך וועל אים זײַן פאַר אַ פאָטער, און ער וועט מיר זײַן פאַר אַ זון, אַז ווען ער פאַרברעכט, וועל איך אים שטראָפן מיט דער רוט פון מענטשן, און מיט די פּלאָגן פון מענטשנקינדער. 15 אָבער מײַן חסד וועט זיך ניט אָפּטאָן פון אים, אַזוי ווי איך האָב אָפּגעטאָן פון שָאולן, וועמען איך האָב אָפּגעטאָן פון פאַר דיר. 16 און דײַן הויז און דײַן מלוכה וועלן ביז אייביק זײַן זיכער פאַר דיר; דײַן טראָן וועט זײַן פעסט ביז אייביק.

17 אַזוי ווי אַלע דידאָזיקע ווערטער, און אַזוי ווי דידאָזיקע גאַנצע זעאונג, אַזוי האָט נָתָן גערעדט צו דודן.

18 און דער מלך דוד איז געקומען, און האָט זיך געזעצט פאַר גאָט, און האָט געזאָגט: ווער בין איך, גאָט דו האַר, און ווער איז מײַן הויז, וואָס דו האָסט מיך געבראַכט ביז אַהער? 19 און דאָס איז נאָך געווען קלײן אין דײַנע אויגן, גאָט דו האַר, און דו האָסט אויך גערעדט וועגן דײַן קנעכטס הויז אויף ווייטער אַהין, וואָס דאָס איז נאָר דער שטייגער מיט אַ לײַט, גאָט דו האַר. 20 און וואָס מער נאָך זאָל דוד רעדן צו דיר? דו קענסט דאָך דײַן קנעכט, גאָט דו האַר. 21 פון וועגן דײַן וואָרט, און לויט דײַן האַרצן, האָסטו געטאָן, צו לאָזן וויסן דײַן קנעכט דידאָזיקע גאַנצע גדולה. 22 דעריבער ביסטו גרויס, יהוה דו גאָט, וואָרום ניטאָ אַזאַ ווי דו, און ניטאָ קיין גאָט אַחוץ דיר, לויט אַלץ וואָס מיר האָבן געהערט מיט אונדזערע אויערן. 23 און וואָסער אײנציקע אומה אויף דער ערד איז אַזוי ווי דײַן פאָלק ישׂראל, וואָס גאָט איז געגאַנגען אויסלייזן זיך צום פאָלק, און זיך צו מאַכן אַ נאָמען, און צו טאָן־פון אײערטוועגן־גרויס׳, און פאָרכטיקע זאַכן, פאַר דײַן לאַנד, [צו פאַרטרײַבן] פון פאַר דײַן פאָלק וואָס דו האָסט דיר אויסגעלייזט פון מִצרַיִם, אומות מיט זייערע געטער? 24 און דו האָסט דיר באַפעסטיקט דײַן פאָלק ישׂראל דיר צום פאָלק אויף אייביק, און דו, יהוה, ביסט געוואָרן זיי צום גאָט. 25 און אַצונד, יהוה דו גאָט, דאָס וואָרט וואָס דו האָסט גערעדט וועגן

דײַן קנעכט. און װעגן זײַן הױז, זײ מקיים אױף אײביק, און טו אַזױ װי דו האָסט גערעדט. [26] און זאָל געגרײסט װערן דײַן נאָמען ביז אײביק, אַזױ צו זאָגן: יהוה פֿון צבָאות איז דער גאָט איבער ישׂראל; און דאָס הױז פֿון דײַן קנעכט דודן זאָל זײַן פֿעסט פֿאַר דיר. [27] װאָרום דו, יהוה פֿון צבָאות, דער גאָט איבער ישׂראל, האָסט אַנטפּלעקט דעם אױער פֿון דײַן קנעכט, אַזױ צו זאָגן: איך װעל דיר בױען אַ הױז; דרום האָט דײַן קנעכט געפֿונען בײַ זיך האַרץ מתפּלל צו זײַן צו דיר דידאָזיקע תּפילה. [28] און אַצונד, יהוה גאָט, דו ביסט גאָט, און דײַנע װערטער מוזן זײַן אמת, און דו האָסט צוגעזאָגט דײַן קנעכט דאָסדאָזיקע גוטס; [29] דרום באַװיליק אַצונד, און בענטש דאָס הױז פֿון דײַן קנעכט צו זײַן אױף אײביק פֿאַר דיר, װאָרום דו גאָט דער האַר האָסט גערעדט; און פֿון דײַן ברכה זאָל דאָס הױז פֿון דײַן קנעכט געבענטשט װערן אױף אײביק.

ח [1] און עס איז געװען נאָך דעם, האָט דוד געשלאָגן די פּלִשתּים, און האָט זײ געמאַכט אונטערטעניק, און דוד האָט צוגענומען מֶתֶג־אַמָּה פֿון דער האַנט פֿון די פּלִשתּים.

[2] און ער האָט געשלאָגן מוֹאָב, און האָט זײ געמאָסטן מיט אַ שנור, זײ אױסלײגנדיק אױף דער ערד; און ער האָט אָפּגעמאָסטן צװײ שנורן צו טײטן, און אײן פֿולע שנור צו לאָזן לעבן. און מוֹאָב איז געװאָרן צו דודן קנעכט װאָס ברענגען אָפּגאָב.

[3] און דוד האָט געשלאָגן הֲדַדְעֶזֶר דעם זון פֿון רחובן, דעם מלך פֿון צוֹבָה, בעת ער איז געגאַנגען צוריקקריגן זײַן איבערהאַנט בײַם טײַך פּרָת. [4] און דוד האָט באַצװוּנגען פֿון אים טױזנט און זיבן הונדערט רײַטער, און צװאַנציק טױזנט פֿוסגײער; און דוד האָט געלײמט אַלע געשפּאַנען, נאָר איבערגעלאָזט פֿון זײ הונדערט געשפּאַן.

[5] איז אֲרָם פֿון דַמֶשֶׂק געקומען העלפֿן הֲדַדְעֶזֶר דעם מלך פֿון צוֹבָה, און דוד האָט געשלאָגן פֿון אֲרָם צװײ און צװאַנציק טױזנט מאַן. [6] און דוד האָט געשטעלט װאַכן אין אֲרָם פֿון דַמֶשֶׂק, און אֲרָם איז געװאָרן צו דודן קנעכט װאָס ברענגען אָפּגאָב.

און גאָט האָט געהאָלפֿן דודן אומעטום װוּ ער איז געגאַנגען.

[7] און דוד האָט גענומען די גילדערנע שילדן װאָס זײַנען געװען אױף הֲדַדְעֶזֶרס קנעכט, און ער האָט זײ געבראַכט קײן ירושָלַיִם. [8] און פֿון בֶּטַח און פֿון בֵּרוֹתַי, הֲדַדְעֶזֶרס שטעט, האָט דער מלך דוד צוגענומען קופּער זײער פֿיל.

[9] און תּוֹעִי דער מלך פֿון חֲמָת האָט געהערט אַז דוד האָט געשלאָגן דעם גאַנצן חיל פֿון הֲדַדְעֶזֶרן, [10] און תּוֹעִי האָט געשיקט זײַן זון יוֹרָמען צום מלך דוד, אים צו פֿרעגן אױף פֿריד און אים אָנצװוּנטשן, פֿאַרװאָס ער האָט מלחמה געהאַלטן

עַבְדְּךָ וְעַל־בֵּיתוֹ הָקֵם עַד־עוֹלָם וַעֲשֵׂה כַּאֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ׃
כו וְיִגְדַּל שִׁמְךָ עַד־עוֹלָם לֵאמֹר יְהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהִים עַל־
כז יִשְׂרָאֵל וּבֵית עַבְדְּךָ דָוִד יִהְיֶה נָכוֹן לְפָנֶיךָ׃ כִּי־אַתָּה יְהוָה
צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל גָּלִיתָה אֶת־אֹזֶן עַבְדְּךָ לֵאמֹר בַּיִת
אֶבְנֶה־לָּךְ עַל־כֵּן מָצָא עַבְדְּךָ אֶת־לִבּוֹ לְהִתְפַּלֵּל אֵלֶיךָ אֶת־
כח הַתְּפִלָּה הַזֹּאת׃ וְעַתָּה ׀ אֲדֹנָי יְהוִה אַתָּה־הוּא הָאֱלֹהִים
וּדְבָרֶיךָ יִהְיוּ אֱמֶת וַתְּדַבֵּר אֶל־עַבְדְּךָ אֶת־הַטּוֹבָה הַזֹּאת׃
כט וְעַתָּה הוֹאֵל וּבָרֵךְ אֶת־בֵּית עַבְדְּךָ לִהְיוֹת לְעוֹלָם לְפָנֶיךָ כִּי־
אַתָּה אֲדֹנָי יְהוִה דִּבַּרְתָּ וּמִבִּרְכָתְךָ יְבֹרַךְ בֵּית־עַבְדְּךָ לְעוֹלָם׃

ח

א וַיְהִי אַחֲרֵי־כֵן וַיַּךְ דָּוִד אֶת־פְּלִשְׁתִּים וַיַּכְנִיעֵם וַיִּקַּח דָּוִד
ב אֶת־מֶתֶג הָאַמָּה מִיַּד פְּלִשְׁתִּים׃ וַיַּךְ אֶת־מוֹאָב וַיְמַדְּדֵם
בַּחֶבֶל הַשְׁכֵּב אוֹתָם אַרְצָה וַיְמַדֵּד שְׁנֵי־חֲבָלִים לְהָמִית
וּמְלֹא הַחֶבֶל לְהַחֲיוֹת וַתְּהִי מוֹאָב לְדָוִד לַעֲבָדִים נֹשְׂאֵי
ג מִנְחָה׃ וַיַּךְ דָּוִד אֶת־הֲדַדְעֶזֶר בֶּן־רְחֹב מֶלֶךְ צוֹבָה בְּלֶכְתּוֹ
ד לְהָשִׁיב יָדוֹ בִּנְהַר־׃ וַיִּלְכֹּד דָּוִד מִמֶּנּוּ אֶלֶף וּשְׁבַע־
מֵאוֹת פָּרָשִׁים וְעֶשְׂרִים אֶלֶף אִישׁ רַגְלִי וַיְעַקֵּר דָּוִד אֶת־
ה כָּל־הָרֶכֶב וַיּוֹתֵר מִמֶּנּוּ מֵאָה רָכֶב׃ וַתָּבֹא אֲרַם דַּמֶּשֶׂק
לַעְזֹר לַהֲדַדְעֶזֶר מֶלֶךְ צוֹבָה וַיַּךְ דָּוִד בַּאֲרָם עֶשְׂרִים־
ו וּשְׁנַיִם אֶלֶף אִישׁ׃ וַיָּשֶׂם דָּוִד נְצִבִים בַּאֲרַם דַּמֶּשֶׂק וַתְּהִי
אֲרָם לְדָוִד לַעֲבָדִים נוֹשְׂאֵי מִנְחָה וַיֹּשַׁע יְהוָה אֶת־דָּוִד
ז בְּכֹל אֲשֶׁר הָלָךְ׃ וַיִּקַּח דָּוִד אֵת שִׁלְטֵי הַזָּהָב אֲשֶׁר הָיוּ
ח אֶל עַבְדֵי הֲדַדְעָזֶר וַיְבִיאֵם יְרוּשָׁלִָם׃ וּמִבֶּטַח וּמִבֵּרֹתַי
עָרֵי הֲדַדְעָזֶר לָקַח הַמֶּלֶךְ דָּוִד נְחֹשֶׁת הַרְבֵּה מְאֹד׃
ט וַיִּשְׁמַע תֹּעִי מֶלֶךְ חֲמָת כִּי הִכָּה דָוִד אֵת כָּל־חֵיל הֲדַדְעָזֶר׃
י וַיִּשְׁלַח תֹּעִי אֶת־יוֹרָם־בְּנוֹ אֶל־הַמֶּלֶךְ־דָּוִד לִשְׁאָל־לוֹ
לְשָׁלוֹם וּלְבָרְכוֹ עַל אֲשֶׁר נִלְחַם בַּהֲדַדְעֶזֶר וַיַּכֵּהוּ כִּי־

ז, כה׳ פתח בס״ס   ח, ג׳ פרת קרי ולא כתיב

אִישׁ מִלְחֲמוֹת תֹּעִי הָיָה הֲדַדְעָזֶר וּבְיָדוֹ הָיוּ כְּלֵי־כֶסֶף וּכְלֵי־
יא זָהָב וּכְלֵי נְחֹשֶׁת׃ גַּם־אֹתָם הִקְדִּישׁ הַמֶּלֶךְ דָּוִד לַיהוָה עִם־
הַכֶּסֶף וְהַזָּהָב אֲשֶׁר הִקְדִּישׁ מִכָּל־הַגּוֹיִם אֲשֶׁר כִּבֵּשׁ׃
יב מֵאֲרָם וּמִמּוֹאָב וּמִבְּנֵי עַמּוֹן וּמִפְּלִשְׁתִּים וּמֵעֲמָלֵק וּמִשְּׁלַל
יג הֲדַדְעֶזֶר בֶּן־רְחֹב מֶלֶךְ צוֹבָה׃ וַיַּעַשׂ דָּוִד שֵׁם בְּשֻׁבוֹ
יד מֵהַכּוֹתוֹ אֶת־אֲרָם בְּגֵיא־מֶלַח שְׁמוֹנָה עָשָׂר אָלֶף׃ וַיָּשֶׂם
בֶּאֱדוֹם נְצִבִים בְּכָל־אֱדוֹם שָׂם נְצִבִים וַיְהִי כָל־אֱדוֹם
טו עֲבָדִים לְדָוִד וַיּוֹשַׁע יְהוָה אֶת־דָּוִד בְּכֹל אֲשֶׁר הָלָךְ׃ וַיִּמְלֹךְ
דָּוִד עַל־כָּל־יִשְׂרָאֵל וַיְהִי דָוִד עֹשֶׂה מִשְׁפָּט וּצְדָקָה לְכָל־
טז עַמּוֹ׃ וְיוֹאָב בֶּן־צְרוּיָה עַל־הַצָּבָא וִיהוֹשָׁפָט בֶּן־אֲחִילוּד
יז מַזְכִּיר׃ וְצָדוֹק בֶּן־אֲחִיטוּב וַאֲחִימֶלֶךְ בֶּן־אֶבְיָתָר כֹּהֲנִים
יח וּשְׂרָיָה סוֹפֵר׃ וּבְנָיָהוּ בֶּן־יְהוֹיָדָע וְהַכְּרֵתִי וְהַפְּלֵתִי וּבְנֵי
דָוִד כֹּהֲנִים הָיוּ׃

## ט

א וַיֹּאמֶר דָּוִד הֲכִי יֶשׁ־עוֹד אֲשֶׁר נוֹתַר לְבֵית שָׁאוּל וְאֶעֱשֶׂה
ב עִמּוֹ חֶסֶד בַּעֲבוּר יְהוֹנָתָן׃ וּלְבֵית שָׁאוּל עֶבֶד וּשְׁמוֹ
צִיבָא וַיִּקְרְאוּ־לוֹ אֶל־דָּוִד וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֵלָיו הַאַתָּה
ג צִיבָא וַיֹּאמֶר עַבְדֶּךָ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ הַאֶפֶס עוֹד אִישׁ
לְבֵית שָׁאוּל וְאֶעֱשֶׂה עִמּוֹ חֶסֶד אֱלֹהִים וַיֹּאמֶר צִיבָא
ד אֶל־הַמֶּלֶךְ עוֹד בֵּן לִיהוֹנָתָן נְכֵה רַגְלָיִם׃ וַיֹּאמֶר־לוֹ הַמֶּלֶךְ
אֵיפֹה הוּא וַיֹּאמֶר צִיבָא אֶל־הַמֶּלֶךְ הִנֵּה־הוּא בֵּית מָכִיר
ה בֶּן־עַמִּיאֵל בְּלוֹ דְבָר׃ וַיִּשְׁלַח הַמֶּלֶךְ דָּוִד וַיִּקָּחֵהוּ מִבֵּית
ו מָכִיר בֶּן־עַמִּיאֵל מִלּוֹ דְבָר׃ וַיָּבֹא מְפִיבֹשֶׁת בֶּן־יְהוֹנָתָן
בֶּן־שָׁאוּל אֶל־דָּוִד וַיִּפֹּל עַל־פָּנָיו וַיִּשְׁתָּחוּ וַיֹּאמֶר דָּוִד
ז מְפִיבֹשֶׁת וַיֹּאמֶר הִנֵּה עַבְדֶּךָ׃ וַיֹּאמֶר לוֹ דָוִד אַל־תִּירָא
כִּי עָשֹׂה אֶעֱשֶׂה עִמְּךָ חֶסֶד בַּעֲבוּר יְהוֹנָתָן אָבִיךָ וַהֲשִׁבֹתִי
לְךָ אֶת־כָּל־שְׂדֵה שָׁאוּל אָבִיךָ וְאַתָּה תֹּאכַל לֶחֶם עַל־
ח שֻׁלְחָנִי תָּמִיד׃ וַיִּשְׁתַּחוּ וַיֹּאמֶר מָה עַבְדֶּךָ כִּי פָנִיתָ אֶל־

מיט הַדַדעֶזֶרן, און אים געשלאָגן, וואָרום הַדַדעֶזֶר האָט געהאַט מלחמות מיט תּוֹעִין; און ער האָט געבראַכט מיט זיך זילבערנע כּלים און גילדערנע כּלים און קופּערנע כּלים. [11] זיי אויך האָט דער מלך דוד געהייליקט צו גאָט, מיט דעם זילבער און דעם גאָלד וואָס ער האָט געהייליקט פון אַלע פעלקער וואָס ער האָט באַצוווּנגען: [12] פון אַרָם, און פון מוֹאָב, און פון די קינדער פון עַמוֹן, און פון די פּלִשתּים, און פון עֲמָלֵק, און פון דעם רויב פון הַדַדעֶזֶר דעם זון פון רחוֹבן, דעם מלך פון צוֹבָה.

[13] און דוד האָט זיך געמאַכט אַ שם, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון שלאָגן אַרָם אין טאָל פון זאַלץ—אַכצן טויזנט מאַן. [14] און ער האָט געשטעלט וואַכן אין אֶדוֹם; אין גאַנץ אֶדוֹם האָט ער געשטעלט וואַכן. און גאַנץ אֶדוֹם איז געוואָרן קנעכט צו דודן.

און גאָט האָט געהאָלפן דודן אומעטום ווו ער איז געגאַנגען. [15] און דוד האָט געקיניגט איבער גאַנץ ישׂראל. און דוד האָט געטאָן רעכט און גערעכטיקייט צו זיין גאַנצן פאָלק.

[16] און יוֹאָב דער זון פון צרוּיָהן איז געווען איבערן חיל; און יהוֹשָׁפָט דער זון פון אַחילוּדן, דער דערמאָנער; [17] און צָדוֹק דער זון פון אַחיטוּבן, און אַחימֶלֶך דער זון פון אֶביָתָרן, כּהנים; און שׂרָיָה, דער שרייבער; [18] און בּנָיָהוּ דער זון פון יהוֹיָדָען, איבער די כּרֵתים און די פּלֵתים; און די זין פון דודן זיינען געווען אויבערלייט.

ט [1] און דוד האָט געזאָגט: איז נאָך ווער דאָ וואָס איז געבליבן פון שָׁאוּלס הויז, אַז איך זאָל קענען טאָן מיט אים חסד פון יהוֹנָתָנס וועגן?

[2] איז געווען פון שָׁאוּלס הויז אַ קנעכט וואָס זיין נאָמען איז געווען ציבָא; האָט מען אים גערופן צו דודן, און דער מלך האָט צו אים געזאָגט: ביסט דו ציבָא? האָט ער געזאָגט: דיין קנעכט! [3] האָט דער מלך געזאָגט: איז ניטאָ מער עמיצער פון שָׁאוּלס הויז, אַז איך זאָל קענען טאָן מיט אים אַ גאָטס חסד? האָט ציבָא געזאָגט צום מלך: פאַראַן נאָך אַ זון פון יהוֹנָתָנען, אַ לאָמער אויף די פיס. [4] האָט דער מלך צו אים געזאָגט: אַווו איז ער? האָט ציבָא געזאָגט צום מלך: זע, ער איז אין הויז פון מָכיר דעם זון פון עַמיאֵלן אין לוֹ־דבָר. [5] האָט דער מלך דוד געשיקט, און האָט אים צוגענומען פון דעם הויז פון מָכירן דעם זון פון עַמיאֵלן פון לוֹ־דבָר. [6] און מפיבוֹשֶׁת דער זון פון יהוֹנָתָן דעם זון פון שָׁאוּלן איז געקומען צו דודן, און ער איז געפאַלן אויף זיין פנים, און האָט זיך געבוקט. האָט דוד געזאָגט: מפיבוֹשֶׁת! האָט ער געזאָגט: דאָ איז דיין קנעכט. [7] האָט דוד צו אים געזאָגט: זאָלסט ניט מורא האָבן, וואָרום טאָן וועל איך טאָן מיט דיר חסד פון דיין פאָטער יהוֹנָתָנס וועגן, און איך וועל דיר אומקערן דאָס גאַנצע פעלד פון דיין פאָטער שָׁאוּלן, און דו וועסט עסן ברויט ביי מיין טיש תּמיד. [8] האָט ער זיך געבוקט און האָט געזאָגט: וואָס

איז דיין קנעכט, אַז דו זאָלסט זיך אומקוקן אויף אַזאַ טויטן הונט ווי איך?

9 און דער מלך האָט גערופֿן ציבאָן, שאָולס דינער, און האָט צו אים געזאָגט: אַלץ וואָס האָט געהערט צו שאָולן און צו זיין גאַנצן הויז, האָב איך אָפּגעגעבן צו דעם זון פֿון דיין האַר. 10 און וועסט באַאַרבעטן פֿאַר אים די ערד, דו און דיינע זין, און דיינע קנעכט, און וועסט אַריינברענגען די תּבֿואה, און עס וועט זיין פֿאַר דיין האַרס זון ברויט צום עסן; און מפֿיבֿושת דיין האַרס זון וועט עסן ברויט ביי מיין טיש תּמיד.–און ציבאָ האָט געהאַט פֿופֿצן זין און צוואַנציק קנעכט.– 11 האָט ציבאָ געזאָגט צום מלך: אַזוי ווי אַלץ וואָס מיין האַר דער מלך באַפֿעלט זיין קנעכט, אַזוי וועט דיין קנעכט טאָן. און מפֿיבֿושת–ער עסט אויך ביי מיין טיש אַזוי ווי איינער פֿון דעם מלכס זין.

12 און מפֿיבֿושת האָט געהאַט אַ קליינעם זון וואָס זיין נאָמען איז געווען מיכאָ. און די גאַנצע באַוווינערשאַפֿט פֿון ציבאָס הויז איז געווען קנעכט צו מפֿיבֿושתן. 13 און מפֿיבֿושת איז געזעסן אין ירושלים, וואָרום ביים מלכס טיש האָט ער תּמיד געגעסן. און ער איז געווען אַ הינקעדיקער אויף זיינע ביידע פֿיס.

י 1 און עס איז געווען נאָך דעם, איז געשטאָרבן דער מלך פֿון די קינדער פֿון עמון, און זיין זון חנון איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט. 2 האָט דוד געזאָגט: לאָמיך טאָן אַ פֿריינטלעכקייט מיט חנון דעם זון פֿון נחשן, אַזוי ווי זיין פֿאָטער האָט געטאָן אַ פֿריינטלעכקייט מיט מיר. און דוד האָט געשיקט דורך זיינע קנעכט אים צו טרייסטן נאָך זיין פֿאָטער. און דודס קנעכט זיינען געקומען אין לאַנד פֿון די קינדער פֿון עמון.

3 האָבן די האַרן פֿון די קינדער פֿון עמון געזאָגט צו חנון זייער האַר: צי מיינסטו אַז דוד וויל טאָן כּבֿוד דיין פֿאָטער, וואָס ער האָט געשיקט צו דיר טרייסטער? דאָך נאָר אויסצופֿאָרשן די שטאָט און זי אויסצוקוקן און זי דורכצונישטערן האָט דוד געשיקט זיינע קנעכט צו דיר.

4 האָט חנון גענומען דודס קנעכט און האָט זיי אָפּגעגאָלט אַ העלפֿט באָרד, און אָפּגעשניטן זייערע קליידער אין העלפֿט, ביז זייער געזעס, און זיי אַוועקגעשיקט.

5 האָט מען אָנגעזאָגט דודן, און ער האָט געשיקט זיי אַנטקעגן, וואָרום די מענטשן האָבן זיך זייער געשעמט. און דער מלך האָט געלאָזט זאָגן: זיצט אין יריחו ביז אייער באָרד וועט אָפּוואַקסן, און איר וועט זיך אומקערן.

6 האָבן די קינדער פֿון עמון געזען אַז זיי האָבן זיך פֿאַרמיאוסט ביי דודן, און די קינדער פֿון עמון האָבן געשיקט און געדונגען אַרם פֿון בית־רחובֿ, און אַרם פֿון צובֿאָ, צוואַנציק טויזנט פֿוסגייער, און דעם מלך פֿון מעכה מיט טויזנט מאַן, און די מענער פֿון טובֿ, צוועלף טויזנט מאַן.

7 האָט דוד דערהערט, און ער האָט געשיקט יואָבֿן און דעם גאַנצן חיל, די גיבורים.

ט הַכֶּלֶב הַמֵּת אֲשֶׁר כָּמוֹנִי׃ וַיִּקְרָא הַמֶּלֶךְ אֶל־צִיבָא נַעַר
שָׁאוּל וַיֹּאמֶר אֵלָיו כֹּל אֲשֶׁר הָיָה לְשָׁאוּל וּלְכָל־בֵּיתוֹ נָתַתִּי
י לְבֶן־אֲדֹנֶיךָ׃ וְעָבַדְתָּ לּוֹ אֶת־הָאֲדָמָה אַתָּה וּבָנֶיךָ וַעֲבָדֶיךָ
וְהֵבֵאתָ וְהָיָה לְבֶן־אֲדֹנֶיךָ לֶּחֶם וַאֲכָלוֹ וּמְפִיבֹשֶׁת בֶּן
אֲדֹנֶיךָ יֹאכַל תָּמִיד לֶחֶם עַל־שֻׁלְחָנִי וּלְצִיבָא חֲמִשָּׁה עָשָׂר
יא בָּנִים וְעֶשְׂרִים עֲבָדִים׃ וַיֹּאמֶר צִיבָא אֶל־הַמֶּלֶךְ כְּכֹל אֲשֶׁר
יְצַוֶּה אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ אֶת־עַבְדּוֹ כֵּן יַעֲשֶׂה עַבְדֶּךָ וּמְפִיבֹשֶׁת
יב אֹכֵל עַל־שֻׁלְחָנִי כְּאַחַד מִבְּנֵי הַמֶּלֶךְ׃ וְלִמְפִיבֹשֶׁת בֵּן־קָטָן
וּשְׁמוֹ מִיכָא וְכֹל מוֹשַׁב בֵּית־צִיבָא עֲבָדִים לִמְפִיבֹשֶׁת׃
יג וּמְפִיבֹשֶׁת יֹשֵׁב בִּירוּשָׁלַםִ כִּי עַל־שֻׁלְחַן הַמֶּלֶךְ תָּמִיד הוּא
אֹכֵל וְהוּא פִּסֵּחַ שְׁתֵּי רַגְלָיו׃

י

א וַיְהִי אַחֲרֵי־כֵן וַיָּמָת מֶלֶךְ בְּנֵי עַמּוֹן וַיִּמְלֹךְ חָנוּן בְּנוֹ
ב תַּחְתָּיו׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶעֱשֶׂה־חֶסֶד ׀ עִם־חָנוּן בֶּן־נָחָשׁ
כַּאֲשֶׁר עָשָׂה אָבִיו עִמָּדִי חֶסֶד וַיִּשְׁלַח דָּוִד לְנַחֲמוֹ בְּיַד־
ג עֲבָדָיו אֶל־אָבִיו וַיָּבֹאוּ עַבְדֵי דָוִד אֶרֶץ בְּנֵי עַמּוֹן׃ וַיֹּאמְרוּ
שָׂרֵי בְנֵי־עַמּוֹן אֶל־חָנוּן אֲדֹנֵיהֶם הַמְכַבֵּד דָּוִד אֶת־אָבִיךָ
בְּעֵינֶיךָ כִּי־שָׁלַח לְךָ מְנַחֲמִים הֲלוֹא בַּעֲבוּר חֲקוֹר אֶת־
הָעִיר וּלְרַגְּלָהּ וּלְהָפְכָהּ שָׁלַח דָּוִד אֶת־עֲבָדָיו אֵלֶיךָ׃
ד וַיִּקַּח חָנוּן אֶת־עַבְדֵי דָוִד וַיְגַלַּח אֶת־חֲצִי זְקָנָם וַיִּכְרֹת
ה אֶת־מַדְוֵיהֶם בַּחֵצִי עַד־שְׁתוֹתֵיהֶם וַיְשַׁלְּחֵם׃ וַיַּגִּדוּ לְדָוִד
וַיִּשְׁלַח לִקְרָאתָם כִּי־הָיוּ הָאֲנָשִׁים נִכְלָמִים מְאֹד וַיֹּאמֶר
ו הַמֶּלֶךְ שְׁבוּ בִירֵחוֹ עַד־יְצַמַּח זְקַנְכֶם וְשַׁבְתֶּם׃ וַיִּרְאוּ
בְּנֵי עַמּוֹן כִּי נִבְאֲשׁוּ בְּדָוִד וַיִּשְׁלְחוּ בְנֵי־עַמּוֹן וַיִּשְׂכְּרוּ
אֶת־אֲרַם בֵּית־רְחוֹב וְאֶת־אֲרַם צוֹבָא עֶשְׂרִים אֶלֶף רַגְלִי
וְאֶת־מֶלֶךְ מַעֲכָה אֶלֶף אִישׁ וְאִישׁ טוֹב שְׁנֵים־עָשָׂר אֶלֶף
ז אִישׁ׃ וַיִּשְׁמַע דָּוִד וַיִּשְׁלַח אֶת־יוֹאָב וְאֵת כָּל־הַצָּבָא

ט, יב׳ דכי מרי

ח הַגִּבֹּרִים׃ וַיֵּצְאוּ בְּנֵי עַמּוֹן וַיַּעַרְכוּ מִלְחָמָה פֶּתַח הַשָּׁעַר
וַאֲרַם צוֹבָא וּרְחוֹב וְאִישׁ־טוֹב וּמַעֲכָה לְבַדָּם בַּשָּׂדֶה׃
ט וַיַּרְא יוֹאָב כִּי־הָיְתָה אֵלָיו פְּנֵי הַמִּלְחָמָה מִפָּנִים וּמֵאָחוֹר
י וַיִּבְחַר מִכֹּל בְּחוּרֵי בְּיִשְׂרָאֵל וַיַּעֲרֹךְ לִקְרַאת אֲרָם׃ וְאֵת
יֶתֶר הָעָם נָתַן בְּיַד אַבְשַׁי אָחִיו וַיַּעֲרֹךְ לִקְרַאת בְּנֵי עַמּוֹן׃
יא וַיֹּאמֶר אִם־תֶּחֱזַק אֲרָם מִמֶּנִּי וְהָיְתָה לִּי לִישׁוּעָה וְאִם־
יב בְּנֵי עַמּוֹן יֶחֶזְקוּ מִמְּךָ וְהָלַכְתִּי לְהוֹשִׁיעַ לָךְ׃ חֲזַק וְנִתְחַזַּק
בְּעַד עַמֵּנוּ וּבְעַד עָרֵי אֱלֹהֵינוּ וַיהוָה יַעֲשֶׂה הַטּוֹב בְּעֵינָיו׃
יג וַיִּגַּשׁ יוֹאָב וְהָעָם אֲשֶׁר עִמּוֹ לַמִּלְחָמָה בַּאֲרָם וַיָּנֻסוּ
יד מִפָּנָיו׃ וּבְנֵי עַמּוֹן | רָאוּ כִּי־נָס אֲרָם וַיָּנֻסוּ מִפְּנֵי אֲבִישַׁי
וַיָּבֹאוּ הָעִיר וַיָּשָׁב יוֹאָב מֵעַל בְּנֵי עַמּוֹן וַיָּבֹא יְרוּשָׁלִָם׃
טו טז וַיַּרְא אֲרָם כִּי נִגַּף לִפְנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֵּאָסְפוּ יָחַד׃ וַיִּשְׁלַח
הֲדַדְעֶזֶר וַיֹּצֵא אֶת־אֲרָם אֲשֶׁר מֵעֵבֶר הַנָּהָר וַיָּבֹאוּ
יז חֵילָם וְשׁוֹבַךְ שַׂר־צְבָא הֲדַדְעֶזֶר לִפְנֵיהֶם׃ וַיֻּגַּד לְדָוִד
וַיֶּאֱסֹף אֶת־כָּל־יִשְׂרָאֵל וַיַּעֲבֹר אֶת־הַיַּרְדֵּן וַיָּבֹא חֵלָאמָה
יח וַיַּעַרְכוּ אֲרָם לִקְרַאת דָּוִד וַיִּלָּחֲמוּ עִמּוֹ׃ וַיָּנָס אֲרָם
מִפְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיַּהֲרֹג דָּוִד מֵאֲרָם שְׁבַע מֵאוֹת רֶכֶב וְאַרְבָּעִים
אֶלֶף פָּרָשִׁים וְאֵת שׁוֹבַךְ שַׂר־צְבָאוֹ הִכָּה וַיָּמָת שָׁם׃
יט וַיִּרְאוּ כָל־הַמְּלָכִים עַבְדֵי הֲדַדְעֶזֶר כִּי נִגְּפוּ לִפְנֵי יִשְׂרָאֵל
וַיַּשְׁלִמוּ אֶת־יִשְׂרָאֵל וַיַּעַבְדוּם וַיִּרְאוּ אֲרָם לְהוֹשִׁיעַ עוֹד
אֶת־בְּנֵי עַמּוֹן׃

## יא

א וַיְהִי לִתְשׁוּבַת הַשָּׁנָה לְעֵת | צֵאת הַמְּלָאכִים וַיִּשְׁלַח
דָּוִד אֶת־יוֹאָב וְאֶת־עֲבָדָיו עִמּוֹ וְאֶת־כָּל־יִשְׂרָאֵל וַיַּשְׁחִתוּ
אֶת־בְּנֵי עַמּוֹן וַיָּצֻרוּ עַל־רַבָּה וְדָוִד יוֹשֵׁב בִּירוּשָׁלִָם׃
ב וַיְהִי | לְעֵת הָעֶרֶב וַיָּקָם דָּוִד מֵעַל מִשְׁכָּבוֹ וַיִּתְהַלֵּךְ עַל־
גַּג בֵּית־הַמֶּלֶךְ וַיַּרְא אִשָּׁה רֹחֶצֶת מֵעַל הַגָּג וְהָאִשָּׁה טוֹבַת

י, ט ישראל ק   יא׳ כצ״ל   יז׳ יתיר א׳   יא, א׳ יתיר א׳

8 און די קינדער פון עַמון זיינען אַרויסגעגאַנגען, און האָבן אָנגעריכט אַ מלחמה, ביים אַיינגאַנג פון טויער; און אַרָם פון צובָא און רחוב, און די מענער פון טוב און פון מַעֲכָה, זיינען געווען באַזונדער אין פעלד. 9 און יואָב האָט געזען אַז דער פראָנט פון דער מלחמה איז קעגן אים פון פאָרנט און פון הינטן; האָט ער אויסגעקליבן פון אַלע געקליבענע פון ישראל, און אויסגעשטעלט אַקעגן אַרָם. 10 און דאָס איבעריקע פאָלק האָט ער געגעבן אויף דער האַנט פון זיין ברודער אַבישַין, און אויסגעשטעלט אַקעגן די קינדער פון עַמון. 11 און ער האָט געזאָגט: אויב אַרָם וועט זיין שטאַרקער פון מיר, וועסטו מיר זיין צו הילף, און אויב די קינדער פון עַמון וועלן זיין שטאַרקער פון דיר, וועל איך דיר גיין העלפן. 12 זיי שטאַרק, און לאָמיר זיך שטאַרקן, פאַר אונדזער פאָלק און פאַר די שטעט פון אונדזער גאָט; און זאָל יהוה טאָן וואָס איז גוט אין זיינע אויגן.

13 און יואָב און דאָס גאַנצע פאָלק וואָס מיט אים האָבן גענענט אויף מלחמה קעגן אַרָם, און זיי זיינען אַנטלאָפן פאַר אים. 14 און ווי די קינדער פון עַמון האָבן געזען אַז אַרָם איז אַנטלאָפן, אַזוי זיינען זיי אַנטלאָפן פאַר אַבישַין, און זיינען אַריין אין שטאָט. און יואָב האָט זיך אומגעקערט פון די קינדער פון עַמון, און איז געקומען קיין ירושָלַיִם.

15 און אַרָם האָט געזען אַז ער איז געשלאָגן געוואָרן פאַר ישראל, און זיי האָבן זיך אַיינגעזאַמלט אין אַיינעם. 16 און הֲדַדעֶזֶר האָט געשיקט און אַרויסגעבראַכט אַרָם וואָס פון יענער זייט טייך; און זיי זיינען געקומען קיין חֵילָם, מיט שוֹבַך דעם חיל־פירער פון הֲדַדעֶזֶרן זיי פאַרויס.

17 איז אָנגעזאָגט געוואָרן דודן, און ער האָט אַיינגעזאַמלט גאַנץ ישראל, און איז אַריבער דעם יַרדֵן, און געקומען קיין חֵילָם. און אַרָם האָט זיך אויסגעשטעלט אַקעגן דודן, און זיי האָבן מלחמה געהאַלטן מיט אים. 18 און אַרָם איז אַנטלאָפן פאַר ישראל, און דוד האָט געהרגעט פון אַרָם זיבן הונדערט אויף רייטוועגן, און פערציק טויזנט רייטער; און שוֹבַך זייער חיל־פירער האָט ער געשלאָגן, און ער איז דאָרטן געשטאָרבן.

19 און אַלע מלכים, די קנעכט פון הֲדַדעֶזֶרן, האָבן געזען אַז זיי זיינען געשלאָגן געוואָרן פאַר ישראל, און זיי האָבן געמאַכט שלום מיט ישראל, און האָבן זיי געדינט. און אַרָם האָט מורא געהאַט ווידער צו העלפן די קינדער פון עַמון.

## יא

1 און עס איז געווען ביים אומקער פון יאָר, אין דער צייט וואָס די מלכים גייען אַרויס אויף מלחמה, האָט דוד געשיקט יואָבן און זיינע קנעכט מיט אים, און גאַנץ ישראל, און זיי האָבן פאַרוויסט די קינדער פון עַמון, און האָבן געלעגערט אויף רַבָּה. און דוד איז געזעסן אין ירושָלַיִם.

2 און עס איז געווען קעגן אָוונטצייט, איז דוד אויפגעשטאַנען פון זיין געלעגער, און איז אַרומגעגאַנגען אויפן דאַך פון מלכס הויז, און האָט געזען פון דאַך אַ פרוי זיך באָדן; און די פרוי איז געווען זייער שיין פון אויסזען.

3 האָט דוד געשיקט און זיך נאָכגעפרעגט אויף דער פרוי, און מע האָט געזאָגט: דאָס איז דאָך בַּת־שֶׁבַע, די טאָכטער פון אֶליעָמען, די ווייב פון אוּרִיָה דעם חִתּי. 4 האָט דוד געשיקט שלוחים, און האָט זי געלאָזט ברענגען, און זי איז צו אים געקומען, און ער איז געלעגן מיט איר; און זי האָט זיך נאָרוואָס געהאַט גערייניקט פון איר אומ־ריינקייט. און זי האָט זיך אומגעקערט אין איר הויז.

5 און די פרוי איז טראָגעדיק געוואָרן, און זי האָט געשיקט און דערציילט דודן, און געזאָגט: איך בין טראָגעדיק.

6 האָט דוד געשיקט צו יוֹאָבן: שיק צו מיר אוּרִיָה דעם חִתּי. און יוֹאָב האָט געשיקט אוּרִיָהן צו דודן. 7 איז אוּרִיָה צו אים געקומען, און דוד האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף דעם פריד פון יוֹאָבן, און אויף דעם פריד פון פאָלק, און אויף דעם גאַנג פון דער מלחמה. 8 און דוד האָט געזאָגט צו אוּרִיָהן: נידער אַראָפּ צו דיין הויז, און וואַש דיינע פיס.

איז אוּרִיָה אַרויסגעגאַנגען פון מלכס הויז, און נאָך אים איז אַרויסגעגאַנגען אַ שפּייזגעשאַנק פון דעם מלך. 9 אָבער אוּרִיָה האָט זיך געלייגט ביים אַיינגאַנג פון מלכס הויז מיט אַלע קנעכט פון זיין האַר, און האָט ניט אַראָפּ־גענידערט צו זיין הויז.

10 האָט מען דערציילט דודן, אַזוי צו זאָגן: אוּרִיָה האָט ניט אַראָפּגענידערט צו זיין הויז. און דוד האָט גע־זאָגט צו אוּרִיָהן: דו קומסט דאָך פון וועג, פאַרוואָס האָסטו ניט אַראָפּגענידערט צו דיין הויז? 11 האָט אוּרִיָה געזאָגט צו דודן: דער אָרון פון ישׂראל און יהודה זיצן אין ביידלעך, און מיין האַר יוֹאָב און די קנעכט פון מיין האַר לאַגערן אויפן פרייען פעלד, און איך זאָל קומען אין מיין הויז צו עסן און צו טרינקען, און צו ליגן מיט מיין ווייב? אַזוי ווי דו לעבסט, און אַזוי ווי דיין זעל לעבט, אויב איך וועל טאָן דידאָזיקע זאַך! 12 האָט דוד געזאָגט צו אוּרִיָהן: בלייב דאָ אויך היינט, און מאָרגן וועל איך דיך אַוועקשיקן.

איז אוּרִיָה געבליבן אין ירושָלַיִם יענעם טאָג און אויף מאָרגן. 13 און דוד האָט אים גערופן, און ער האָט געגעסן ביי אים און געטרונקען; און ער האָט אים אָנגעשיכּורט. אָבער אין אָוונט איז ער אַרויסגעגאַנגען זיך לייגן אויף זיין גע־לעגער מיט די קנעכט פון זיין האַר, און צו זיין הויז האָט ער ניט אַראָפּגענידערט.

14 און עס איז געווען אין דער פרי, האָט דוד געשריבן אַ בריוו צו יוֹאָבן, און געשיקט דורך דער האַנט פון אוּרִיָהן. 15 און ער האָט געשריבן אין דעם בריוו אַזוי צו זאָגן: שטעלט אוּרִיָהן אַקעגן דעם פראָנט פון דער שטאַרקסטער מלחמה, און קערט אַייך אָפּ פון הינטער אים, כּדי ער זאָל געשלאָגן ווערן און שטאַרבן.

16 און עס איז געווען, אַז יוֹאָב האָט געוואַכט אויף דער שטאָט, האָט ער אַוועקגעשטעלט אוּרִיָהן אויף דעם אָרט וואָס ער האָט געוווּסט אַז דאָרטן זיינען דאָ העלדישע לייט. 17 און די מענער פון שטאָט זיינען אַרויסגעגאַנגען, און האָבן מלחמה געהאַלטן מיט יוֹאָבן, און עס זיינען געפאַלן פון דעם פאָלק, פון דודס קנעכט, און אויך אוּרִיָה דער חִתּי איז אומגעקומען.

18 און יוֹאָב האָט געשיקט און דערציילט דודן אַלע געשעענישן פון דער מלחמה. 19 און ער האָט באַפוילן

ג מַרְאֶה מְאֹד׃ וַיִּשְׁלַח דָּוִד וַיִּדְרֹשׁ לָאִשָּׁה וַיֹּאמֶר הֲלוֹא־
ד זֹאת בַּת־שֶׁבַע בַּת־אֱלִיעָם אֵשֶׁת אוּרִיָּה הַחִתִּי׃ וַיִּשְׁלַח
דָּוִד מַלְאָכִים וַיִּקָּחֶהָ וַתָּבוֹא אֵלָיו וַיִּשְׁכַּב עִמָּהּ וְהִיא
ה מִתְקַדֶּשֶׁת מִטֻּמְאָתָהּ וַתָּשָׁב אֶל־בֵּיתָהּ׃ וַתַּהַר הָאִשָּׁה
ו וַתִּשְׁלַח וַתַּגֵּד לְדָוִד וַתֹּאמֶר הָרָה אָנֹכִי׃ וַיִּשְׁלַח דָּוִד אֶל־
יוֹאָב שְׁלַח אֵלַי אֶת־אוּרִיָּה הַחִתִּי וַיִּשְׁלַח יוֹאָב אֶת־אוּרִיָּה
ז אֶל־דָּוִד׃ וַיָּבֹא אוּרִיָּה אֵלָיו וַיִּשְׁאַל דָּוִד לִשְׁלוֹם יוֹאָב
ח וְלִשְׁלוֹם הָעָם וְלִשְׁלוֹם הַמִּלְחָמָה׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד לְאוּרִיָּה
רֵד לְבֵיתְךָ וּרְחַץ רַגְלֶיךָ וַיֵּצֵא אוּרִיָּה מִבֵּית הַמֶּלֶךְ וַתֵּצֵא
ט אַחֲרָיו מַשְׂאַת הַמֶּלֶךְ׃ וַיִּשְׁכַּב אוּרִיָּה פֶּתַח בֵּית הַמֶּלֶךְ
י אֵת כָּל־עַבְדֵי אֲדֹנָיו וְלֹא יָרַד אֶל־בֵּיתוֹ׃ וַיַּגִּדוּ לְדָוִד
לֵאמֹר לֹא־יָרַד אוּרִיָּה אֶל־בֵּיתוֹ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־אוּרִיָּה
יא הֲלוֹא מִדֶּרֶךְ אַתָּה בָא מַדּוּעַ לֹא־יָרַדְתָּ אֶל־בֵּיתֶךָ׃ וַיֹּאמֶר
אוּרִיָּה אֶל־דָּוִד הָאָרוֹן וְיִשְׂרָאֵל וִיהוּדָה יֹשְׁבִים בַּסֻּכּוֹת
וַאדֹנִי יוֹאָב וְעַבְדֵי אֲדֹנִי עַל־פְּנֵי הַשָּׂדֶה חֹנִים וַאֲנִי אָבוֹא
אֶל־בֵּיתִי לֶאֱכֹל וְלִשְׁתּוֹת וְלִשְׁכַּב עִם־אִשְׁתִּי חַיֶּךָ וְחֵי
יב נַפְשֶׁךָ אִם־אֶעֱשֶׂה אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־
אוּרִיָּה שֵׁב בָּזֶה גַּם־הַיּוֹם וּמָחָר אֲשַׁלְּחֶךָּ וַיֵּשֶׁב אוּרִיָּה
יג בִירוּשָׁלַם בַּיּוֹם הַהוּא וּמִמָּחֳרָת׃ וַיִּקְרָא־לוֹ דָוִד וַיֹּאכַל
לְפָנָיו וַיֵּשְׁתְּ וַיְשַׁכְּרֵהוּ וַיֵּצֵא בָעֶרֶב לִשְׁכַּב בְּמִשְׁכָּבוֹ עִם־
יד עַבְדֵי אֲדֹנָיו וְאֶל־בֵּיתוֹ לֹא יָרָד׃ וַיְהִי בַבֹּקֶר וַיִּכְתֹּב דָּוִד סֵפֶר
טו אֶל־יוֹאָב וַיִּשְׁלַח בְּיַד אוּרִיָּה׃ וַיִּכְתֹּב בַּסֵּפֶר לֵאמֹר הָבוּ
אֶת־אוּרִיָּה אֶל־מוּל פְּנֵי הַמִּלְחָמָה הַחֲזָקָה וְשַׁבְתֶּם מֵאַחֲרָיו
טז וְנִכָּה וָמֵת׃ וַיְהִי בִּשְׁמוֹר יוֹאָב אֶל־הָעִיר וַיִּתֵּן אֶת־אוּרִיָּה
יז אֶל־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר יָדַע כִּי אַנְשֵׁי־חַיִל שָׁם׃ וַיֵּצְאוּ אַנְשֵׁי
הָעִיר וַיִּלָּחֲמוּ אֶת־יוֹאָב וַיִּפֹּל מִן־הָעָם מֵעַבְדֵי דָוִד וַיָּמָת
יח גַּם אוּרִיָּה הַחִתִּי׃ וַיִּשְׁלַח יוֹאָב וַיַּגֵּד לְדָוִד אֶת־כָּל־דִּבְרֵי

יא' חסר

הַמִּלְחָמָה׃ וַיְצַו אֶת־הַמַּלְאָךְ לֵאמֹר כְּכַלּוֹתְךָ אֵת כָּל־ יט
דִּבְרֵי הַמִּלְחָמָה לְדַבֵּר אֶל־הַמֶּלֶךְ׃ וְהָיָה אִם־תַּעֲלֶה כ
חֲמַת הַמֶּלֶךְ וְאָמַר לְךָ מַדּוּעַ נִגַּשְׁתֶּם אֶל־הָעִיר לְהִלָּחֵם
הֲלוֹא יְדַעְתֶּם אֵת אֲשֶׁר־יֹרוּ מֵעַל הַחוֹמָה׃ מִי־הִכָּה אֶת־ כא
אֲבִימֶלֶךְ בֶּן־יְרֻבֶּשֶׁת הֲלוֹא אִשָּׁה הִשְׁלִיכָה עָלָיו פֶּלַח
רֶכֶב מֵעַל הַחוֹמָה וַיָּמָת בְּתֵבֵץ לָמָּה נִגַּשְׁתֶּם אֶל־הַחוֹמָה
וְאָמַרְתָּ גַּם עַבְדְּךָ אוּרִיָּה הַחִתִּי מֵת׃ וַיֵּלֶךְ הַמַּלְאָךְ וַיָּבֹא כב
וַיַּגֵּד לְדָוִד אֵת כָּל־אֲשֶׁר שְׁלָחוֹ יוֹאָב׃ וַיֹּאמֶר הַמַּלְאָךְ אֶל־ כג
דָּוִד כִּי־גָבְרוּ עָלֵינוּ הָאֲנָשִׁים וַיֵּצְאוּ אֵלֵינוּ הַשָּׂדֶה וַנִּהְיֶה
עֲלֵיהֶם עַד־פֶּתַח הַשָּׁעַר׃ וַיֹּרְאוּ הַמּוֹרְאִים אֶל־עֲבָדֶיךָ כד
מֵעַל הַחוֹמָה וַיָּמוּתוּ מֵעַבְדֵי הַמֶּלֶךְ וְגַם עַבְדְּךָ אוּרִיָּה
הַחִתִּי מֵת׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־הַמַּלְאָךְ כֹּה־תֹאמַר אֶל־יוֹאָב כה
אַל־יֵרַע בְּעֵינֶיךָ אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה כִּי־כָזֹה וְכָזֶה תֹּאכַל
הֶחָרֶב הַחֲזֵק מִלְחַמְתְּךָ אֶל־הָעִיר וְהָרְסָהּ וְחַזְּקֵהוּ׃
וַתִּשְׁמַע אֵשֶׁת אוּרִיָּה כִּי־מֵת אוּרִיָּה אִישָׁהּ וַתִּסְפֹּד עַל־ כו
בַּעְלָהּ׃ וַיַּעֲבֹר הָאֵבֶל וַיִּשְׁלַח דָּוִד וַיַּאַסְפָהּ אֶל־בֵּיתוֹ כז
וַתְּהִי־לוֹ לְאִשָּׁה וַתֵּלֶד לוֹ בֵּן וַיֵּרַע הַדָּבָר אֲשֶׁר־עָשָׂה דָוִד
בְּעֵינֵי יְהוָה׃

## יב

וַיִּשְׁלַח יְהוָה אֶת־נָתָן אֶל־דָּוִד וַיָּבֹא אֵלָיו וַיֹּאמֶר לוֹ שְׁנֵי א
אֲנָשִׁים הָיוּ בְּעִיר אֶחָת אֶחָד עָשִׁיר וְאֶחָד רָאשׁ׃ לְעָשִׁיר ב
הָיָה צֹאן וּבָקָר הַרְבֵּה מְאֹד׃ וְלָרָשׁ אֵין־כֹּל כִּי אִם־ ג
כִּבְשָׂה אַחַת קְטַנָּה אֲשֶׁר קָנָה וַיְחַיֶּהָ וַתִּגְדַּל עִמּוֹ וְעִם־
בָּנָיו יַחְדָּו מִפִּתּוֹ תֹאכַל וּמִכֹּסוֹ תִשְׁתֶּה וּבְחֵיקוֹ תִשְׁכָּב
וַתְּהִי־לוֹ כְּבַת׃ וַיָּבֹא הֵלֶךְ לְאִישׁ הֶעָשִׁיר וַיַּחְמֹל לָקַחַת ד
מִצֹּאנוֹ וּמִבְּקָרוֹ לַעֲשׂוֹת לָאֹרֵחַ הַבָּא לוֹ וַיִּקַּח אֶת־כִּבְשַׂת
הָאִישׁ הָרָאשׁ וַיַּעֲשֶׂהָ לָאִישׁ הַבָּא אֵלָיו׃ וַיִּחַר־אַף דָּוִד ה

יא, כד׳ יתיר א   יתיר א   יב, א׳ יתיר א   ג׳ קמץ בזיק   ד׳ יתיר א

דעם שליח אַזוי צו זאָגן: אַז דו ענדיקסט דערציילן דעם מלך אַלע געשעענישן פון דער מלחמה, [20] איז, אויב דער גרימצאָרן פון דעם מלך וועט אויפגיין, און ער וועט זאָגן צו דיר: נאָך וואָס האָט איר גענענט צו דער שטאָט מלחמה צו האַלטן? האָט איר ניט געוווּסט אַז זיי וועלן שיסן פון דער מויער? [21] ווער האָט דערשלאָגן אַבימֶלֶך דעם זון פון ירובֶּשֶׁתן? האָט ניט אַ פרוי אַראָפּגעוואָרפן אויף אים אַן אויבערשטן מילשטיין פון דער מויער[א], און ער איז געשטאָרבן אין תֵּבֵץ? נאָך וואָס האָט איר גענענט צו דער מויער?—זאָלסטו זאָגן: אויך דיין קנעכט אוּרִיָה דער חִתי איז אומגעקומען.

[22] איז געגאַנגען דער שליח, און ער איז געקומען און האָט דערציילט דודן אַלץ וועגן וואָס יואָב האָט אים געשיקט. [23] און דער שליח האָט געזאָגט צו דודן: יאָ, די מענטשן זיינען געווען שטאַרקער פון אונדז, און זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען צו אונדז אין פעלד, און מיר האָבן זיך געלאָזט אויף זיי ביזן אַיינגאַנג פון טויער. [24] און די שיסערס האָבן געשאָסן אויף דיינע קנעכט פון דער מויער, און עס זיינען אומגעקומען פון דעם מלכס קנעכט, און אויך דיין קנעכט אוּרִיָה דער חִתי איז אומגעקומען.

[25] האָט דוד געזאָגט צום שליח: אַזוי זאָלסטו זאָגן צו יואָבן: „זאָל ניט זיין פאַרדראָסיק אין דיינע אויגן די־דאָזיקע זאַך, וואָרום די שווערד פאַרצערט, אַזוי צי אַזוי; האַלט אָן דיין מלחמה אַקעגן דער שטאָט, און צעשטער זי"; און שטאַרק אים.

[26] און די ווייב פון אוּרִיָה דעם חִתי האָט געהערט אַז איר מאַן אוּרִיָה איז טויט, און זי האָט געקלאָגט אויף איר מאַן. [27] און ווי די אַבֵלות איז אַריבער, אַזוי האָט דוד געשיקט און האָט זי אַריינגענומען אין זיין הויז, און זי איז אים געוואָרן פאַר אַ ווייב. און זי האָט אים געבאָרן אַ זון.

און די זאַך וואָס דוד האָט געטאָן, איז געווען שלעכט אין די אויגן פון גאָט.

**יב** [1] און גאָט האָט געשיקט נָתָנען צו דודן, און ער איז צו אים געקומען, און האָט צו אים געזאָגט: צוויי מענטשן זיינען געווען אין איין שטאָט: איינער אַן עושר און איינער אַן אָרימאַן. [2] ביים עושר זיינען געווען שאָף און רינדער זייער פיל, [3] און ביים אָרימאַן איז גאָרנישט געווען אַחוץ איין קליין שעפּעלע, וואָס ער האָט געקויפט און עס אויפגעהאָדעוועט, און עס איז אויפגעוואַקסן אין איינעם מיט אים און מיט זיינע קינדער. פון זיין ביסן פלעגט עס עסן, און פון זיין בעכער פלעגט עס טרינקען, און אין זיין בוזעם פלעגט עס ליגן, און עס איז אים געווען ווי אַ טאָכטער. [4] איז געקומען אַ דורכגייער צו דעם מאַן דעם עושר, און אים איז געווען אַ שאָד צו נעמען פון זיינע שאָף און פון זיינע רינדער, אויף צו מאַכן פאַר דעם אורח וואָס איז צו אים געקומען, האָט ער גענומען דאָס שעפּעלע פון דעם אָרימאַן, און האָט עס געמאַכט פאַר דעם מאַן וואָס איז צו אים געקומען.

[5] האָט דער צאָרן פון דודן שטאַרק געגרימט אויף דעם מאַן, און ער האָט געזאָגט צו נָתָנען: אַזוי ווי

[א] זע שופטים ט, 53.

גאָט לעבט, אַז טויט קומט דעם מאַן וואָס טוט דאָס־דאָזיקע! 6 און פאַר דעם שעפעלע דאַרף ער באַצאָלן פירפאַכיק, דערפאַר וואָס ער האָט געטאָן דידאָזיקע זאַך, און פאַרוואָס ער האָט ניט רחמנות געהאַט.

7 האָט נָתָן געזאָגט צו דודן: דו ביסט דער מאַן! אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון ישראל: איך האָב דיך געזאַלבט פאַר אַ מלך איבער ישראל, און איך האָב דיך מציל געווען פון שָאולס האַנט; 8 און איך האָב דיר געגעבן דאָס הויז פון דיין האַר, און די ווייבער פון דיין האַר אין דיין בוזעם, און האָב דיר געגעבן דאָס הויז פון ישראל און יהודה. און אויב דאָס איז ווייניק, וועל איך דיר צולייגן נאָך און נאָך אַמאָל אַזוי פיל. 9 פאַרוואָס האָסטו פאַראַכט דאָס וואָרט פון גאָט, צו טאָן וואָס איז שלעכט אין מיינע אויגן? אוּרִיָה דעם חִתּי האָסטו דער־שלאָגן מיטן שווערד, און זיין ווייב האָסטו דיר צוגענומען פאַר אַ ווייב; און האָסט אים געהרגעט דורך דער שווערד פון די קינדער פון עַמון. 10 און אַצונד, זאָל זיך אויף אייביק ניט אָפּטאָן אַ שווערד פון דיין הויז דערפאַר וואָס דו האָסט מיך פאַראַכט, און האָסט גענומען די ווייב פון אוּרִיָה דעם חִתּי דיר צו זיין פאַר אַ ווייב. 11 אַזוי האָט גאָט געזאָגט: זע, איך שטעל־אויף אויף דיר אַן אומגליק פון דיין הויז, און איך וועל נעמען דיינע ווייבער פאַר דיינע אויגן, און זיי געבן צו אַן אַנדערן, און ער וועט ליגן מיט דיינע ווייבער פאַר די אויגן פון דערדאָזיקער זון. 12 וואָרום דו האָסט געטאָן אין פאַרבאָרגעניש, און איך וועל טאָן דידאָזיקע זאַך פאַר גאַנץ ישראל, און פאַר דער זון.

13 האָט דוד געזאָגט צו נָתָנען: איך האָב געזינדיקט צו גאָט. האָט נָתָן געזאָגט: גאָט האָט אויך אָפּגעטאָן דיין זינד; וועסט ניט שטאַרבן. 14 אָבער ווייל לעסטערן האָסטו געלעסטערט די פיינט פון גאָט* מיט דערדאָזיקער זאַך, וועט אויך דאָס קינד וואָס איז דיר געבאָרן געוואָרן, זיכער שטאַרבן.

און נָתָן איז אַוועקגעגאַנגען צו זיין הויז.

15 און גאָט האָט געפּלאָגט דאָס קינד וואָס אוּרִיָהס ווייב האָט געבאָרן דודן, און ער איז געוואָרן חָרֵב. 16 האָט דוד געבעטן גאָט פאַר דעם יִינגל, און דוד האָט געפאַסט אַ פאַסטונג, און אַז ער פלעגט אַהיים קומען, פלעגט ער נעכטיקן ליגנדיק אויף דער ערד. 17 זיינען צוגעשטאַנען צו אים אַלע עלטסטע פון זיין הויז, אים צו מאַכן אויפשטיין פון דער ערד, אָבער ער האָט ניט געוואָלט, און ער האָט ניט געגעסן מיט זיי קיין ברויט.

18 און עס איז געווען אויפן זיבעטן טאָג, איז דאָס קינד געשטאָרבן, און דודס קנעכט האָבן מורא געהאַט אים אויס־צוזאָגן אַז דאָס קינד איז געשטאָרבן; וואָרום זיי האָבן געזאָגט: זע, אַז דאָס קינד האָט געלעבט, האָבן מיר צו אים גע־רעדט, און ער האָט ניט צוגעהערט צו אונדזער קָול, היינט ווי וועלן מיר זאָגן צו אים: דאָס קינד איז געשטאָרבן? ער וועט זיך נאָך אָנטאָן עפּעס בייז.

בָּאִישׁ מְאֹד וַיֹּאמֶר אֶל־נָתָן חַי־יְהוָה כִּי בֶן־מָוֶת הָאִישׁ
ו הָעֹשֶׂה זֹאת׃ וְאֶת־הַכִּבְשָׂה יְשַׁלֵּם אַרְבַּעְתָּיִם עֵקֶב אֲשֶׁר
ז עָשָׂה אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה וְעַל אֲשֶׁר לֹא־חָמָל׃ וַיֹּאמֶר
נָתָן אֶל־דָּוִד אַתָּה הָאִישׁ כֹּה־אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל
אָנֹכִי מְשַׁחְתִּיךָ לְמֶלֶךְ עַל־יִשְׂרָאֵל וְאָנֹכִי הִצַּלְתִּיךָ מִיַּד
ח שָׁאוּל׃ וָאֶתְּנָה לְךָ אֶת־בֵּית אֲדֹנֶיךָ וְאֶת־נְשֵׁי אֲדֹנֶיךָ בְּחֵיקֶךָ
וָאֶתְּנָה לְךָ אֶת־בֵּית יִשְׂרָאֵל וִיהוּדָה וְאִם־מְעָט וְאֹסִפָה
ט לְּךָ כָּהֵנָּה וְכָהֵנָּה׃ מַדּוּעַ בָּזִיתָ ׀ אֶת־דְּבַר יְהוָה לַעֲשׂוֹת
הָרַע בְּעֵינָו אֵת אוּרִיָּה הַחִתִּי הִכִּיתָ בַחֶרֶב וְאֶת־אִשְׁתּוֹ
י לָקַחְתָּ לְּךָ לְאִשָּׁה וְאֹתוֹ הָרַגְתָּ בְּחֶרֶב בְּנֵי עַמּוֹן׃ וְעַתָּה
לֹא־תָסוּר חֶרֶב מִבֵּיתְךָ עַד־עוֹלָם עֵקֶב כִּי בְזִתָנִי וַתִּקַּח
יא אֶת־אֵשֶׁת אוּרִיָּה הַחִתִּי לִהְיוֹת לְךָ לְאִשָּׁה׃ כֹּה ׀
אָמַר יְהוָה הִנְנִי מֵקִים עָלֶיךָ רָעָה מִבֵּיתֶךָ וְלָקַחְתִּי אֶת־
נָשֶׁיךָ לְעֵינֶיךָ וְנָתַתִּי לְרֵעֶיךָ וְשָׁכַב עִם־נָשֶׁיךָ לְעֵינֵי
יב הַשֶּׁמֶשׁ הַזֹּאת׃ כִּי אַתָּה עָשִׂיתָ בַסָּתֶר וַאֲנִי אֶעֱשֶׂה אֶת־
יג הַדָּבָר הַזֶּה נֶגֶד כָּל־יִשְׂרָאֵל וְנֶגֶד הַשָּׁמֶשׁ׃ וַיֹּאמֶר
דָּוִד אֶל־נָתָן חָטָאתִי לַיהוָה ׃ וַיֹּאמֶר נָתָן אֶל־
יד דָּוִד גַּם־יְהוָה הֶעֱבִיר חַטָּאתְךָ לֹא תָמוּת׃ אֶפֶס כִּי־נִאֵץ
נִאַצְתָּ אֶת־אֹיְבֵי יְהוָה בַּדָּבָר הַזֶּה גַּם הַבֵּן הַיִּלּוֹד לְךָ
טו מוֹת יָמוּת׃ וַיֵּלֶךְ נָתָן אֶל־בֵּיתוֹ וַיִּגֹּף יְהוָה אֶת־הַיֶּלֶד
טז אֲשֶׁר יָלְדָה אֵשֶׁת־אוּרִיָּה לְדָוִד וַיֵּאָנַשׁ׃ וַיְבַקֵּשׁ דָּוִד אֶת־
הָאֱלֹהִים בְּעַד הַנָּעַר וַיָּצָם דָּוִד צוֹם וּבָא וְלָן וְשָׁכַב
יז אָרְצָה׃ וַיָּקֻמוּ זִקְנֵי בֵיתוֹ עָלָיו לַהֲקִימוֹ מִן־הָאָרֶץ וְלֹא
יח אָבָה וְלֹא־בָרָא אִתָּם לָחֶם׃ וַיְהִי בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי וַיָּמָת
הַיָּלֶד וַיִּרְאוּ עַבְדֵי דָוִד לְהַגִּיד לוֹ ׀ כִּי־מֵת הַיֶּלֶד כִּי
אָמְרוּ הִנֵּה בִהְיוֹת הַיֶּלֶד חַי דִּבַּרְנוּ אֵלָיו וְלֹא־שָׁמַע
יט בְּקוֹלֵנוּ וְאֵיךְ נֹאמַר אֵלָיו מֵת הַיֶּלֶד וְעָשָׂה רָעָה׃ וַיַּרְא

ח׳ קמץ בז״ק ט׳ בעיני ק יג׳ פסקא באמצע פסוק טו׳ הי בפתח

* פאַרשטעלטער אויסדרוק פאַר גאָט אַליין.

דָּוִד כִּי עֲבָדָיו מִתְלַחֲשִׁים וַיָּבֶן דָּוִד כִּי מֵת הַיֶּלֶד וַיֹּאמֶר
דָּוִד אֶל־עֲבָדָיו הֲמֵת הַיֶּלֶד וַיֹּאמְרוּ מֵת׃ וַיָּקָם דָּוִד כ
מֵהָאָרֶץ וַיִּרְחַץ וַיָּסֶךְ וַיְחַלֵּף שִׂמְלֹתָו וַיָּבֹא בֵית־יְהוָה
וַיִּשְׁתָּחוּ וַיָּבֹא אֶל־בֵּיתוֹ וַיִּשְׁאַל וַיָּשִׂימוּ לוֹ לֶחֶם וַיֹּאכַל׃
וַיֹּאמְרוּ עֲבָדָיו אֵלָיו מָה הַדָּבָר הַזֶּה אֲשֶׁר עָשִׂיתָה כא
בַּעֲבוּר הַיֶּלֶד חַי צַמְתָּ וַתֵּבְךְּ וְכַאֲשֶׁר מֵת הַיֶּלֶד קַמְתָּ
וַתֹּאכַל לָחֶם׃ וַיֹּאמֶר בְּעוֹד הַיֶּלֶד חַי צַמְתִּי וָאֶבְכֶּה כב
כִּי אָמַרְתִּי מִי יוֹדֵעַ יְחָנַּנִי יְהוָה וְחַי הַיָּלֶד׃ וְעַתָּה ׀ מֵת כג
לָמָּה זֶּה אֲנִי צָם הַאוּכַל לַהֲשִׁיבוֹ עוֹד אֲנִי הֹלֵךְ אֵלָיו
וְהוּא לֹא־יָשׁוּב אֵלָי׃ וַיְנַחֵם דָּוִד אֵת בַּת־שֶׁבַע אִשְׁתּוֹ כד
וַיָּבֹא אֵלֶיהָ וַיִּשְׁכַּב עִמָּהּ וַתֵּלֶד בֵּן וַיִּקְרָא אֶת־שְׁמוֹ
שְׁלֹמֹה וַיהוָה אֲהֵבוֹ׃ וַיִּשְׁלַח בְּיַד נָתָן הַנָּבִיא וַיִּקְרָא כה
אֶת־שְׁמוֹ יְדִידְיָהּ בַּעֲבוּר יְהוָה׃ וַיִּלָּחֶם יוֹאָב בְּרַבַּת כו
בְּנֵי עַמּוֹן וַיִּלְכֹּד אֶת־עִיר הַמְּלוּכָה׃ וַיִּשְׁלַח יוֹאָב כז
מַלְאָכִים אֶל־דָּוִד וַיֹּאמֶר נִלְחַמְתִּי בְרַבָּה גַּם־לָכַדְתִּי
אֶת־עִיר הַמָּיִם׃ וְעַתָּה אֱסֹף אֶת־יֶתֶר הָעָם וַחֲנֵה עַל־ כח
הָעִיר וְלָכְדָהּ פֶּן־אֶלְכֹּד אֲנִי אֶת־הָעִיר וְנִקְרָא שְׁמִי עָלֶיהָ׃
וַיֶּאֱסֹף דָּוִד אֶת־כָּל־הָעָם וַיֵּלֶךְ רַבָּתָה וַיִּלָּחֶם בָּהּ וַיִּלְכְּדָהּ׃ כט
וַיִּקַּח אֶת־עֲטֶרֶת מַלְכָּם מֵעַל רֹאשׁוֹ וּמִשְׁקָלָהּ כִּכַּר ל
זָהָב וְאֶבֶן יְקָרָה וַתְּהִי עַל־רֹאשׁ דָּוִד וּשְׁלַל הָעִיר הוֹצִיא
הַרְבֵּה מְאֹד׃ וְאֶת־הָעָם אֲשֶׁר־בָּהּ הוֹצִיא וַיָּשֶׂם בַּמְּגֵרָה לא
וּבַחֲרִצֵי הַבַּרְזֶל וּבְמַגְזְרֹת הַבַּרְזֶל וְהֶעֱבִיר אוֹתָם בַּמַּלְכֵּן
וְכֵן יַעֲשֶׂה לְכֹל עָרֵי בְנֵי־עַמּוֹן וַיָּשָׁב דָּוִד וְכָל־הָעָם
יְרוּשָׁלִָם׃

יג

וַיְהִי אַחֲרֵי־כֵן וּלְאַבְשָׁלוֹם בֶּן־דָּוִד אָחוֹת יָפָה וּשְׁמָהּ א
תָּמָר וַיֶּאֱהָבֶהָ אַמְנוֹן בֶּן־דָּוִד׃ וַיֵּצֶר לְאַמְנוֹן לְהִתְחַלּוֹת ב

יב, כ׳ שמלתיו קרי  כב׳ וחנני קרי  כד׳ ותקרא קרי  ל׳ סבירין מלכה
לא׳ במלבן קרי

19 האָט דוד געזען אַז זיינע קנעכט שושקען זיך, און דוד האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס קינד איז געשטאָרבן, און דוד האָט געזאָגט צו זיינע קנעכט: איז דאָס קינד געשטאָרבן? האָבן זיי געזאָגט: געשטאָרבן.

20 איז דוד אויפגעשטאַנען פון דער ערד, און ער האָט זיך געוואַשן און געזאַלבט, און איבערגעביטן זיינע קליידער; און ער איז געקומען אין גאָטס הויז, און האָט זיך געבוקט. און ער איז געקומען אין זיין הויז, און האָט געבעטן, און מע האָט געלייגט פאַר אים ברויט, און ער האָט געגעסן.

21 האָבן זיינע קנעכט צו אים געזאָגט: וואָס איז די־דאָזיקע זאַך וואָס דו האָסט געטאָן? פון וועגן דעם קינד, אַז עס האָט געלעבט, האָסטו געפאַסט און געוויינט, און ווי דאָס קינד איז געשטאָרבן, ביסטו אויפגעשטאַנען און האָסט געגעסן ברויט? 22 האָט ער געזאָגט: אַז דאָס קינד האָט נאָך געלעבט האָב איך געפאַסט און געוויינט, ווייל איך האָב געקלערט: ווער ווייס, גאָט קען מיך לייטזעליקן, און דאָס קינד וועט בלייבן לעבן. 23 אַצונד אָבער אַז ער איז געשטאָרבן, נאָך וואָס זאָל איך פאַסטן? צי קען איך אים ווידער אומקערן? איך גיי צו אים, אָבער ער וועט זיך ניט אומקערן צו מיר.

24 און דוד האָט געטרייסט זיין ווייב בַּת־שֶׁבַען, און ער איז געקומען צו איר, און איז געלעגן מיט איר. און זי האָט געבאָרן אַ זון, און ער האָט גערופן זיין נאָמען שלמה, און גאָט האָט אים ליב געהאַט. 25 און ער האָט געשיקט דורך נָתָן דעם נביא, און האָט גערופן זיין נאָמען ידידיָה[א] פון וועגן גאָט.

26 און יוֹאָב האָט מלחמה געהאַלטן אויף רַבָּה פון די קינדער פון עַמון, און ער האָט באַצוווּנגען די מלוכה־שטאָט. 27 און יוֹאָב האָט געשיקט שלוחים צו דודן, און האָט געזאָגט: איך האָב מלחמה געהאַלטן אויף רַבָּה, אויך האָב איך באַצוווּנגען די וואַסערשטאָט. 28 און אַצונד, זאַמל איין דאָס איבעריקע פאָלק, און לעגער אויף דער שטאָט, און באַצווינג זי; אַזיסט וועל איך באַצווינגען די שטאָט, און מיין נאָמען וועט גערופן ווערן אויף איר.

29 האָט דוד איינגעזאַמלט דאָס גאַנצע פאָלק, און ער איז געגאַנגען קיין רַבָּה, און האָט מלחמה געהאַלטן אויף איר, און האָט זי באַצוווּנגען. 30 און ער האָט אַראָפּגענומען מַלכָּמס קרוין פון זיין קאָפּ; און איר וואָג איז געווען אַ צענטנער גאָלד, דערצו טייער געשטיין; און זי איז אָנגעטאָן געוואָרן אויף דודס קאָפּ. און רויב פון דער שטאָט האָט ער אַרויסגעפירט זייער פיל. 31 און דאָס פאָלק וואָס אין איר האָט ער אַרויסגעפירט, און געלייגט אונטער זעגן, און אונטער אײַזערנע דרעשליטנס, און אונטער אײַזערנע העק, און האָט זיי געמאַכט דורכגיין דורך ציגלאויוונס. און אַזוי פלעגט ער טאָן צו אַלע שטעט פון די קינדער פון עַמון.

און דוד און דאָס גאַנצע פאָלק האָבן זיך אומגעקערט קיין ירושָלַים.

יג 1 און עס איז געווען נאָך דעם: אַבשָלום דער זון פון דודן האָט געהאַט אַ שיינע שוועסטער וואָס איר נאָמען איז געווען תָּמָר, און אַמנון דער זון פון דודן האָט זי ליב געקריגן. 2 און אַמנון האָט זיך געקלעמט ביז צום קראַנק ווערן,

[א] באַליבטער פון גאָט.

בַּעֲבוּר תָּמָר אֲחֹתוֹ כִּי בְתוּלָה הִיא וַיִּפָּלֵא בְּעֵינֵי אַמְנוֹן
ג לַעֲשׂוֹת לָהּ מְאוּמָה׃ וּלְאַמְנוֹן רֵעַ וּשְׁמוֹ יוֹנָדָב בֶּן־שִׁמְעָה
ד אֲחִי דָוִד וְיוֹנָדָב אִישׁ חָכָם מְאֹד׃ וַיֹּאמֶר לוֹ מַדּוּעַ אַתָּה
כָּכָה דַּל בֶּן־הַמֶּלֶךְ בַּבֹּקֶר בַּבֹּקֶר הֲלוֹא תַּגִּיד לִי וַיֹּאמֶר
ה לוֹ אַמְנוֹן אֶת־תָּמָר אֲחוֹת אַבְשָׁלֹם אָחִי אֲנִי אֹהֵב׃ וַיֹּאמֶר
לוֹ יְהוֹנָדָב שְׁכַב עַל־מִשְׁכָּבְךָ וְהִתְחָל וּבָא אָבִיךָ לִרְאוֹתֶךָ
וְאָמַרְתָּ אֵלָיו תָּבֹא נָא תָמָר אֲחוֹתִי וְתַבְרֵנִי לֶחֶם וְעָשְׂתָה
לְעֵינַי אֶת־הַבִּרְיָה לְמַעַן אֲשֶׁר אֶרְאֶה וְאָכַלְתִּי מִיָּדָהּ׃
ו וַיִּשְׁכַּב אַמְנוֹן וַיִּתְחָל וַיָּבֹא הַמֶּלֶךְ לִרְאוֹתוֹ וַיֹּאמֶר אַמְנוֹן
אֶל־הַמֶּלֶךְ תָּבוֹא־נָא תָּמָר אֲחֹתִי וּתְלַבֵּב לְעֵינַי שְׁתֵּי
ז לְבִבוֹת וְאֶבְרֶה מִיָּדָהּ׃ וַיִּשְׁלַח דָּוִד אֶל־תָּמָר הַבַּיְתָה
ח לֵאמֹר לְכִי נָא בֵּית אַמְנוֹן אָחִיךְ וַעֲשִׂי־לוֹ הַבִּרְיָה׃ וַתֵּלֶךְ
תָּמָר בֵּית אַמְנוֹן אָחִיהָ וְהוּא שֹׁכֵב וַתִּקַּח אֶת־הַבָּצֵק
ט וַתָּלָשׁ וַתְּלַבֵּב לְעֵינָיו וַתְּבַשֵּׁל אֶת־הַלְּבִבוֹת׃ וַתִּקַּח אֶת־
הַמַּשְׂרֵת וַתִּצֹק לְפָנָיו וַיְמָאֵן לֶאֱכוֹל וַיֹּאמֶר אַמְנוֹן הוֹצִיאוּ
י כָל־אִישׁ מֵעָלַי וַיֵּצְאוּ כָל־אִישׁ מֵעָלָיו׃ וַיֹּאמֶר אַמְנוֹן
אֶל־תָּמָר הָבִיאִי הַבִּרְיָה הַחֶדֶר וְאֶבְרֶה מִיָּדֵךְ וַתִּקַּח
תָּמָר אֶת־הַלְּבִבוֹת אֲשֶׁר עָשָׂתָה וַתָּבֵא לְאַמְנוֹן אָחִיהָ
יא הֶחָדְרָה׃ וַתַּגֵּשׁ אֵלָיו לֶאֱכֹל וַיַּחֲזֶק־בָּהּ וַיֹּאמֶר לָהּ בּוֹאִי
יב שִׁכְבִי עִמִּי אֲחוֹתִי׃ וַתֹּאמֶר לוֹ אַל־אָחִי אַל־תְּעַנֵּנִי כִּי
לֹא־יֵעָשֶׂה כֵן בְּיִשְׂרָאֵל אַל־תַּעֲשֵׂה אֶת־הַנְּבָלָה הַזֹּאת׃
יג וַאֲנִי אָנָה אוֹלִיךְ אֶת־חֶרְפָּתִי וְאַתָּה תִּהְיֶה כְּאַחַד הַנְּבָלִים
בְּיִשְׂרָאֵל וְעַתָּה דַּבֶּר־נָא אֶל־הַמֶּלֶךְ כִּי לֹא יִמְנָעֵנִי מִמֶּךָּ׃
יד וְלֹא אָבָה לִשְׁמֹעַ בְּקוֹלָהּ וַיֶּחֱזַק מִמֶּנָּה וַיְעַנֶּהָ וַיִּשְׁכַּב
טו אֹתָהּ׃ וַיִּשְׂנָאֶהָ אַמְנוֹן שִׂנְאָה גְּדוֹלָה מְאֹד כִּי גְדוֹלָה
הַשִּׂנְאָה אֲשֶׁר שְׂנֵאָהּ מֵאַהֲבָה אֲשֶׁר אֲהֵבָהּ וַיֹּאמֶר־לָהּ
טז אַמְנוֹן קוּמִי לֵכִי׃ וַתֹּאמֶר לוֹ אַל־אוֹדֹת הָרָעָה הַגְּדוֹלָה

ת׳ יתיר ו׳ · י׳ קמץ בז״ק · יב׳ הש׳ בצרי

פון וועגן זיין שוועסטער תָּמָרן, וואָרום זי איז געווען אַ יונגע פרוי; און עס איז געווען פאַרהוילן אין אַמנונס אויגן ווי אַזוי איר עפּעס צו טאָן.

3 און אַמנון האָט געהאַט אַ חבר וואָס זיין נאָמען איז געווען יוֹנָדָב דער זון פון שִׁמְעָה, דודס ברודער, און יוֹנָדָב איז געווען זייער אַ קלוגער מענטש. 4 האָט ער צו אים געזאָגט: פאַרוואָס ביסטו אַזוי אָפּגעצערט פרימאָרגן אין פרימאָרגן, דו בן־מלך? ווילסטו מיר ניט זאָגן? האָט אַמנון צו אים געזאָגט: איך האָב ליב תָּמָרן, מיין ברודער אַבשָלומס שוועסטער. 5 האָט יוֹנָדָב צו אים געזאָגט: לייג זיך אויף דיין געלעגער, און מאַך זיך קראַנק, און אַז דיין פאָטער וועט דיך קומען זען, אַזוי זאָלסטו זאָגן צו אים: זאָל, איך בעט דיך, קומען מיין שוועסטער תָּמָר, און מיר געבן עסן שפּייז, און זאָל זי מאַכן דאָס עסן פאַר מיינע אויגן, כדי איך זאָל זען, און עסן פון איר האַנט.

6 האָט אַמנון זיך געלייגט און זיך געמאַכט קראַנק, און ווי דער מלך איז אים געקומען זען, אַזוי האָט אַמנון געזאָגט צום מלך: זאָל, איך בעט דיך, קומען מיין שוועסטער תָּמָר, און צוברייטן פאַר מיינע אויגן אַ פּאָר פאַנקוכנס, און איך וועל עסן פון איר האַנט.

7 האָט דוד געשיקט צו תָּמָרן אין הויז, אַזוי צו זאָגן: גיי אַקאָרשט אין דיין ברודער אַמנונס הויז, און מאַך אים עסן.

8 איז תָּמָר געגאַנגען אין איר ברודער אַמנונס הויז; און ער איז געלעגן. און זי האָט גענומען דעם טייג, און האָט געקנעטן און צובאַרייט פאַר זיינע אויגן, און געבאַקן די פאַנקוכנס. 9 און זי האָט גענומען די פאַן, און האָט אויסגעגאָסן פאַר אים; אָבער ער האָט ניט געוואָלט עסן. און אַמנון האָט געזאָגט: פירט אַרויס אַלע מענטשן פון מיר. זיינען אַלע מענטשן אַרויסגעגאַנגען פון אים. 10 און אַמנון האָט געזאָגט צו תָּמָרן: ברענג דאָס עסן אין קאַמער, און איך וועל עסן פון דיין האַנט. האָט תָּמָר גענומען די פאַנקוכנס וואָס זי האָט געמאַכט, און אַריינגעבראַכט צו איר ברודער אַמנונען אין קאַמער. 11 און ווי זי האָט אים דערלאַנגט צום עסן, אַזוי האָט ער זי אָנגענומען, און האָט געזאָגט: קום ליג מיט מיר, מיין שוועסטער. 12 האָט זי צו אים געזאָגט: ניט, מיין ברודער! זאָלסט מיך ניט פּייניקן, וואָרום אַזוי ווערט ניט געטאָן אין ישראל; זאָלסט ניט טאָן דידאָזיקע נבָלה. 13 און איך, וווּ וועל איך אַהינטאָן מיין חרפּה? און דו וועסט זיין אַזוי ווי איינער פון די נידערטרעכטיקע אין ישראל. און אַצונד, רעד, איך בעט דיך, צום מלך, וואָרום ער וועט מיך ניט פאַרמיידן פון דיר.

14 אָבער ער האָט ניט געוואָלט צוהערן צו איר קָול, און ער האָט זי איבערגעשטאַרקט, און האָט זי געפּייניקט, און איז געלעגן מיט איר.

15 און אַמנון האָט זי פיינט געקריגן זייער אַ גרויס פיינטשאַפט; וואָרום די פיינטשאַפט וואָס ער האָט זי פיינט געקריגן, איז געווען גרעסער פון דער ליבשאַפט וואָס ער האָט זי ליב געהאַט. און אַמנון האָט צו איר געזאָגט: שטיי אויף, גיי. 16 האָט

הַזֹּאת מֵאַחֶרֶת אֲשֶׁר־עָשִׂיתָ עִמִּי לְשַׁלְּחֵנִי וְלֹא אָבָה
יז לִשְׁמֹעַ לָהּ׃ וַיִּקְרָא אֶת־נַעֲרוֹ מְשָׁרְתוֹ וַיֹּאמֶר שִׁלְחוּ־נָא
יח אֶת־זֹאת מֵעָלַי הַחוּצָה וּנְעֹל הַדֶּלֶת אַחֲרֶיהָ׃ וְעָלֶיהָ
כְּתֹנֶת פַּסִּים כִּי כֵן תִּלְבַּשְׁןָ בְנוֹת־הַמֶּלֶךְ הַבְּתוּלֹת
מְעִילִים וַיֹּצֵא אוֹתָהּ מְשָׁרְתוֹ הַחוּץ וְנָעַל הַדֶּלֶת אַחֲרֶיהָ׃
יט וַתִּקַּח תָּמָר אֵפֶר עַל־רֹאשָׁהּ וּכְתֹנֶת הַפַּסִּים אֲשֶׁר עָלֶיהָ
קָרָעָה וַתָּשֶׂם יָדָהּ עַל־רֹאשָׁהּ וַתֵּלֶךְ הָלוֹךְ וְזָעָקָה׃
כ וַיֹּאמֶר אֵלֶיהָ אַבְשָׁלוֹם אָחִיהָ הַאֲמִינוֹן אָחִיךְ הָיָה עִמָּךְ
וְעַתָּה אֲחוֹתִי הַחֲרִישִׁי אָחִיךְ הוּא אַל־תָּשִׁיתִי אֶת־לִבֵּךְ
לַדָּבָר הַזֶּה וַתֵּשֶׁב תָּמָר וְשֹׁמֵמָה בֵּית אַבְשָׁלוֹם אָחִיהָ׃
כא וְהַמֶּלֶךְ דָּוִד שָׁמַע אֵת כָּל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וַיִּחַר לוֹ מְאֹד׃
כב וְלֹא־דִבֶּר אַבְשָׁלוֹם עִם־אַמְנוֹן לְמֵרָע וְעַד־טוֹב כִּי־שָׂנֵא
אַבְשָׁלוֹם אֶת־אַמְנוֹן עַל־דְּבַר אֲשֶׁר עִנָּה אֵת תָּמָר אֲחֹתוֹ׃
כג וַיְהִי לִשְׁנָתַיִם יָמִים וַיִּהְיוּ גֹזְזִים לְאַבְשָׁלוֹם בְּבַעַל
חָצוֹר אֲשֶׁר עִם־אֶפְרָיִם וַיִּקְרָא אַבְשָׁלוֹם לְכָל־בְּנֵי הַמֶּלֶךְ׃
כד וַיָּבֹא אַבְשָׁלוֹם אֶל־הַמֶּלֶךְ וַיֹּאמֶר הִנֵּה־נָא גֹזְזִים לְעַבְדֶּךָ
כה יֵלֶךְ־נָא הַמֶּלֶךְ וַעֲבָדָיו עִם־עַבְדֶּךָ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֶל־
אַבְשָׁלוֹם אַל־בְּנִי אַל־נָא נֵלֵךְ כֻּלָּנוּ וְלֹא נִכְבַּד עָלֶיךָ
כו וַיִּפְרָץ־בּוֹ וְלֹא־אָבָה לָלֶכֶת וַיְבָרְכֵהוּ׃ וַיֹּאמֶר אַבְשָׁלוֹם
וָלֹא יֵלֶךְ־נָא אִתָּנוּ אַמְנוֹן אָחִי וַיֹּאמֶר לוֹ הַמֶּלֶךְ לָמָּה
כז יֵלֵךְ עִמָּךְ׃ וַיִּפְרָץ־בּוֹ אַבְשָׁלוֹם וַיִּשְׁלַח אִתּוֹ אֶת־אַמְנוֹן
כח וְאֵת כָּל־בְּנֵי הַמֶּלֶךְ׃ וַיְצַו אַבְשָׁלוֹם אֶת־נְעָרָיו לֵאמֹר
רְאוּ־נָא כְּטוֹב לֵב־אַמְנוֹן בַּיַּיִן וְאָמַרְתִּי אֲלֵיכֶם הַכּוּ אֶת־
אַמְנוֹן וַהֲמִתֶּם אֹתוֹ אַל־תִּירָאוּ הֲלוֹא כִּי אָנֹכִי צִוִּיתִי
כט אֶתְכֶם חִזְקוּ וִהְיוּ לִבְנֵי־חָיִל׃ וַיַּעֲשׂוּ נַעֲרֵי אַבְשָׁלוֹם
לְאַמְנוֹן כַּאֲשֶׁר צִוָּה אַבְשָׁלוֹם וַיָּקֻמוּ ׀ כָּל־בְּנֵי הַמֶּלֶךְ
ל וַיִּרְכְּבוּ אִישׁ עַל־פִּרְדּוֹ וַיָּנֻסוּ׃ וַיְהִי הֵמָּה בַדֶּרֶךְ וְהַשְּׁמֻעָה
בָאָה אֶל־דָּוִד לֵאמֹר הִכָּה אַבְשָׁלוֹם אֶת־כָּל־בְּנֵי הַמֶּלֶךְ

זי צו אים געזאָגט: ניטע! וואָרום דאָסדאָזיקע בייז מיך אַוועקצושיקן איז נאָך גרעסער ווי דאָס אַנדערע וואָס דו האָסט געטאָן מיט מיר.

אָבער ער האָט ניט געוואָלט צוהערן צו איר. [17] און ער האָט גערופֿן זיין יונג, זיין משרת, און האָט געזאָגט: שיקט אַקאָרשט אַרויס דידאָזיקע פֿון מיר דערויסן, און פֿאַרשליס די טיר הינטער איר.— [18] און זי האָט געהאַט אויף זיך אַ געשטרייפֿט קלייד, וואָרום אַזעלכע מאַנטלען פֿלעגן טראָגן דעם מלכס טעכטער די יונגפֿרויען.—האָט זיין משרת זי אַרויסגעפֿירט דערויסן, און האָט פֿאַרשלאָסן די טיר הינטער איר. [19] און תָּמָר האָט גענומען אַש אויף איר קאָפּ, און דאָס געשטרייפֿטע קלייד וואָס אויף איר האָט זי צעריסן, און זי האָט אַרויפֿגעטאָן איר האַנט אויף איר קאָפּ, און איז געגאַנגען און גייענדיק געשריען.

[20] האָט צו איר געזאָגט איר ברודער אַבשָׁלום: איז אַמינונ[א] דיין ברודער געווען מיט דיר? און אַצונד, מיין שוועסטער, שווייג, וואָרום ער איז דיין ברודער; זאָלסט דיר ניט נעמען צום האַרצן דידאָזיקע זאַך.

און תָּמָר איז געזעסן אַ וויסטע אין איר ברודער אַבשָׁלומס הויז.

[21] און דער מלך דוד האָט געהערט אַלע דידאָזיקע זאַכן, און אים האָט זייער געערגערט.

[22] און אַבשָׁלום האָט ניט גערעדט מיט אַמנונען פֿון שלעכטס ביז גוטס, וואָרום אַבשָׁלום האָט פֿיינט געקריגן אַמנונען דערפֿאַר וואָס ער האָט געפּייניקט זיין שוועסטער תָּמָרן.

[23] און עס איז געווען אין צוויי יאָר צייט אַרום, האָט מען געשאָרן ביי אַבשָׁלומען אין בַּעַל־חָצור וואָס ביי אפרים, און אַבשָׁלום האָט פֿאַררופֿן אַלע זין פֿון מלך. [24] און אַבשָׁלום איז געקומען צום מלך, און האָט געזאָגט: אָט, איך בעט דיך, שערט מען ביי דיין קנעכט; זאָל, איך בעט דיך, דער מלך און זיינע קנעכט מיטגיין מיט דיין קנעכט. [25] האָט דער מלך געזאָגט צו אַבשָׁלומען: ניין, מיין זון, לאָמיר אַקאָרשט ניט אַלע גיין, כּדי מיר זאָלן ניט פֿאַלן צו שווער אויף דיר. איז ער צוגעשטאַנען צו אים, אָבער ער האָט ניט געוואָלט גיין, און ער האָט אים געבענטשט. [26] האָט אַבשָׁלום געזאָגט: אויב ניט, זאָל, איך בעט דיך, גיין מיט אונדז מיין ברודער אַמנון. האָט דער מלך צו אים געזאָגט: נאָך וואָס זאָל ער גיין מיט דיר? [27] איז אַבשָׁלום צוגעשטאַנען צו אים, און ער האָט געשיקט מיט אים אַמנונען און אַלע זין פֿון מלך.

[28] און אַבשָׁלום האָט באַפֿוילן זיינע יונגען, אַזוי צו זאָגן: זעט אַקאָרשט, ווי אַמנונס האַרץ איז פֿריילעך פֿון וויין, און איך וועל אייך זאָגן: שלאָגט אַמנונען, אַזוי זאָלט איר אים טייטן; איר זאָלט ניט מורא האָבן, וואָרום איך האָב דאָך אייך באַפֿוילן. שטאַרקט אייך און זייט העלדישע יונגען.

[29] האָבן די יונגען פֿון אַבשָׁלומען געטאָן צו אַמנונען אַזוי ווי אַבשָׁלום האָט באַפֿוילן, און אַלע זין פֿון מלך זיינען אויפֿגעשטאַנען, און האָבן זיך געזעצט איטלעכער אויף זיין מוילאייזל, און זיינען אַנטלאָפֿן. [30] און עס איז געווען, ווי זיי זיינען אונטערוועגנס, אַזוי איז די הערונג אָנגעקומען צו דודן, אַזוי צו זאָגן: אַבשָׁלום האָט

[א] פֿאַראַכטפֿאָרם פֿון אַמנון=אַמנונקע.

דערשלאָגן אַלע זין פון מלך, און ניט געבליבן פון זיי אַן איינציקער.

31 איז דער מלך אויפגעשטאַנען, און ער האָט צע־ריסן זיינע קליידער, און האָט זיך געלייגט אויף דער ערד; און אַלע זיינע קנעכט זיינען געשטאַנען מיט צעריסענע קליידער. 32 האָט זיך אָפּגערופן יונָדָב דער זון פון שִמעָה, דודס ברודער, און האָט געזאָגט: זאָל ניט מיינען מיין האַר, אַלע יונגעלייט, די זין פון מלך, האָט מען גע־טייט, וואָרום בלויז אַמנון איז טויט; ווייל דאָס איז געווען אָפּגעמאַכט פון אַבשָלומס מויל פון דעם טאָג וואָס ער האָט געפייניקט זיין שוועסטער תָמָרן. 33 און אַצונד זאָל מיין האַר דער מלך זיך ניט נעמען די זאַך צום האַרצן, אַזוי צו זאָגן: אַלע זין פון מלך זיינען טויט, וואָרום בלויז אַמנון איז טויט.

34 און אַבשָלום איז אַנטלאָפן.

און דער יונג דער וועכטער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן און געזען, ערשט פיל פאָלק גייען פון דעם וועג הינטער אים, פון זייט באַרג. 35 און יונָדָב האָט געזאָגט צום מלך: אָט זיינען געקומען דעם מלכס זין. אַזוי ווי דאָס וואָרט פון דיין קנעכט, אַזוי איז געווען.

36 און עס איז געווען, ווי ער ענדיקט רעדן, ערשט דעם מלכס זין זיינען אָנגעקומען, און זיי האָבן אויפגע־הויבן זייער קָול און האָבן געוויינט, און אויך דער מלך און אַלע זיינע קנעכט האָבן געוויינט זייער אַ גרויס געוויין.

37 און אַבשָלום איז אַנטלאָפן, און איז אַוועק צו תַלמַי דעם זון פון עַמיהודן, דעם מלך פון גשור. און [דוד] האָט געטרויערט אויף זיין זון אַלע טעג.

38 אַזוי איז אַבשָלום אַנטלאָפן, און איז אַוועק קיין גשור, און ער איז דאָרטן געווען דריי יאָר.

39 און [דאָס האַרץ פון] דוד המלך איז אויסגעגאַנגען פון בענקשאַפט נאָך אַבשָלומען, וואָרום ער האָט זיך שוין געטרייסט וועגן אַמנונען, וואָס ער איז טויט.

לא ולא־נותר מהם אחד: ויקם המלך ויקרע את־בגדיו
לב וישכב ארצה וכל־עבדיו נצבים קרעי בגדים: ויען
יונדב ׀ בן־שמעה אחי־דוד ויאמר אל־יאמר אדני את
כל־הנערים בני־המלך המיתו כי־אמנון לבדו מת כי־
על־פי אבשלום היתה שימה מיום ענתו את תמר אחתו:
לג ועתה אל־ישם אדני המלך אל־לבו דבר לאמר כל־
לד בני המלך מתו כי־אם אמנון לבדו מת: ויברח אבשלום
וישא הנער הצפה את־עינו וירא והנה עם־רב הלכים
לה מדרך אחריו מצד ההר: ויאמר יונדב אל־המלך הנה
לו בני־המלך באו כדבר עבדך כן היה: ויהי ׀ ככלתו
לדבר והנה בני־המלך באו וישאו קולם ויבכו וגם־
לז המלך וכל־עבדיו בכו בכי גדול מאד: ואבשלום ברח
וילך אל־תלמי בן־עמיחור מלך גשור ויתאבל על־בנו
לח כל־הימים: ואבשלום ברח וילך גשור ויהי־שם שלש
לט שנים: ותכל דוד המלך לצאת אל־אבשלום כי־נחם
על־אמנון כי־מת:

יד

א ויֵדע יואב בן־צריה כי־לב המלך על־אבשלום: וישלח
ב יואב תקועה ויקח משם אשה חכמה ויאמר אליה
התאבלי־נא ולבשי־נא בגדי־אבל ואל־תסוכי שמן והיית
ג כאשה זה ימים רבים מתאבלת על־מת: ובאת אל־
המלך ודברת אליו כדבר הזה וישם יואב את־הדברים
ד בפיה: ותאמר האשה התקעית אל־המלך ותפל על־
אפיה ארצה ותשתחו ותאמר הושעה המלך:
ה ויאמר־לה המלך מה־לך ותאמר אבל אשה־אלמנה אני
ו וימת אישי: ולשפחתך שני בנים וינצו שניהם בשדה
ואין מציל ביניהם ויכו האחד את־האחד וימת אתו:

יג, לב׳ שומה קרי לג׳ למדנחאי על
כתיב ולא ק׳ לד׳ עיניו ק׳ לז׳ עמיהוד ק׳

יד 1 און יואָב דער זון פון צרויָהן האָט געוווּסט אַז דעם מלכס האַרץ איז צו אַבשָלומען. 2 האָט יואָב געשיקט קיין תקוֹעַ, און האָט געבראַכט פון דאָרטן אַ קלוגע פרוי, און האָט צו איר געזאָגט: מאַך זיך, איך בעט דיך, טרויערנדיק, און טו אָן, איך בעט דיך, טרויערקליידער, און זאָלסט זיך ניט זאַלבן מיט אייל, און זאָלסט זיין ווי אַ פרוי וואָס טרויערט שוין פיל טעג נאָך אַ טויטן. 3 און זאָלסט קומען צום מלך, און רעדן צו אים אַזוי ווי דאָסדאָזיקע וואָרט. און יואָב האָט אַריינגעטאָן די ווערטער אין איר מויל.

4 האָט די פרוי פון תקוֹעַ גערעדט צום מלך, און זי איז געפאַלן אויף איר פנים צו דער ערד, און האָט זיך גע־בוקט און געזאָגט: העלף, מלך. 5 האָט דער מלך צו איר געזאָגט: וואָס איז דיר? האָט זי געזאָגט: פאַרוואָר, אַ פרוי אַן אַלמנה בין איך, וואָרום מיין מאַן איז געשטאָרבן. 6 און דיין דינסט האָט געהאַט צוויי זין, האָבן זיי זיך ביידע געקריגט אין פעלד, און ניט געווען ווער זאָל פאַנאַנדעררייסן צווישן זיי, האָט איינער געשלאָגן דעם אַנדערן און אים געטייט.

ז וְהִנֵּה קָמָה כָל־הַמִּשְׁפָּחָה עַל־שִׁפְחָתֶךָ וַיֹּאמְרוּ תְּנִי
אֶת־מַכֵּה אָחִיו וּנְמִתֵהוּ בְּנֶפֶשׁ אָחִיו אֲשֶׁר הָרָג וְנַשְׁמִידָה
גַּם אֶת־הַיּוֹרֵשׁ וְכִבּוּ אֶת־גַּחַלְתִּי אֲשֶׁר נִשְׁאָרָה לְבִלְתִּי
שׂוּם־לְאִישִׁי שֵׁם וּשְׁאֵרִית עַל־פְּנֵי הָאֲדָמָה׃ וַיֹּאמֶר ח
הַמֶּלֶךְ אֶל־הָאִשָּׁה לְכִי לְבֵיתֵךְ וַאֲנִי אֲצַוֶּה עָלָיִךְ׃ וַתֹּאמֶר ט
הָאִשָּׁה הַתְּקוֹעִית אֶל־הַמֶּלֶךְ עָלַי אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ הֶעָוֺן וְעַל־
בֵּית אָבִי וְהַמֶּלֶךְ וְכִסְאוֹ נָקִי׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ י
הַמְדַבֵּר אֵלַיִךְ וַהֲבֵאתוֹ אֵלַי וְלֹא־יֹסִיף עוֹד לָגַעַת בָּךְ׃
וַתֹּאמֶר יִזְכָּר־נָא הַמֶּלֶךְ אֶת־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ מֵהַרְבִּית גֹּאֵל יא
הַדָּם לְשַׁחֵת וְלֹא יַשְׁמִידוּ אֶת־בְּנִי וַיֹּאמֶר חַי־יְהוָה אִם־
יִפֹּל מִשַּׂעֲרַת בְּנֵךְ אָרְצָה׃ וַתֹּאמֶר הָאִשָּׁה תְּדַבֶּר־נָא יב
שִׁפְחָתְךָ אֶל־אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ דָּבָר וַיֹּאמֶר דַּבֵּרִי׃ וַתֹּאמֶר יג
הָאִשָּׁה וְלָמָּה חָשַׁבְתָּה כָּזֹאת עַל־עַם אֱלֹהִים וּמִדַּבֵּר
הַמֶּלֶךְ הַדָּבָר הַזֶּה כְּאָשֵׁם לְבִלְתִּי הָשִׁיב הַמֶּלֶךְ אֶת־נִדְּחוֹ׃
כִּי־מוֹת נָמוּת וְכַמַּיִם הַנִּגָּרִים אַרְצָה אֲשֶׁר לֹא יֵאָסֵפוּ יד
וְלֹא־יִשָּׂא אֱלֹהִים נֶפֶשׁ וְחָשַׁב מַחֲשָׁבוֹת לְבִלְתִּי יִדַּח
מִמֶּנּוּ נִדָּח׃ וְעַתָּה אֲשֶׁר־בָּאתִי לְדַבֵּר אֶל־הַמֶּלֶךְ אֲדֹנִי טו
אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה כִּי יֵרְאֻנִי הָעָם וַתֹּאמֶר שִׁפְחָתְךָ אֲדַבְּרָה־
נָּא אֶל־הַמֶּלֶךְ אוּלַי יַעֲשֶׂה הַמֶּלֶךְ אֶת־דְּבַר אֲמָתוֹ׃ כִּי טז
יִשְׁמַע הַמֶּלֶךְ לְהַצִּיל אֶת־אֲמָתוֹ מִכַּף הָאִישׁ לְהַשְׁמִיד
אֹתִי וְאֶת־בְּנִי יַחַד מִנַּחֲלַת אֱלֹהִים׃ וַתֹּאמֶר שִׁפְחָתְךָ יז
יִהְיֶה־נָּא דְּבַר־אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ לִמְנוּחָה כִּי ׀ כְּמַלְאַךְ הָאֱלֹהִים
כֵּן אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ לִשְׁמֹעַ הַטּוֹב וְהָרָע וַיהוָה אֱלֹהֶיךָ יְהִי
עִמָּךְ׃ וַיַּעַן הַמֶּלֶךְ וַיֹּאמֶר אֶל־הָאִשָּׁה אַל־נָא יח
תְכַחֲדִי מִמֶּנִּי דָּבָר אֲשֶׁר אָנֹכִי שֹׁאֵל אֹתָךְ וַתֹּאמֶר הָאִשָּׁה
יְדַבֶּר־נָא אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ הֲיַד יוֹאָב אִתָּךְ יט
בְּכָל־זֹאת וַתַּעַן הָאִשָּׁה וַתֹּאמֶר חֵי־נַפְשְׁךָ אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ

ז׳ קמץ בז״ק   שים ק׳   יא׳ מהרבת ק׳

7 און אַט איז אָנגעשטאַנען די גאַנצע משפחה אויף דיין דינסט, און זיי זאָגן: גיב אונדז דעם וואָס האָט דערשלאָגן זיין ברודער, און מיר וועלן אים טייטן פאַר דעם לעבן פון זיין ברודער וואָס ער האָט געהרגעט, און מיר וועלן פאַרטיליקן אויך דעם יורש. און זיי ווילן אויסלעשן מיין קויל וואָס איז געבליבן, ניט צו לאָזן מיין מאַן אַ נאָמען און אַן איבערבלייב אויפן געזיכט פון דער ערד.

8 האָט דער מלך געזאָגט צו דער פרוי: גיי אַהיים, און איך וועל באַפעלן וועגן דיר. 9 האָט די פרוי פון תקוע געזאָגט צום מלך: אויף מיר, מיין האַר מלך, די שולד, און אויף מיין פאָטערס הויז, און דער מלך און זיין טראָן איז ריין. 10 האָט דער מלך געזאָגט: דער וואָס רעדט צו דיר, זאָלסטו אים ברענגען צו מיר, און ער וועט דיך מער ווידער ניט אָנרירן. 11 האָט זי געזאָגט: זאָל, איך בעט דיך, דער מלך געדענקען יהוה דיין גאָט, אַז דער בלוטמאָנער זאָל ניט נאָך מער אומברענגען, און זיי זאָלן ניט פאַרטיליקן מיין זון. האָט ער געזאָגט: אַזוי ווי גאָט לעבט, אויב אַ האָר פון דיין זון וועט פאַלן צו דער ערד! 12 האָט די פרוי געזאָגט: זאָל, איך בעט דיך, דיין דינסט רעדן צו מיין האַר דעם מלך אַ וואָרט. האָט ער געזאָגט: רעד.

13 האָט די פרוי געזאָגט: און פאַרוואָס טראַכטסטו אַזוינס אַקעגן דעם פאָלק פון גאָט? וואָרום אַז דער מלך רעדט דאָסדאָזיקע וואָרט, איז ער אַליין אַזוי ווי אַ שולדיקער, וואָס דער מלך קערט ניט אום זיין פאַרשטויסענעם. 14 וואָרום שטאַרבן מוזן מיר שטאַרבן; יאָ, אַזוי ווי וואַסער אויסגעגאָסן אויף דער ערד, וואָס קען ניט אויפגעזאַמלט ווערן; און גאָט שוינט ניט קיין נפש; אָבער ער טראַכט טראַכטונגען אַז פון אים זאָל ניט פאַרשטויסן ווערן קיין פאַרשטויסענער. 15 און אַצונד, וואָס איך בין געקומען רעדן צו מיין האַר דעם מלך דאָסדאָזיקע וואָרט, איז דאָס ווייל דאָס פאָלק האָט מיך איינגעשראָקן, און דיין דינסט האָט געזאָגט: לאָמיך אַקאָרשט רעדן צום מלך, אפשר וועט דער מלך טאָן דעם פאַרלאַנג פון זיין דינסט. 16 וואָרום דער מלך וועט זיך צוהערן, מציל צו זיין זיין דינסט פון דער האַנט פון דעם מאַן וואָס וויל פאַרטיליקן מיך און מיין זון אין איינעם פון גאָטס נחלה. 17 און דיין דינסט האָט געזאָגט: זאָל, איך בעט דיך, דאָס וואָרט פון מיין האַר דעם מלך זיין פאַר אַ באַרויאונג; וואָרום ווי אַ מלאך פון גאָט, אַזוי איז מיין האַר דער מלך אויף צו פאַרשטיין גוטס און שלעכטס. און זאָל יהוה דיין גאָט זיין מיט דיר.

18 האָט געענטפערט דער מלך און האָט געזאָגט צו דער פרוי: זאָלסט נאָר ניט לייקענען פון מיר קיין זאַך וואָס איך פרעג דיך. האָט די פרוי געזאָגט: זאָל, איך בעט דיך, מיין האַר דער מלך רעדן. 19 האָט דער מלך געזאָגט: איז יואָבס האַנט געווען מיט דיר אין דעם אַלעם? האָט די פרוי געענטפערט און געזאָגט: אַזוי ווי דיין זעל לעבט, מיין האַר מלך,

אויב מע קען אוועק רעכטס אָדער לינקס פון אַלץ וואָס מיין האַר דער מלך האָט גערעדט! וואָרום דיין קנעכט יואָב, ער האָט מיר באַפוילן, און ער האָט אַריינגעטאָן אין מויל פון דיין דינסט אַלע דידאָזיקע ווערטער. 20 כּדי צו פאַרדרייען דעם פּנים פון דער זאַך, האָט דיין קנעכט יואָב געטאָן דידאָזיקע זאַך. אָבער מיין האַר איז קלוג אַזוי ווי די קלוגשאַפט פון אַ מלאך פון גאָט, צו וויסן אַלץ וואָס אויף דער ערד.

21 און דער מלך האָט געזאָגט צו יואָבן: זע, איך טו דידאָזיקע זאַך, און גיי קער אום דעם יונג אַבשָלומען.

22 איז יואָב געפאַלן אויף זיין פּנים צו דער ערד, און האָט זיך געבוקט, און האָט געבענטשט דעם מלך. און יואָב האָט געזאָגט: היינט ווייס דיין קנעכט אַז איך האָב געפונען לייטועליקייט אין דיינע אויגן, מיין האַר מלך, וואָרום דער מלך האָט געטאָן דעם פאַרלאַנג פון דיין קנעכט.

23 און יואָב איז אויפגעשטאַנען, און איז געגאַנגען קיין גשור, און האָט געבראַכט אַבשָלומען קיין ירושָלַיִם. 24 און דער מלך האָט געזאָגט: זאָל ער פאַרקערן צו זיין הויז, אָבער מיין פּנים זאָל ער ניט זען.

האָט אַבשָלום פאַרקערט צו זיין הויז, און דעם מלכס פּנים האָט ער ניט געזען.

25 און אין גאַנץ ישׂראל איז ניט געווען אַזאַ שיינער מאַן ווי אַבשָלום, זייער צו רימען; פון זיין פוסטריט ביז זיין שפּיץ קאָפּ איז אין אים ניט געווען אַ פעלער. 26 און אַז ער האָט אָפּגעשאָרן זיין קאָפּ—און געשען פלעגט עס פון סוף יאָר צו יאָר, אַז ער זאָל זיך אָפּשערן; וואָרום אַז עס איז אים צו שווער געוואָרן, האָט ער עס אָפּגעשאָרן—האָט ער אָפּגעוואויגן די האָר פון זיין קאָפּ מיט צווי הונדערט שֶקל אויפן מלכס געוויכט.

27 און ביי אַבשָלומען זיינען געבאָרן געוואָרן דריי זין, און איין טאָכטער וואָס איר נאָמען איז געווען תָמָר. זי איז געווען אַ ווייבספּאַרשוין פון אַ שיינעם אויסזען.

28 און אַבשָלום איז געזעסן אין ירושָלַיִם צוויי יאָר צייט, און דעם מלכס פּנים האָט ער ניט געזען. 29 האָט אַבשָלום געשיקט נאָך יואָבן, כּדי אים צו שיקן צום מלך, אָבער ער האָט ניט געוואָלט קומען צו אים. האָט ער ווידער געשיקט אַ צווייט מאָל, און ער האָט ניט געוואָלט קומען. 30 האָט ער געזאָגט צו זיינע קנעכט: זעט, יואָבס שטיק פעלד איז לעבן מיינעם, און ער האָט דאָרטן גערשטן; גייט און צינדט עס אָן אין פייער. און די קנעכט פון אַבשָלומען האָבן אָנגעצונדן דאָס שטיק פעלד אין פייער.

31 איז יואָב אויפגעשטאַנען, און איז געקומען צו אַבשָלומען אין הויז, און האָט צו אים געזאָגט: פאַרוואָס האָבן דיינע קנעכט אָנגעצונדן מיין שטיק פעלד אין פייער? 32 האָט אַבשָלום געזאָגט צו יואָבן: זע, איך האָב געשיקט צו דיר, אַזוי צו

אִם־אִשׁ ׀ לְהֵמִין וּלְהַשְׂמִיל מִכֹּל אֲשֶׁר־דִּבֶּר אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ
כִּי־עַבְדְּךָ יוֹאָב הוּא צִוָּנִי וְהוּא שָׂם בְּפִי שִׁפְחָתְךָ אֵת
כ כָּל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה׃ לְבַעֲבוּר סַבֵּב אֶת־פְּנֵי הַדָּבָר עָשָׂה
עַבְדְּךָ יוֹאָב אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה וַאדֹנִי חָכָם כְּחָכְמַת מַלְאַךְ
כא הָאֱלֹהִים לָדַעַת אֶת־כָּל־אֲשֶׁר בָּאָרֶץ׃ וַיֹּאמֶר
הַמֶּלֶךְ אֶל־יוֹאָב הִנֵּה־נָא עָשִׂיתִי אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה וְלֵךְ
כב הָשֵׁב אֶת־הַנַּעַר אֶת־אַבְשָׁלוֹם׃ וַיִּפֹּל יוֹאָב אֶל־פָּנָיו אַרְצָה
וַיִּשְׁתַּחוּ וַיְבָרֶךְ אֶת־הַמֶּלֶךְ וַיֹּאמֶר יוֹאָב הַיּוֹם יָדַע עַבְדְּךָ
כִּי־מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר־עָשָׂה הַמֶּלֶךְ
כג אֶת־דְּבַר עַבְדּוֹ׃ וַיָּקָם יוֹאָב וַיֵּלֶךְ גְּשׁוּרָה וַיָּבֵא אֶת־
כד אַבְשָׁלוֹם יְרוּשָׁלִָם׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ יִסֹּב אֶל־בֵּיתוֹ
וּפָנַי לֹא יִרְאֶה וַיִּסֹּב אַבְשָׁלוֹם אֶל־בֵּיתוֹ וּפְנֵי הַמֶּלֶךְ לֹא
כה רָאָה׃ וּכְאַבְשָׁלוֹם לֹא־הָיָה אִישׁ־יָפֶה בְּכָל־יִשְׂרָאֵל
לְהַלֵּל מְאֹד מִכַּף רַגְלוֹ וְעַד קָדְקֳדוֹ לֹא־הָיָה בוֹ מוּם׃
כו וּבְגַלְּחוֹ אֶת־רֹאשׁוֹ וְהָיָה מִקֵּץ יָמִים ׀ לַיָּמִים אֲשֶׁר יְגַלֵּחַ
כִּי־כָבֵד עָלָיו וְגִלְּחוֹ וְשָׁקַל אֶת־שְׂעַר רֹאשׁוֹ מָאתַיִם
כז שְׁקָלִים בְּאֶבֶן הַמֶּלֶךְ׃ וַיִּוָּלְדוּ לְאַבְשָׁלוֹם שְׁלוֹשָׁה בָנִים
וּבַת אַחַת וּשְׁמָהּ תָּמָר הִיא הָיְתָה אִשָּׁה יְפַת מַרְאֶה׃
כח וַיֵּשֶׁב אַבְשָׁלוֹם בִּירוּשָׁלִַם שְׁנָתַיִם יָמִים וּפְנֵי
כט הַמֶּלֶךְ לֹא רָאָה׃ וַיִּשְׁלַח אַבְשָׁלוֹם אֶל־יוֹאָב לִשְׁלֹחַ אֹתוֹ
אֶל־הַמֶּלֶךְ וְלֹא אָבָה לָבוֹא אֵלָיו וַיִּשְׁלַח עוֹד שֵׁנִית וְלֹא
ל אָבָה לָבוֹא׃ וַיֹּאמֶר אֶל־עֲבָדָיו רְאוּ חֶלְקַת יוֹאָב אֶל־
יָדִי וְלוֹ־שָׁם שְׂעֹרִים לְכוּ וְהוֹצִיתִיהָ בָאֵשׁ וַיַּצִּתוּ עַבְדֵי
לא אַבְשָׁלוֹם אֶת־הַחֶלְקָה בָּאֵשׁ׃ וַיָּקָם יוֹאָב וַיָּבֹא
אֶל־אַבְשָׁלוֹם הַבָּיְתָה וַיֹּאמֶר אֵלָיו לָמָּה הִצִּיתוּ עֲבָדֶיךָ
לב אֶת־הַחֶלְקָה אֲשֶׁר־לִי בָּאֵשׁ׃ וַיֹּאמֶר אַבְשָׁלוֹם אֶל־יוֹאָב
הִנֵּה שָׁלַחְתִּי אֵלֶיךָ ׀ לֵאמֹר בֹּא הֵנָּה וְאֶשְׁלְחָה אֹתְךָ אֶל־

יט׳ כצל   חסר א׳   קמץ בז״ק   כא׳ ס״א עשית ק׳
כב׳ עבדך קרי   ל׳ והציתוה ק׳   לב׳ כ״צל ב״תלג

הַמֶּלֶךְ לֵאמֹר לָמָּה בָּאתִי מִגְּשׁוּר טוֹב לִי עֹד אֲנִי־שָׁם
לג וְעַתָּה אֶרְאֶה פְּנֵי הַמֶּלֶךְ וְאִם־יֶשׁ־בִּי עָוֺן וֶהֱמִתָנִי׃ וַיָּבֹא
יוֹאָב אֶל־הַמֶּלֶךְ וַיַּגֶּד־לוֹ וַיִּקְרָא אֶל־אַבְשָׁלוֹם וַיָּבֹא אֶל־
הַמֶּלֶךְ וַיִּשְׁתַּחוּ לוֹ עַל־אַפָּיו אַרְצָה לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ וַיִּשַּׁק
הַמֶּלֶךְ לְאַבְשָׁלוֹם׃

## טו

א וַיְהִי מֵאַחֲרֵי כֵן וַיַּעַשׂ לוֹ אַבְשָׁלוֹם מֶרְכָּבָה וְסֻסִים
ב וַחֲמִשִּׁים אִישׁ רָצִים לְפָנָיו׃ וְהִשְׁכִּים אַבְשָׁלוֹם וְעָמַד
עַל־יַד דֶּרֶךְ הַשָּׁעַר וַיְהִי כָּל־הָאִישׁ אֲשֶׁר־יִהְיֶה־לּוֹ־רִיב
לָבוֹא אֶל־הַמֶּלֶךְ לַמִּשְׁפָּט וַיִּקְרָא אַבְשָׁלוֹם אֵלָיו וַיֹּאמַר
אֵי־מִזֶּה עִיר אַתָּה וַיֹּאמֶר מֵאַחַד שִׁבְטֵי־יִשְׂרָאֵל עַבְדֶּךָ׃
ג וַיֹּאמֶר אֵלָיו אַבְשָׁלוֹם רְאֵה דְבָרֶךָ טוֹבִים וּנְכֹחִים וְשֹׁמֵעַ
ד אֵין־לְךָ מֵאֵת הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר אַבְשָׁלוֹם מִי־יְשִׂמֵנִי שֹׁפֵט
בָּאָרֶץ וְעָלַי יָבוֹא כָּל־אִישׁ אֲשֶׁר־יִהְיֶה־לּוֹ־רִיב וּמִשְׁפָּט
ה וְהִצְדַּקְתִּיו׃ וְהָיָה בִּקְרָב־אִישׁ לְהִשְׁתַּחֲוֺת לוֹ וְשָׁלַח אֶת־
ו יָדוֹ וְהֶחֱזִיק לוֹ וְנָשַׁק לוֹ׃ וַיַּעַשׂ אַבְשָׁלוֹם כַּדָּבָר הַזֶּה
לְכָל־יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר־יָבֹאוּ לַמִּשְׁפָּט אֶל־הַמֶּלֶךְ וַיְגַנֵּב
ז אַבְשָׁלוֹם אֶת־לֵב אַנְשֵׁי יִשְׂרָאֵל׃ וַיְהִי מִקֵּץ אַרְבָּעִים
שָׁנָה וַיֹּאמֶר אַבְשָׁלוֹם אֶל־הַמֶּלֶךְ אֵלְכָה נָּא וַאֲשַׁלֵּם אֶת־
ח נִדְרִי אֲשֶׁר־נָדַרְתִּי לַיהוָה בְּחֶבְרוֹן׃ כִּי־נֵדֶר נָדַר עַבְדְּךָ
בְּשִׁבְתִּי בִגְשׁוּר בַּאֲרָם לֵאמֹר אִם־יָשׁוֹב יְשִׁיבֵנִי יְהוָה
ט יְרוּשָׁלַםִ וְעָבַדְתִּי אֶת־יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר־לוֹ הַמֶּלֶךְ לֵךְ בְּשָׁלוֹם
י וַיָּקָם וַיֵּלֶךְ חֶבְרוֹנָה׃ וַיִּשְׁלַח אַבְשָׁלוֹם מְרַגְּלִים
בְּכָל־שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר כְּשָׁמְעֲכֶם אֶת־קוֹל הַשֹּׁפָר
יא וַאֲמַרְתֶּם מָלַךְ אַבְשָׁלוֹם בְּחֶבְרוֹן׃ וְאֶת־אַבְשָׁלוֹם הָלְכוּ
מָאתַיִם אִישׁ מִירוּשָׁלַםִ קְרֻאִים וְהֹלְכִים לְתֻמָּם וְלֹא יָדְעוּ
יב כָּל־דָּבָר׃ וַיִּשְׁלַח אַבְשָׁלוֹם אֶת־אֲחִיתֹפֶל הַגִּילֹנִי יוֹעֵץ

טו, ח׳ ישוב קרי

זאָגן: קום אַהער, און איך וועל דיך שיקן צום מלך, אַזוי צו זאָגן: נאָך וואָס בין איך געקומען פון גשור? בעסער פאַר מיר, איך זאָל נאָך דאָרטן זיין. און אַצונד, לאָמיך זען דעם פּנים פון מלך, און אויב אין מיר איז דאָ אַ פאַרברעך, זאָל ער מיך טייטן.

33 איז יואָב געקומען צום מלך, און האָט אים דערציילט. האָט ער גערופן אַבשָלומען, און ער איז געקומען צום מלך, און האָט זיך געבוקט אויף זיין פּנים צו דער ערד פאַרן מלך. און דער מלך האָט געקושט אַבשָלומען.

## טו

1 און עס איז געווען נאָך דעם, האָט זיך אַבשָלום איינגעשאַפט אַ רייטוואָגן און פערד, און פופציק מאַן וואָס זיינען געלאָפן אים פאַרויס. 2 און אַבשָלום פלעגט זיך פעדערן, און פלעגט זיך שטעלן ביים וועג פון טויער; און עס איז געווען, יעטוועדער מאַן וואָס פלעגט האָבן אַ קריג וואָס דאַרף קומען צום מלך פאַר אַ משפט, האָט אַבשָלום גערופן צו אים און געזאָגט: פון וואָסער שטאָט ביסטו? האָט יענער געזאָגט: פון איינעם פון די שבטים פון ישראל איז דיין קנעכט. 3 האָט אַבשָלום צו אים געזאָגט: זע, דיינע טענות זיינען גוטע און גערעכטע, אָבער קיינער פון מלך וועט דיר ניט צוהערן. 4 און אַבשָלום האָט געזאָגט: הלוואַי מאַכט מען מיך פאַר אַ שופט אין לאַנד, און צו מיר זאָל קומען יעטוועדער מאַן וואָס האָט אַ קריג און אַ משפט; איך וואָלט אים שוין געטאָן גערעכטיקייט.

5 און עס איז געווען, ווי אַ מאַן האָט גענענט זיך צו בוקן צו אים, אַזוי פלעגט ער אויסשטרעקן זיין האַנט, און אים אָננעמען, און אים קושן. 6 און אַבשָלום האָט געטאָן אַזוי ווי דידאָזיקע זאַך צו גאַנץ ישראל וואָס פלעגן קומען פאַר אַ משפט צום מלך. און אַבשָלום האָט גענבעט דאָס האַרץ פון די מענער פון ישראל.

7 און עס איז געווען צום סוף פון פערציק יאָר, האָט אַבשָלום געזאָגט צום מלך: לאָמיך גיין, איך בעט דיך, און באַצאָלן מיין נדר וואָס איך האָב אַ נדר געטאָן צו גאָט, אין חֶברון. 8 וואָרום אַ נדר האָט אַ נדר געטאָן דיין קנעכט ווען איך בין געזעסן אין גשור אין אַרם, אַזוי צו זאָגן: אויב אומקערן וועט מיך גאָט אומקערן קיין ירושָלַיִם, וועל איך דינען גאָט. 9 האָט דער מלך צו אים געזאָגט: גיי בשלום. און ער איז אויפגעשטאַנען, און איז געגאַנגען קיין חֶברון.

10 און אַבשָלום האָט געשיקט אויסקוקערס אין אַלע שבטים פון ישראל, אַזוי צו זאָגן: ווי איר הערט דעם קָול פון שופר, אַזוי זאָלט איר זאָגן: אַבשָלום איז געוואָרן מלך אין חֶברון.

11 און מיט אַבשָלומען זיינען געגאַנגען צוויי הונדערט מאַן פון ירושָלַיִם, מיטגערופענע וואָס זיינען געגאַנגען אומשולדיקערהייט; און זיי האָבן פון קיין זאַך ניט געוווּסט.

12 און אַבשָלום האָט געשיקט נאָך אַחיתוֹפֶל דעם גילוני, דעם בעל־יועץ פון דודן, פון זיין שטאָט, פון

דָּוִד מֵעִירוֹ מִגִּלֹה בְּזָבְחוֹ אֶת־הַזְּבָחִים וַיְהִי הַקֶּשֶׁר אַמִּץ
יג וְהָעָם הוֹלֵךְ וָרָב אֶת־אַבְשָׁלוֹם׃ וַיָּבֹא הַמַּגִּיד אֶל־דָּוִד
יד לֵאמֹר הָיָה לֶב־אִישׁ יִשְׂרָאֵל אַחֲרֵי אַבְשָׁלוֹם׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד
לְכָל־עֲבָדָיו אֲשֶׁר־אִתּוֹ בִירוּשָׁלַ‍ִם קוּמוּ וְנִבְרָחָה כִּי לֹא
תִהְיֶה־לָּנוּ פְלֵיטָה מִפְּנֵי אַבְשָׁלֹם מַהֲרוּ לָלֶכֶת פֶּן־יְמַהֵר
וְהִשִּׂגֵנוּ וְהִדִּיחַ עָלֵינוּ אֶת־הָרָעָה וְהִכָּה הָעִיר לְפִי־
טו חָרֶב׃ וַיֹּאמְרוּ עַבְדֵי־הַמֶּלֶךְ אֶל־הַמֶּלֶךְ כְּכֹל אֲשֶׁר־יִבְחַר
טז אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ הִנֵּה עֲבָדֶיךָ׃ וַיֵּצֵא הַמֶּלֶךְ וְכָל־בֵּיתוֹ בְּרַגְלָיו
וַיַּעֲזֹב הַמֶּלֶךְ אֵת עֶשֶׂר נָשִׁים פִּלַגְשִׁים לִשְׁמֹר הַבָּיִת׃
יז וַיֵּצֵא הַמֶּלֶךְ וְכָל־הָעָם בְּרַגְלָיו וַיַּעַמְדוּ בֵּית הַמֶּרְחָק׃
יח וְכָל־עֲבָדָיו עֹבְרִים עַל־יָדוֹ וְכָל־הַכְּרֵתִי וְכָל־הַפְּלֵתִי וְכָל־
הַגִּתִּים שֵׁשׁ־מֵאוֹת אִישׁ אֲשֶׁר־בָּאוּ בְרַגְלוֹ מִגַּת עֹבְרִים
יט עַל־פְּנֵי הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֶל־אִתַּי הַגִּתִּי לָמָּה תֵלֵךְ
גַם־אַתָּה אִתָּנוּ שׁוּב וְשֵׁב עִם־הַמֶּלֶךְ כִּי־נָכְרִי אַתָּה וְגַם־
כ גֹּלֶה אַתָּה לִמְקוֹמֶךָ׃ תְּמוֹל | בּוֹאֶךָ וְהַיּוֹם אֲנוֹעֲךָ עִמָּנוּ
לָלֶכֶת וַאֲנִי הוֹלֵךְ עַל אֲשֶׁר־אֲנִי הוֹלֵךְ שׁוּב וְהָשֵׁב אֶת־
כא אַחֶיךָ עִמָּךְ חֶסֶד וֶאֱמֶת׃ וַיַּעַן אִתַּי אֶת־הַמֶּלֶךְ וַיֹּאמַר
חַי־יְהוָה וְחֵי אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ כִּי אִם בִּמְקוֹם אֲשֶׁר יִהְיֶה־
שָׁם | אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ אִם־לְמָוֶת אִם־לְחַיִּים כִּי־שָׁם יִהְיֶה
כב עַבְדֶּךָ׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־אִתַּי לֵךְ וַעֲבֹר וַיַּעֲבֹר אִתַּי הַגִּתִּי
כג וְכָל־אֲנָשָׁיו וְכָל־הַטַּף אֲשֶׁר אִתּוֹ׃ וְכָל־הָאָרֶץ בּוֹכִים קוֹל
גָּדוֹל וְכָל־הָעָם עֹבְרִים וְהַמֶּלֶךְ עֹבֵר בְּנַחַל קִדְרוֹן וְכָל־
כד הָעָם עֹבְרִים עַל־פְּנֵי־דֶרֶךְ אֶת־הַמִּדְבָּר׃ וְהִנֵּה גַם־צָדוֹק
וְכָל־הַלְוִיִּם אִתּוֹ נֹשְׂאִים אֶת־אֲרוֹן בְּרִית הָאֱלֹהִים וַיַּצִּקוּ
אֶת־אֲרוֹן הָאֱלֹהִים וַיַּעַל אֶבְיָתָר עַד־תֹּם כָּל־הָעָם לַעֲבוֹר
כה מִן־הָעִיר׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ לְצָדוֹק הָשֵׁב אֶת־אֲרוֹן
הָאֱלֹהִים הָעִיר אִם־אֶמְצָא חֵן בְּעֵינֵי יְהוָה וֶהֱשִׁבַנִי

יד׳ קמץ בז״ק    כ׳ אניעך קרי    כא׳ כתיב ולא ק׳

גילה, בעת ער האָט געשלאַכט די שלאַכטאָפּפער. און דער בונט איז געווען שטאַרק, און דאָס פאָלק האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרמערן אַרום אַבשָלומען.

[13] איז געקומען אַן אָנזאָגער צו דודן, אַזוי צו זאָגן: דאָס האַרץ פון די מענער פון ישראל איז נאָך אַבשָלומען. [14] און דוד האָט געזאָגט צו אַלע זיינע קנעכט וואָס מיט אים אין ירושָלַים: שטייט אויף, און לאָמיר אַנטלויפן, וואָרום מיר וועלן ניט האָבן קיין אַנטרינונג פון אַבשָלומען. איילט זיך אַוועקצוגיין, כדי ער זאָל זיך ניט אונטעראַיילן און אונדז אָניאָגן, און ברענגען אויף אונדז דאָס בייז, און שלאָגן די שטאָט מיטן שאַרף פון שווערד. [15] האָבן די קנעכט פון מלך געזאָגט צום מלך: אַזוי ווי אַלץ וואָס מיין האַר דער מלך וועט אויסדערוויילן! דאָ זיינען דיינע קנעכט.

[16] איז אַרויסגעגאַנגען דער מלך, און זיין גאַנץ הויזגעזינט נאָך אים. און דער מלך האָט איבערגעלאָזן די צען קעפּסווייבער צו היטן דאָס הויז. [17] און דער מלך איז אַרויסגעגאַנגען, און דאָס גאַנצע פאָלק נאָך אים, און זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין בֵית־מֶרחָק. [18] און אַלע זיינע קנעכט זיינען אַריבערגעגאַנגען פאַרביי אים; און אַלע כּרֵתים און אַלע פּלֵתים, און אַלע גִתער, זעקס הונדערט מאַן וואָס זיינען געקומען הינטער אים פון גַת, זיינען אַריבערגעגאַנגען פאַרן מלך.

[19] האָט דער מלך געזאָגט צו אִתַּין פון גַת: צוּוואָס זאָלסט דו אויך גיין מיט אונדז? קער זיך אום, און בלייב מיט דעם מלך, וואָרום דו ביסט אַ פרעמדער, און אויך ביסטו אַ פאַרטריבענער אין דיין אָרט. [20] ערשט נעכטן ביסטו געקומען, און היינט זאָל איך דיר מאַכן וואַגלען צו גיין מיט אונדז, בעת איך אַליין גיי וווּהין מיר וועט זיך מאַכן? קער זיך אום, און קער אום דיינע ברידער מיט דיר אין גענאָד און טריישאַפט. [21] האָט אִתַּי געענטפערט דעם מלך און האָט געזאָגט: אַזוי ווי גאָט לעבט, און אַזוי ווי מיין האַר דער מלך לעבט, אַז בלויז אין דעם אָרט וווּ מיין האַר דער מלך וועט זיין, סיי צום טויט סיי צום לעבן, נאָר דאָרטן וועט זיין דיין קנעכט! [22] האָט דוד געזאָגט צו אִתַּין: גיי און צי אַריבער. איז אִתַּי פון גַת אַריבערגעגאַנגען, און אַלע זיינע מענטשן, און אַלע קליינע קינדער וואָס מיט אים.

[23] און דאָס גאַנצע לאַנד האָט געוויינט אויף אַ הויכן קול, ווען דאָס גאַנצע פאָלק איז אַריבערגעגאַנגען; און דער מלך איז אַריבער דעם טייך קִדרון, און דאָס גאַנצע פאָלק איז אַריבערגעגאַנגען אַקעגן דעם וועג פון מדבר. [24] און אָט אויך צָדוֹק און אַלע לוִיִים מיט אים, טראָגנדיק דעם אָרון פון גאָטס בונד. און זיי האָבן אַוועקגעשטעלט דעם אָרון פון גאָט—אויך אֶביָתָר איז אַרויפגעגאַנגען—ביז דאָס גאַנצע פאָלק האָט געענדיקט אַריבערגיין פון שטאָט.

[25] האָט דער מלך געזאָגט צו צָדוֹקן: קער אום דעם אָרון פון גאָט אין שטאָט. אויב איך וועל געפינען לייטזעליקייט

וְהִרְאַנִי אֹתוֹ וְאֶת־נָוֵהוּ׃ וְאִם כֹּה יֹאמַר לֹא חָפַצְתִּי בָּךְ כו
הִנְנִי יַעֲשֶׂה־לִּי כַּאֲשֶׁר טוֹב בְּעֵינָיו׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ כז
אֶל־צָדוֹק הַכֹּהֵן הֲרוֹאֶה אַתָּה שֻׁבָה הָעִיר בְּשָׁלוֹם
וַאֲחִימַעַץ בִּנְךָ וִיהוֹנָתָן בֶּן־אֶבְיָתָר שְׁנֵי בְנֵיכֶם אִתְּכֶם׃
רְאוּ אָנֹכִי מִתְמַהְמֵהַּ בְּעַבְרוֹת הַמִּדְבָּר עַד־בּוֹא דָבָר כח
מֵעִמָּכֶם לְהַגִּיד לִי׃ וַיָּשֶׁב צָדוֹק וְאֶבְיָתָר אֶת־אֲרוֹן כט
הָאֱלֹהִים יְרוּשָׁלָ͏ִם וַיֵּשְׁבוּ שָׁם׃ וְדָוִד עֹלֶה בְמַעֲלֵה הַזֵּיתִים ל
עֹלֶה ׀ וּבוֹכֶה וְרֹאשׁ לוֹ חָפוּי וְהוּא הֹלֵךְ יָחֵף וְכָל־הָעָם
אֲשֶׁר־אִתּוֹ חָפוּ אִישׁ רֹאשׁוֹ וְעָלוּ עָלֹה וּבָכֹה׃ וְדָוִד הִגִּיד לא
לֵאמֹר אֲחִיתֹפֶל בַּקֹּשְׁרִים עִם־אַבְשָׁלוֹם וַיֹּאמֶר דָּוִד סַכֶּל־
נָא אֶת־עֲצַת אֲחִיתֹפֶל יְהוָה׃ וַיְהִי דָוִד בָּא עַד־הָרֹאשׁ לב
אֲשֶׁר־יִשְׁתַּחֲוֶה שָׁם לֵאלֹהִים וְהִנֵּה לִקְרָאתוֹ חוּשַׁי
הָאַרְכִּי קָרוּעַ כֻּתָּנְתּוֹ וַאֲדָמָה עַל־רֹאשׁוֹ׃ וַיֹּאמֶר לוֹ דָּוִד לג
אִם עָבַרְתָּ אִתִּי וְהָיִתָ עָלַי לְמַשָּׂא׃ וְאִם־הָעִיר תָּשׁוּב לד
וְאָמַרְתָּ לְאַבְשָׁלוֹם עַבְדְּךָ אֲנִי הַמֶּלֶךְ אֶהְיֶה עֶבֶד אָבִיךָ
וַאֲנִי מֵאָז וְעַתָּה וַאֲנִי עַבְדֶּךָ וְהֵפַרְתָּה לִי אֵת עֲצַת
אֲחִיתֹפֶל׃ וַהֲלוֹא עִמְּךָ שָׁם צָדוֹק וְאֶבְיָתָר הַכֹּהֲנִים לה
וְהָיָה כָּל־הַדָּבָר אֲשֶׁר תִּשְׁמַע מִבֵּית הַמֶּלֶךְ תַּגִּיד לְצָדוֹק
וּלְאֶבְיָתָר הַכֹּהֲנִים׃ הִנֵּה־שָׁם עִמָּם שְׁנֵי בְנֵיהֶם אֲחִימַעַץ לו
לְצָדוֹק וִיהוֹנָתָן לְאֶבְיָתָר וּשְׁלַחְתֶּם בְּיָדָם אֵלַי כָּל־דָּבָר
אֲשֶׁר תִּשְׁמָעוּ׃ וַיָּבֹא חוּשַׁי רֵעֶה דָוִד הָעִיר וְאַבְשָׁלוֹם לז
יָבוֹא יְרוּשָׁלָ͏ִם׃

טז

וְדָוִד עָבַר מְעַט מֵהָרֹאשׁ וְהִנֵּה צִיבָא נַעַר מְפִיבֹשֶׁת א
לִקְרָאתוֹ וְצֶמֶד חֲמֹרִים חֲבֻשִׁים וַעֲלֵיהֶם מָאתַיִם לֶחֶם
וּמֵאָה צִמּוּקִים וּמֵאָה קַיִץ וְנֵבֶל יָיִן׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֶל־ ב
צִיבָא מָה־אֵלֶּה לָּךְ וַיֹּאמֶר צִיבָא הַחֲמוֹרִים לְבֵית־הַמֶּלֶךְ

טו, כח׳ בערבות קרי   לג׳ כצ״ל

אין די אויגן פון גאָט, וועט ער מיך אומקערן, און וועט מיך לאָזן זען אים און זיין וווינונג. [26] און אויב ער וועט אַזוי זאָגן: „איך וויל דיך ניט", דאָ בין איך, זאָל ער טאָן מיט מיר אַזוי ווי עס איז גוט אין זיינע אויגן. [27] און דער מלך האָט געזאָגט צו צָדוק דעם כֹּהן: זעסטו, קער זיך אום בשלום אין שטאָט, און אַחימַעַץ דיין זון און יהוֹנָתָן דער זון פון אֶבְיָתָרן, אַייערע ביידנס זין, מיט אַייך. [28] זעט, איך וועל זיך אויפהאַלטן אין די פּלוינען פון מדבר, ביז עס קומט פון אַייך אַ וואָרט מיר אָנצוזאָגן.

[29] און צָדוק און אֶבְיָתָר האָבן אומגעקערט דעם אָרון פון גאָט קיין ירושָלַיִם, און זיי זיינען דאָרטן געבליבן.

[30] און דוד איז אַרויפגעגאַנגען מיט דעם אַרויפגאַנג פון הַר־הַזֵיתים, אַרויפגעגאַנגען און געוויינט, און זיין קאָפּ איז געווען פאַרדעקט, און ער איז געגאַנגען באָרוועס; און דאָס גאַנצע פאָלק וואָס מיט אים האָבן פאַרדעקט איטלעכער זיין קאָפּ, און זיי זיינען אַרויפגעגאַנגען, און אַרויפגייענדיק געוויינט.

[31] האָט מען דערציילט דודן, אַזוי צו זאָגן: אַחיתוֹפֶל איז צווישן די וואָס בונטעווען זיך מיט אַבשָלומען. און דוד האָט געזאָגט: איך בעט דיך, גאָט, באַנאַריש די עצה פון אַחיתוֹפֶלן.

[32] און עס איז געווען, ווי דוד איז געקומען ביז דעם שפּיץ וואָס מע בוקט זיך דאָרטן צו גאָט, ערשט אים קומט אַנטקעגן חוּשַי דער אַרכּי, מיט זיין העמדל צעריסן, און ערד אויף זיין קאָפּ. [33] האָט דוד צו אים געזאָגט: אַז דו גייסט אַריבער מיט מיר, וועסטו זיין אויף מיר אַ לאַסט. [34] אָבער אַז דו וועסט זיך אין שטאָט אומקערן, און וועסט זאָגן צו אַבשָלומען: „איך וועל זיין דיין קנעכט, מלך; דיין פאָטערס קנעכט בין איך געווען פון אַמאָל אָן, און אַצונד בין איך דיין קנעכט", וועסטו מיר פאַרשטערן די עצה פון אַחיתוֹפֶלן. [35] און מיט דיר זיינען דאָך דאָרטן צָדוק און אֶבְיָתָר די כֹּהנים; איז, איטלעך וואָרט וואָס דו וועסט הערן פון מלכס הויז, זאָלסטו דערציילן צָדוק און אֶבְיָתָר די כֹּהנים. [36] זע, דאָרטן זיינען דאָ מיט זיי זייערע ביידנס זין, אַחימַעַץ צָדוקס און יהוֹנָתָן אֶבְיָתָרס, וועט איר דורך זיי מיר צושיקן איטלעך וואָרט וואָס איר וועט הערן.

[37] און חוּשַי, דודס גוטער פריינט, איז געקומען אין שטאָט, ווען אַבשָלום האָט געזאָלט אָנקומען אין ירושָלַיִם.

טז [1] און ווי דוד איז געווען אַ ביסל אַוועקגעגאַנגען פון שפּיץ, ערשט ציבאָ דער יונג פון מפיבוֹשֶתן קומט אים אַנטקעגן מיט אַ פּאָר געזאָטלטע אייזלען, און אויף זיי צוויי הונדערט ברויטן, און הונדערט בינטלעך ראָזשינקעס, און הונדערט בינטלעך זומערפרוכטן, און אַ לאָגל וויין.

[2] האָט דער מלך געזאָגט צו ציבאָן: צו וואָס זיינען דידאָזיקע ביי דיר? האָט ציבאָ געזאָגט: די אייזלען פאַר דעם

מלכס הויזגעזינט צום רייטן, און דאָס ברויט און די זומער־
אויבס פאַר די יונגען צום עסן, און דער וויין צום טרינקען
פאַר דעם פאַרשמאַכטן אין מדבר. [3] האָט דער מלך גע־
זאָגט: און ווו איז דיין האַרס זון? האָט ציבאָ געזאָגט צום
מלך: אָט איז ער געבליבן אין ירושלַיִם, וואָרום ער האָט
געזאָגט: היינט וועט מיר דאָס הויז פון ישראל אומקערן
די מלוכה פון מיין פאָטער. [4] האָט דער מלך געזאָגט צו
ציבאָן: זע, אַלצדינג וואָס געהערט צו מפיבושתן איז
דיינס. האָט ציבאָ געזאָגט: איך בוק זיך; לאָמיך געפינען
לייטזעליקייט אין דיינע אויגן, מיין האַר מלך.

[5] און ווי דער מלך דוד איז געקומען ביז בַחורים,
ערשט פון דאָרטן גייט אַרויס אַ מאַן פון דער משפחה פון
שָאולס הויז, וואָס זיין נאָמען איז געווען שִמעִי דער זון פון
גֵראָן–גייט און שילט גייענדיק. [6] און ער האָט געוואָרפן
מיט שטיינער אויף דודן, און אויף אַלע קנעכט פון מלך
דודן; און דאָס גאַנצע פאָלק און אַלע גיבורים זיינען גע־
ווען פון זיין רעכטער זייט און פון זיין לינקער. [7] און אַזוי
האָט שִמעִי געזאָגט, ווען ער האָט געשאָלטן: גיי אַרויס, גיי
אַרויס בלוטיקער מענטש און נידערטרעכטיקער מענטש.
[8] גאָט האָט אומגעקערט אויף דיר אַלדאָס בלוט פון דעם
הויז פון שָאולן, וואָס דו ביסט געוואָרן מלך אויף זיין אָרט,
און גאָט האָט געגעבן די מלוכה אין דער האַנט פון דיין
זון אַבשָלומען. און אָט ביסטו אין דיין אומגליק, ווייל אַ
בלוטיקער מענטש ביסטו.

לִרְכּוֹב וּלְהַלֶּחֶם וְהַקַּיִץ לֶאֱכוֹל הַנְּעָרִים וְהַיַּיִן לִשְׁתּוֹת
ג הַיָּעֵף בַּמִּדְבָּר׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ וְאַיֵּה בֶּן־אֲדֹנֶיךָ וַיֹּאמֶר
צִיבָא אֶל־הַמֶּלֶךְ הִנֵּה יוֹשֵׁב בִּירוּשָׁלַ͏ִם כִּי אָמַר הַיּוֹם
ד יָשִׁיבוּ לִי בֵּית יִשְׂרָאֵל אֵת מַמְלְכוּת אָבִי׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ
לְצִבָא הִנֵּה לְךָ כֹּל אֲשֶׁר לִמְפִיבֹשֶׁת וַיֹּאמֶר צִיבָא
ה הִשְׁתַּחֲוֵיתִי אֶמְצָא־חֵן בְּעֵינֶיךָ אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ׃ וּבָא הַמֶּלֶךְ
דָּוִד עַד־בַּחוּרִים וְהִנֵּה מִשָּׁם אִישׁ יוֹצֵא מִמִּשְׁפַּחַת בֵּית־
ו שָׁאוּל וּשְׁמוֹ שִׁמְעִי בֶן־גֵּרָא יֹצֵא יָצוֹא וּמְקַלֵּל׃ וַיְסַקֵּל
בָּאֲבָנִים אֶת־דָּוִד וְאֶת־כָּל־עַבְדֵי הַמֶּלֶךְ דָּוִד וְכָל־הָעָם
ז וְכָל־הַגִּבֹּרִים מִימִינוֹ וּמִשְּׂמֹאלוֹ׃ וְכֹה־אָמַר שִׁמְעִי בְּקַלְלוֹ
ח צֵא צֵא אִישׁ הַדָּמִים וְאִישׁ הַבְּלִיָּעַל׃ הֵשִׁיב עָלֶיךָ יְהוָה
כֹּל ׀ דְּמֵי בֵית־שָׁאוּל אֲשֶׁר מָלַכְתָּ תַּחְתָּו וַיִּתֵּן יְהוָה אֶת־
הַמְּלוּכָה בְּיַד אַבְשָׁלוֹם בְּנֶךָ וְהִנְּךָ בְּרָעָתֶךָ כִּי אִישׁ דָּמִים
ט אָתָּה׃ וַיֹּאמֶר אֲבִישַׁי בֶּן־צְרוּיָה אֶל־הַמֶּלֶךְ לָמָּה יְקַלֵּל
הַכֶּלֶב הַמֵּת הַזֶּה אֶת־אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ אֶעְבְּרָה־נָּא וְאָסִירָה
י אֶת־רֹאשׁוֹ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ מַה־לִּי וְלָכֶם בְּנֵי צְרֻיָה כִּי
יְקַלֵּל וְכִי יְהוָה אָמַר לוֹ קַלֵּל אֶת־דָּוִד וּמִי יֹאמַר מַדּוּעַ
יא עָשִׂיתָה כֵּן׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־אֲבִישַׁי וְאֶל־כָּל־עֲבָדָיו הִנֵּה
בְנִי אֲשֶׁר־יָצָא מִמֵּעַי מְבַקֵּשׁ אֶת־נַפְשִׁי וְאַף כִּי־עַתָּה בֶּן־
יב הַיְמִינִי הַנִּחוּ לוֹ וִיקַלֵּל כִּי אָמַר־לוֹ יְהוָה׃ אוּלַי יִרְאֶה
יְהוָה בְּעֵוֹנִי וְהֵשִׁיב יְהוָה לִי טוֹבָה תַּחַת קִלְלָתוֹ הַיּוֹם
יג הַזֶּה׃ וַיֵּלֶךְ דָּוִד וַאֲנָשָׁיו בַּדָּרֶךְ וְשִׁמְעִי
הֹלֵךְ בְּצֵלַע הָהָר לְעֻמָּתוֹ הָלוֹךְ וַיְקַלֵּל וַיְסַקֵּל בָּאֲבָנִים
יד לְעֻמָּתוֹ וְעִפַּר בֶּעָפָר׃ וַיָּבֹא הַמֶּלֶךְ וְכָל־הָעָם
טו אֲשֶׁר־אִתּוֹ עֲיֵפִים וַיִּנָּפֵשׁ שָׁם׃ וְאַבְשָׁלוֹם וְכָל־הָעָם אִישׁ
טז יִשְׂרָאֵל בָּאוּ יְרוּשָׁלָ͏ִם וַאֲחִיתֹפֶל אִתּוֹ׃ וַיְהִי כַּאֲשֶׁר־בָּא
חוּשַׁי הָאַרְכִּי רֵעֶה דָוִד אֶל־אַבְשָׁלוֹם וַיֹּאמֶר חוּשַׁי אֶל־

ב׳ והלחם ק׳ ח׳ תחתיו ק׳ י׳ כה ק׳ כי ק׳ יב׳ בעיני ק׳ יג׳ פסקא באמצע פסוק

[9] האָט אַבישַי דער זון פון צרויָהן געזאָגט צום מלך: פאַרוואָס זאָל דערדאָזיקער טויטער הונט שילטן מיין האַר דעם מלך? לאָמיך, איך בעט דיך, אַריבערגיין, און איך וועל אים דעם קאָפּ אַראָפּנעמען. [10] האָט דער מלך געזאָגט: וואָס קער איך זיך אָן מיט אייך, זין פון צרויָהן? אויב ער שילט, איז דאָס ווייל גאָט האָט אים געהייסן: שילט דודן; און ווער קען זאָגן: פאַרוואָס טוסטו אַזוי?

[11] און דוד האָט געזאָגט צו אַבישַין און צו אַלע זיינע קנעכט: זע, מיין זון וואָס איז אַרויס פון מיינע אינגעווייד זוכט מיין לעבן, היינט ווי שוין אַצונד דער בִנימינער? לאָזט אים, און זאָל ער שילטן, וואָרום גאָט האָט אים געהייסן. [12] אפשר וועט גאָט זען מיין אויג, און גאָט וועט מיר אומקערן גוטס פאַר זיין קללהן היינטיקן טאָג.

[13] און דוד און זיינע מענטשן זיינען געגאַנגען אויפן וועג, און שִמעִי איז געגאַנגען ביין זייט באַרג אַקעגן אים, געגאַנגען און געשאָלטן, און געוואָרפן מיט שטיינער אַקעגן אים, און געשאָטן מיט שטויב.

[14] און דער מלך און דאָס גאַנצע פאָלק וואָס מיט אים זיינען אָנגעקומען מידע; און ער האָט זיך אָפּגערוט דאָרטן.

[15] און אַבשָלום און דאָס גאַנצע פאָלק, די מענער פון ישראל, זיינען אָנגעקומען קיין ירושָלַיִם, און אַחיתופֶל מיט אים.

[16] און עס איז געווען, אַז חושַי דער אַרכִי, דודס גוטער פריינט, איז געקומען צו אַבשָלומען, האָט חושַי געזאָגט צו

אבשלום יחי המלך יחי המלך: ויאמר אבשלום אל־ יז
חושי זה חסדך את־רעך למה לא־הלכת את־רעך:
ויאמר חושי אל־אבשלם לא כי אשר בחר יהוה והעם יח
הזה וכל־איש ישראל לא אהיה ואתו אשב: והשנית יט
למי אני אעבד הלוא לפני בנו כאשר עבדתי לפני אביך
כן אהיה לפניך: ויאמר אבשלום אל־אחיתפל הבו כ
לכם עצה מה־נעשה: ויאמר אחיתפל אל־אבשלם בוא כא
אל־פלגשי אביך אשר הניח לשמור הבית ושמע כל־
ישראל כי־נבאשת את־אביך וחזקו ידי כל־אשר אתך:
ויטו לאבשלום האהל על־הגג ויבא אבשלום אל־פלגשי כב
אביו לעיני כל־ישראל: ועצת אחיתפל אשר יעץ בימים כג
ההם כאשר ישאל־ בדבר האלהים כן כל־עצת
אחיתפל גם־לדוד גם־לאבשלם:

יז

ויאמר אחיתפל אל־אבשלם אבחרה־נא שנים־עשר א
אלף איש ואקומה וארדפה אחרי־דוד הלילה: ואבוא ב
עליו והוא יגע ורפה ידים והחרדתי אתו ונס כל־
העם אשר־אתו והכיתי את־המלך לבדו: ואשיבה כל־ ג
העם אליך כשוב הכל האיש אשר אתה מבקש כל־
העם יהיה שלום: ויישר הדבר בעיני אבשלם ובעיני ד
כל־זקני ישראל: ויאמר אבשלום קרא נא גם ה
לחושי הארכי ונשמעה מה־בפיו גם־הוא: ויבא חושי ו
אל־אבשלום ויאמר אבשלום אליו לאמר כדבר הזה
דבר אחיתפל הנעשה את־דברו אם־אין אתה דבר:
ויאמר חושי אל־אבשלום לא־טובה העצה אשר־ ז
יעץ אחיתפל בפעם הזאת: ויאמר חושי אתה ידעת ח
את־אביך ואת־אנשיו כי גברים המה ומרי נפש המה

טז, יח׳ לו קרי   כג׳ איש קרי ולא כתיב

אַבשָלומען: לעבן זאָל דער מלך! לעבן זאָל דער מלך!

[17] האָט אַבשָלום געזאָגט צו חושַין: איז דאָס דיין גינציקייט צו דיין גוטן פריינט? פאַרוואָס ביסטו ניט געגאַנגען מיט דיין גוטן פריינט? [18] האָט חושַי געזאָגט צו אַבשָלומען: ניין! נייערט וועמען גאָט און דאָסדאָזיקע פאָלק און אַלע מענער פון ישראל האָבן אויסדערוויילט, צו אים געהער איך, און מיט אים וויל איך בלייבן. [19] און צווייטנס, וועמען וועל איך דינען? דאָך ביי זיין זון; אַזוי ווי איך האָב געדינט ביי דיין פאָטער, אַזוי וועל איך זיין ביי דיר.

[20] און אַבשָלום האָט געזאָגט צו אַחיתופֶלן: גיט אַייער עצה וואָס מיר זאָלן טאָן. [21] האָט אַחיתופֶל געזאָגט צו אַבשָלומען: קום צו די קעפּסווייבער פון דיין פאָטער, וואָס ער האָט געלאָזן צו היטן דאָס הויז. און אַז גאַנץ ישראל וועט הערן, אַז דו האָסט זיך פאַרמיאוסט ביי דיין פאָטער, אַזוי וועלן שטאַרק ווערן די הענט פון אַלע וואָס מיט דיר.

[22] האָט מען פאַרשפּרייט אַ געצעלט פאַר אַבשָלומען אויפן דאַך, און אַבשָלום איז געקומען צו די קעפּסווייבער פון זיין פאָטער פאַר די אויגן פון גאַנץ ישראל.

[23] און אַן עצה וואָס אַחיתופֶל האָט געעֵצהט, איז אין יענע טעג געווען אַזוי ווי אַ מענטש זאָל פרעגן ביי דעם וואָרט פון גאָט. אַזוי איז געווען איטלעכע עצה פון אַחיתופֶלן סיי ביי דודן סיי ביי אַבשָלומען.

יז [1] און אַחיתופֶל האָט געזאָגט צו אַבשָלומען: לאָמיך אַקאָרשט אויסקלייבן צוועלף טויזנט מאַן, און איך וועל אויפשטיין, און וועל נאָכיאָגן דודן די נאַכט. [2] און איך וועל קומען אויף אים ווען ער איז מיד און אָפּהענטיק, און וועל אים דערשרעקן, און דאָס גאַנצע פאָלק וואָס מיט אים וועט אַנטלויפן, און איך וועל דערשלאָגן דעם מלך אַליין; [3] און איך וועל אומקערן צו דיר דאָס גאַנצע פאָלק. אַז אַלע וועלן זיך אומקערן [אַחוץ] דער מאַן וואָס דו זוכסט, וועט דאָס גאַנצע פאָלק זיין אין פריד.

[4] איז די זאַך געווען גלייך אין די אויגן פון אַבשָלומען, און אין די אויגן פון אַלע עלטסטע פון ישראל. [5] און אַבשָלום האָט געזאָגט: רוף אויך, איך בעט דיך, חושַי דעם אַרכי, און לאָמיר הערן אויך וואָס אין זיין מויל.

[6] איז געקומען חושַי צו אַבשָלומען, און אַבשָלום האָט צו אים געזאָגט, אַזוי צו זאָגן: אַזוי ווי דאָסדאָזיקע וואָרט האָט אַחיתופֶל גערעדט. זאָלן מיר טאָן לויט זיין וואָרט אָדער ניט? רעד דו. [7] האָט חושַי געזאָגט צו אַבשָלומען: ניט גוט איז די עצה וואָס אַחיתופֶל עצהט דאָס מאָל. [8] און חושַי האָט געזאָגט: דו קענסט דיין פאָטער און זיינע מענטשן, אַז זיי זיינען

כְּדֹב שַׁכּוּל בַּשָּׂדֶה וְאָבִיךָ אִישׁ מִלְחָמָה וְלֹא יָלִין אֶת־
ט הָעָם׃ הִנֵּה עַתָּה הוּא־נֶחְבָּא בְּאַחַת הַפְּחָתִים אוֹ בְּאַחַד
הַמְּקוֹמֹת וְהָיָה כִּנְפֹל בָּהֶם בַּתְּחִלָּה וְשָׁמַע הַשֹּׁמֵעַ וְאָמַר
י הָיְתָה מַגֵּפָה בָּעָם אֲשֶׁר אַחֲרֵי אַבְשָׁלֹם׃ וְהוּא גַם־בֶּן־
חַיִל אֲשֶׁר לִבּוֹ כְּלֵב הָאַרְיֵה הִמֵּס יִמָּס כִּי־יֹדֵעַ כָּל־
יא יִשְׂרָאֵל כִּי־גִבּוֹר אָבִיךָ וּבְנֵי־חַיִל אֲשֶׁר אִתּוֹ׃ כִּי יָעַצְתִּי
הֵאָסֹף יֵאָסֵף עָלֶיךָ כָל־יִשְׂרָאֵל מִדָּן וְעַד־בְּאֵר שֶׁבַע
יב כַּחוֹל אֲשֶׁר־עַל־הַיָּם לָרֹב וּפָנֶיךָ הֹלְכִים בַּקְרָב׃ וּבָאנוּ
אֵלָיו בְּאַחַת הַמְּקוֹמֹת אֲשֶׁר נִמְצָא שָׁם וְנַחְנוּ עָלָיו כַּאֲשֶׁר
יִפֹּל הַטַּל עַל־הָאֲדָמָה וְלֹא־נוֹתַר בּוֹ וּבְכָל־הָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר־
יג אִתּוֹ גַּם־אֶחָד׃ וְאִם־אֶל־עִיר יֵאָסֵף וְהִשִּׂיאוּ כָל־יִשְׂרָאֵל
אֶל־הָעִיר הַהִיא חֲבָלִים וְסָחַבְנוּ אֹתוֹ עַד־הַנַּחַל עַד אֲשֶׁר־
יד לֹא־נִמְצָא שָׁם גַּם־צְרוֹר׃ וַיֹּאמֶר אַבְשָׁלוֹם וְכָל־אִישׁ
יִשְׂרָאֵל טוֹבָה עֲצַת חוּשַׁי הָאַרְכִּי מֵעֲצַת אֲחִיתֹפֶל
וַיהוָה צִוָּה לְהָפֵר אֶת־עֲצַת אֲחִיתֹפֶל הַטּוֹבָה לְבַעֲבוּר
טו הָבִיא יְהוָה אֶל־אַבְשָׁלוֹם אֶת־הָרָעָה׃ וַיֹּאמֶר חוּשַׁי
אֶל־צָדוֹק וְאֶל־אֶבְיָתָר הַכֹּהֲנִים כָּזֹאת וְכָזֹאת יָעַץ אֲחִיתֹפֶל
אֶת־אַבְשָׁלֹם וְאֵת זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל וְכָזֹאת וְכָזֹאת יָעַצְתִּי אָנִי׃
טז וְעַתָּה שִׁלְחוּ מְהֵרָה וְהַגִּידוּ לְדָוִד לֵאמֹר אַל־תָּלֶן הַלַּיְלָה
בְּעַרְבוֹת הַמִּדְבָּר וְגַם עָבוֹר תַּעֲבוֹר פֶּן יְבֻלַּע לַמֶּלֶךְ
יז וּלְכָל־הָעָם אֲשֶׁר אִתּוֹ׃ וִיהוֹנָתָן וַאֲחִימַעַץ עֹמְדִים בְּעֵין־
רֹגֵל וְהָלְכָה הַשִּׁפְחָה וְהִגִּידָה לָהֶם וְהֵם יֵלְכוּ וְהִגִּידוּ
יח לַמֶּלֶךְ דָּוִד כִּי לֹא יוּכְלוּ לְהֵרָאוֹת לָבוֹא הָעִירָה׃ וַיַּרְא
אֹתָם נַעַר וַיַּגֵּד לְאַבְשָׁלֹם וַיֵּלְכוּ שְׁנֵיהֶם מְהֵרָה וַיָּבֹאוּ
אֶל־בֵּית־אִישׁ בְּבַחוּרִים וְלוֹ בְאֵר בַּחֲצֵרוֹ וַיֵּרְדוּ שָׁם׃
יט וַתִּקַּח הָאִשָּׁה וַתִּפְרֹשׂ אֶת־הַמָּסָךְ עַל־פְּנֵי הַבְּאֵר וַתִּשְׁטַח
כ עָלָיו הָרִפוֹת וְלֹא נוֹדַע דָּבָר׃ וַיָּבֹאוּ עַבְדֵי אַבְשָׁלוֹם אֶל־

יב׳ באחוד ק   מלעיל   יד׳ פסקא באמצע פסוק   כ״א על   יט׳ סבירין פי

גיבורים, און זיי זיינען פאַרביטערט אין געמיט, אַזוי ווי אַ
בערינטע אין פעלד באַראַבט פון אירע יונגע; אויך איז דיין
פאָטער אַ מאַן פון מלחמה, און ער וועט ניט נעכטיקן מיטן
פאָלק. 9 אָט איז ער אַצונד באַהאַלטן אין איינער פון די
גריבער, אָדער אין איינעם פון די ערטער; און עס וועט
זיין, אַז עמיצער וועט אין זיי אַריינפאַלן אין אָנהייב, און
אַ הערער וועט הערן, וועט ער זאָגן: אַ מפּלה איז געווען
צווישן דעם פאָלק וואָס הינטער אַבשָלומען. 10 און
אַפילו דער וואָס איז אַ העלדישער יונג, וואָס זיין האַרץ
איז אַזוי ווי דאָס האַרץ פון אַ לייב, וועט אין גאַנצן צע־
גאַנגען ווערן, וואָרום גאַנץ ישראל ווייס אַז דיין פאָטער
איז אַ גיבור, און די וואָס מיט אים זיינען העלדישע יונגען.
11 אָבער איך עצה אַז איינגעזאַמלט זאָל איינגעזאַמלט
ווערן גאַנץ ישראל אַרום דיר, פון דָן און ביז באֵר־שֶבע,
אַזוי ווי דער זאַמד וואָס ביים ים אין פילקייט, און דו אַליין
זאָלסט גיין אין מלחמה. 12 און אַז מיר וועלן קומען אויף
אים אין איינעם פון די ערטער וואָס ער געפינט זיך
דאָרטן, וועלן מיר זיך אַראָפּלאָזן אויף אים, אַזוי ווי עס
פאַלט דער טוי אויף דער ערד; און פון אים און פון אַלע
מענטשן וואָס מיט אים, וועט אַפילו איינער ניט בלייבן.
13 און אַז ער וועט זיך אַריינקלייבן אין שטאָט, וועלן גאַנץ
ישראל לאָזן אַרויפטראָגן צו יענער שטאָט שטריק, און
מיר וועלן עס אַראָפּשלעפּן אין טאָל, ביז דאָרטן וועט זיך
אַפילו אַ שטיינדל ניט געפינען.

14 האָט געזאָגט אַבשָלום און אַלע מענער פון ישראל: די עצה פון חושַי דעם אַרכּי איז בעסער ווי די עצה פון
אַחיתופֶלן. וואָרום גאָט האָט באַשערט צו פאַרשטערן די גוטע עצה פון אַחיתופֶלן, כדי גאָט זאָל ברענגען דאָס בייז
אויף אַבשָלומען.

15 און חושַי האָט געזאָגט צו צָדוק און צו אֶביָתָר די כּהנים: אַזוי און אַזוי האָט אַחיתופֶל געעצהט אַבשָלומען און
די עלטסטע פון ישראל, און אַזוי און אַזוי האָב איך געעצהט. 16 און אַצונד, שיקט אויף גיך און זאָגט אָן דודן, אַזוי צו
זאָגן: זאָלסט ניט נעכטיקן די נאַכט אין די פּלוינען פון מדבר, נאָר אַריבערגיין מוזטו אַריבערגיין, כּדי דער מלך און
דאָס גאַנצע פאָלק וואָס מיט אים זאָלן ניט אומגעבראַכט ווערן.

17 און יהונָתָן און אַחימַעַץ זיינען געשטאַנען אין עֵין־רוגֵל, און אַ דינסט פלעגט גיין און זיי דערציילן, און זיי פלעגן
גיין און דערציילן דעם מלך דודן; וואָרום זיי האָבן זיך ניט געטאָרט ווייזן אַריינצוקומען אין שטאָט.

18 האָט זיי אַ ייִנגל דערזען, און ער האָט דערציילט אַבשָלומען. זיינען זיי ביידע אויף גיך אַוועק, און זיינען גע־
קומען צו דעם הויז פון אַ מאַן אין בַחורים; און ער האָט געהאַט אַ ברונעם אין זיין הויף, האָבן זיי אַראָפּגענידערט
אַהין. 19 און די פרוי האָט גענומען און האָט אַריבערגעשפּרייט אַ דעקע איבער דער עפענונג פון ברונעם, און האָט אויס־
געשפּרייט דערויף גריץ, און קיין זאַך איז ניט געווען קאָנטיק. 20 און אַבשָלומס קנעכט זיינען געקומען צו דער

הָאִשָּׁה הַבַּיְתָה וַיֹּאמְרוּ אַיֵּה אֲחִימַעַץ וִיהוֹנָתָן וַתֹּאמֶר
לָהֶם הָאִשָּׁה עָבְרוּ מִיכַל הַמָּיִם וַיְבַקְשׁוּ וְלֹא מָצָאוּ וַיָּשֻׁבוּ
יְרוּשָׁלָם׃ וַיְהִי ׀ אַחֲרֵי לֶכְתָּם וַיַּעֲלוּ מֵהַבְּאֵר וַיֵּלְכוּ כא
וַיַּגִּדוּ לַמֶּלֶךְ דָּוִד וַיֹּאמְרוּ אֶל־דָּוִד קוּמוּ וְעִבְרוּ מְהֵרָה
אֶת־הַמַּיִם כִּי־כָכָה יָעַץ עֲלֵיכֶם אֲחִיתֹפֶל׃ וַיָּקָם דָּוִד כב
וְכָל־הָעָם אֲשֶׁר אִתּוֹ וַיַּעַבְרוּ אֶת־הַיַּרְדֵּן עַד־אוֹר הַבֹּקֶר
עַד־אַחַד לֹא נֶעְדָּר אֲשֶׁר לֹא־עָבַר אֶת־הַיַּרְדֵּן׃ וַאֲחִיתֹפֶל כג
רָאָה כִּי לֹא נֶעֶשְׂתָה עֲצָתוֹ וַיַּחֲבֹשׁ אֶת־הַחֲמוֹר וַיָּקָם וַיֵּלֶךְ
אֶל־בֵּיתוֹ אֶל־עִירוֹ וַיְצַו אֶל־בֵּיתוֹ וַיֵּחָנַק וַיָּמָת וַיִּקָּבֵר בְּקֶבֶר
אָבִיו׃ וְדָוִד בָּא מַחֲנָיְמָה וְאַבְשָׁלֹם עָבַר אֶת־ כד
הַיַּרְדֵּן הוּא וְכָל־אִישׁ יִשְׂרָאֵל עִמּוֹ׃ וְאֶת־עֲמָשָׂא שָׂם כה
אַבְשָׁלֹם תַּחַת יוֹאָב עַל־הַצָּבָא וַעֲמָשָׂא בֶן־אִישׁ וּשְׁמוֹ
יִתְרָא הַיִּשְׂרְאֵלִי אֲשֶׁר־בָּא אֶל־אֲבִיגַל בַּת־נָחָשׁ אֲחוֹת
צְרוּיָה אֵם יוֹאָב׃ וַיִּחַן יִשְׂרָאֵל וְאַבְשָׁלֹם אֶרֶץ הַגִּלְעָד׃ כו
וַיְהִי כְּבוֹא דָוִד מַחֲנָיְמָה וְשֹׁבִי בֶן־נָחָשׁ מֵרַבַּת כז
בְּנֵי־עַמּוֹן וּמָכִיר בֶּן־עַמִּיאֵל מִלֹּא דְבָר וּבַרְזִלַּי הַגִּלְעָדִי
מֵרֹגְלִים׃ מִשְׁכָּב וְסַפּוֹת וּכְלִי יוֹצֵר וְחִטִּים וּשְׂעֹרִים וְקֶמַח כח
וְקָלִי וּפוֹל וַעֲדָשִׁים וְקָלִי׃ וּדְבַשׁ וְחֶמְאָה וְצֹאן וּשְׁפוֹת כט
בָּקָר הִגִּישׁוּ לְדָוִד וְלָעָם אֲשֶׁר־אִתּוֹ לֶאֱכוֹל כִּי אָמְרוּ הָעָם
רָעֵב וְעָיֵף וְצָמֵא בַּמִּדְבָּר׃

יח

וַיִּפְקֹד דָּוִד אֶת־הָעָם אֲשֶׁר אִתּוֹ וַיָּשֶׂם עֲלֵיהֶם שָׂרֵי אֲלָפִים א
וְשָׂרֵי מֵאוֹת׃ וַיְשַׁלַּח דָּוִד אֶת־הָעָם הַשְּׁלִשִׁית בְּיַד־יוֹאָב ב
וְהַשְּׁלִשִׁית בְּיַד אֲבִישַׁי בֶּן־צְרוּיָה אֲחִי יוֹאָב וְהַשְּׁלִשִׁת
בְּיַד אִתַּי הַגִּתִּי • וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֶל־הָעָם יָצֹא
אֵצֵא גַּם־אֲנִי עִמָּכֶם׃ וַיֹּאמֶר הָעָם לֹא תֵצֵא כִּי אִם־נֹס ג
נָנוּס לֹא־יָשִׂימוּ אֵלֵינוּ לֵב וְאִם־יָמֻתוּ חֶצְיֵנוּ לֹא־יָשִׂימוּ

יז, כ׳ כב׳ קמץ בז״ק   יח, ב׳ פסקא באמצע פסוק

פרוי אין הויז, און האָבן געזאָגט: ווו זיינען אֲחִימַעַץ און יהוֹנָתָן? האָט די פרוי צו זיי געזאָגט: זיי זיינען אַריבער־געגאַנגען דעם וואַסערשטראָם. האָבן זיי געזוכט, און האָבן ניט געפונען; און זיי האָבן זיך אומגעקערט קיין ירושָׁלַיִם.

[21] און עס איז געווען נאָך זייער אַוועקגיין, זיינען זיי אַרויפגעקומען פון ברונעם, און זיינען געגאַנגען און האָבן דערציילט דעם מלך דודן, און זיי האָבן געזאָגט צו דודן: שטייט אויף און גייט אַריבער אויף גיך דעם וואַסער, וואָרום אַזוי האָט אַחיתוֹפֶל געעצהט אַקעגן אייך.

[22] איז אויפגעשטאַנען דוד און דאָס גאַנצע פאָלק וואָס מיט אים, און זיי זיינען אַריבערגעגאַנגען דעם יַרדן; ביזן ליכט פון פרימאָרגן האָט צומאָל איינער ניט גע־פעלט וואָס איז ניט אַריבערגעגאַנגען דעם יַרדן.

[23] און אַחיתוֹפֶל האָט געזען אַז זיין עצה איז ניט גע־טאָן געוואָרן, און ער האָט אָנגעזאָטלט דעם אייזל, און איז אויפגעשטאַנען, און איז אַוועק צו זיין הויז, צו זיין שטאָט, און ער האָט געזאָגט זיין צַוָאָה צו זיין הויזגעזינט, און האָט זיך אויפגעהאַנגען; און ער איז געשטאָרבן, און איז באַגראָבן געוואָרן אין דעם קבר פון זיין פאָטער.

[24] און דוד איז אָנגעקומען קיין מַחנַיִם; און אַבשָׁלוֹם איז אַריבערגעגאַנגען דעם יַרדן, ער און אַלע מענער פון ישראל וואָס מיט אים. [25] און עֲמָשָׂאן האָט אַבשָׁלוֹם אויפ־געזעצט אויף יוֹאָבס אָרט איבערן חיל. און עֲמָשָׂא איז געווען דער זון פון אַ מאַן מיטן נאָמען יִתרָא דער יִשׂרְאֵלי, וואָס איז געקומען צו אֲבִיגַל דער טאָכטער פון נָחָשׁן, אַ שוועסטער פון צרוּיָה, יוֹאָבס מוטער. [26] און ישראל און אַבשָׁלוֹם האָבן געלאַגערט אין לאַנד גִלעָד.

[27] און עס איז געווען, ווי דוד איז אָנגעקומען קיין מַחנַיִם, אַזוי [האָט] שׁוֹבי דער זון פון נָחָשׁן, פון רַבָּה פון די קינדער פון עַמוֹן, און מָכיר דער זון פון עַמיאֵלן, פון לוֹ־דבָר, און בַּרזִלַי דער גִלעָדער פון רוגלים, [28] געבראַכט בעט־געוואַנט, און בעקנס, און ליימענע כלים, און ווייץ און גערשטן, און מעל, און געבריענטע זאַנגען, און בעבלעך, און לינדזן, און געבריענטע אַרבעס, [29] און האָניק, און שמאַנט, און שאָף, און רינדערנע קעז, פאַר דודן און פאַר דעם פאָלק וואָס מיט אים, צום עסן; וואָרום זיי האָבן געזאָגט: דאָס פאָלק איז הונגעריק און מיד און דאָרשטיק אין דער מדבר.

יח [1] און דוד האָט איבערגעציילט דאָס פאָלק וואָס מיט אים, און ער האָט געמאַכט איבער זיי הויפּטלייט פון טויזנט און הויפּטלייט פון הונדערט. [2] און דוד האָט געשיקט דאָס פאָלק, אַ דריטל אונטער דער האַנט פון יוֹאָבן, און אַ דריטל אונטער דער האַנט פון אֲבִישַׁי דעם זון פון צרוּיָהן, יוֹאָבס ברודער, און אַ דריטל אונטער דער האַנט פון אִתַּין פון גַת. און דער מלך האָט געזאָגט צום פאָלק: אַרויסגיין וועל איך אויך אַרויס־גיין מיט אייך. [3] האָט דאָס פאָלק געזאָגט: זאָלסט ניט אַרויסגיין; וואָרום אויב אַנטלויפן וועלן מיר אַנטלויפן, וועט מען אויף אונדז ניט לייגן קיין אַכט, און אַפילו אַ העלפט פון אונדז זאָלן אומקומען, וועט מען אויף אונדז ניט לייגן

קיין אַכט; אָבער דו ביסט אַצונד אַזוי ווי צען טויזנט פון
אונדז; איז אַצונד בעסער, אַז דו זאָלסט אונדז זיין צו
הילף פון שטאָט. [4] האָט דער מלך צו זיי געזאָגט: וואָס
איז גוט אין אייערע אויגן, וועל איך טאָן.

און דער מלך האָט זיך געשטעלט ביים זייט פון
טויער, און דאָס גאַנצע פאָלק איז אַרויסגעגאַנגען אין
הונדערטן און אין טויזנטן.

[5] און דער מלך האָט באַפוילן יואָבן און אַבישַין און
אִתַּין, אַזוי צו זאָגן: זייט מיר געלאַסן מיט דעם יונג, מיט
אַבשָלומען. און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געהערט ווי דער
מלך האָט באַפוילן אַלע הויפּטלייט וועגן אַבשָלומען.

[6] און דאָס פאָלק איז אַרויסגעגאַנגען אין פעלד
אַקעגן ישראל, און די מלחמה איז געווען אין וואַלד פון
אפרים. [7] און דאָס פאָלק פון ישראל איז דאָרטן געשלאָגן
געוואָרן פאַר די קנעכט פון דודן, און דאָרטן איז געווען
אַ גרויסער שלאַק אין יענעם טאָג–צוואַנציק טויזנט.
[8] וואָרום די מלחמה איז דאָרטן געווען פאַרשפּרייט אויפן
געזיכט פון גאַנצן לאַנד; און דער וואַלד האָט פאַרצערט
פון פאָלק מער ווי די שווערד האָט פאַרצערט אין יענעם
טאָג.

[9] און אַבשָלום האָט זיך געטראָפן פאַר די קנעכט
פון דודן. און אַבשָלום איז גערימן אויף אַ מוילאייזל, איז
דער מוילאייזל געקומען אונטער דעם געצווייג פון אַ
גרויסן אייכנבוים, און זיין קאָפּ האָט זיך אָנגעכאַפּט אַן
דעם אייכנבוים, און ער איז געבליבן צווישן הימל און ערד; און דער מוילאייזל וואָס אונטער אים איז אַוועק.
[10] האָט דערזען איינער אַ מאַן, און ער האָט דערציילט יואָבן און געזאָגט: אָט האָב איך געזען אַבשָלומען הענגען
אויפן אייכנבוים. [11] האָט יואָב געזאָגט צו דעם מאַן וואָס האָט אים דערציילט: און אַז דו האָסט געזען, טאָ פאַר־
וואָס האָסטו אים ניט דערשלאָגן דאָרטן צו דער ערד? און אויף מיר וואָלט געווען דיר צו געבן צען זילבער־
שטיק און אַ גאַרטל. [12] האָט דער מאַן געזאָגט צו יואָבן: אַפילו ווען איך קריג אָפּגעוווויגן אויף מיינע הענט טויזנט
זילבערשטיק, וועל איך ניט אויסשטרעקן מיין האַנט אויף דעם מלכס זון, וואָרום פאַר אונדזערע אויערן האָט דער מלך
באַפוילן דיר און אַבישַין און אִתַּין, אַזוי צו זאָגן: זייט אָפּגעהיט, ווער עס זאָל ניט זיין, מיט דעם יונג, מיט אַבשָלומען.
[13] אָדער אַז איך זאָל באַגיין אַ פאַלשקייט אַקעגן מיין זעל, ווערט קיין זאַך ניט בלייבן פאַרהוילן פון דעם מלך, און דו
וועסט שטיין פון דער ווייטן.

[14] האָט יואָב געזאָגט: איך קען זיך דאָ אַזוי ניט אויפהאַלטן מיט דיר. און ער האָט גענומען דריי וואַרפשפּיזן אין
זיין האַנט, און האָט זיי אַריינגעשטאָכן אין אַבשָלומס האַרצן, ווען ער האָט נאָך געלעבט אין מיטן אייכנבוים. [15] און צען
יונגען, יואָבס וואָפנטרעגער, האָבן זיך אַרומגעשטעלט, און האָבן געשלאָגן אַבשָלומען און אים געטייט.

[16] און יואָב האָט געבלאָזן אין שופר, און דאָס פאָלק האָט זיך אומגעקערט פון נאָכיאָגן ישראל, וואָרום יואָב האָט

אֵלֵינוּ לֵב כִּי־עַתָּה כָמֹנוּ עֲשָׂרָה אֲלָפִים וְעַתָּה טוֹב כִּי־
ד תִהְיֶה־לָּנוּ מֵעִיר לַעְזִיר׃ וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר־
יִיטַב בְּעֵינֵיכֶם אֶעֱשֶׂה וַיַּעֲמֹד הַמֶּלֶךְ אֶל־יַד הַשַּׁעַר וְכָל־
ה הָעָם יָצְאוּ לְמֵאוֹת וְלַאֲלָפִים׃ וַיְצַו הַמֶּלֶךְ אֶת־יוֹאָב
וְאֶת־אֲבִישַׁי וְאֶת־אִתַּי לֵאמֹר לְאַט־לִי לַנַּעַר לְאַבְשָׁלוֹם
וְכָל־הָעָם שָׁמְעוּ בְּצַוֺּת הַמֶּלֶךְ אֶת־כָּל־הַשָּׂרִים עַל־דְּבַר
ו אַבְשָׁלוֹם׃ וַיֵּצֵא הָעָם הַשָּׂדֶה לִקְרַאת יִשְׂרָאֵל וַתְּהִי
ז הַמִּלְחָמָה בְּיַעַר אֶפְרָיִם׃ וַיִּנָּגְפוּ שָׁם עַם יִשְׂרָאֵל לִפְנֵי
עַבְדֵי דָוִד וַתְּהִי־שָׁם הַמַּגֵּפָה גְדוֹלָה בַּיּוֹם הַהוּא עֶשְׂרִים
ח אָלֶף׃ וַתְּהִי־שָׁם הַמִּלְחָמָה נָפֹצוֹת עַל־פְּנֵי כָל־הָאָרֶץ
וַיֶּרֶב הַיַּעַר לֶאֱכֹל בָּעָם מֵאֲשֶׁר אָכְלָה הַחֶרֶב בַּיּוֹם הַהוּא׃
ט וַיִּקָּרֵא אַבְשָׁלוֹם לִפְנֵי עַבְדֵי דָוִד וְאַבְשָׁלוֹם רֹכֵב עַל־
הַפֶּרֶד וַיָּבֹא הַפֶּרֶד תַּחַת שׂוֹבֶךְ הָאֵלָה הַגְּדוֹלָה וַיֶּחֱזַק
רֹאשׁוֹ בָאֵלָה וַיֻּתַּן בֵּין הַשָּׁמַיִם וּבֵין הָאָרֶץ וְהַפֶּרֶד אֲשֶׁר־
י תַּחְתָּיו עָבָר׃ וַיַּרְא אִישׁ אֶחָד וַיַּגֵּד לְיוֹאָב וַיֹּאמֶר הִנֵּה
יא רָאִיתִי אֶת־אַבְשָׁלֹם תָּלוּי בָּאֵלָה׃ וַיֹּאמֶר יוֹאָב לָאִישׁ
הַמַּגִּיד לוֹ וְהִנֵּה רָאִיתָ וּמַדּוּעַ לֹא־הִכִּיתוֹ שָׁם אָרְצָה
יב וְעָלַי לָתֶת לְךָ עֲשָׂרָה כֶסֶף וַחֲגֹרָה אֶחָת׃ וַיֹּאמֶר הָאִישׁ
אֶל־יוֹאָב וְלֹא אָנֹכִי שֹׁקֵל עַל־כַּפַּי אֶלֶף כֶּסֶף לֹא־אֶשְׁלַח
יָדִי אֶל־בֶּן־הַמֶּלֶךְ כִּי בְאָזְנֵינוּ צִוָּה הַמֶּלֶךְ אֹתְךָ וְאֶת־
אֲבִישַׁי וְאֶת־אִתַּי לֵאמֹר שִׁמְרוּ־מִי בַּנַּעַר בְּאַבְשָׁלוֹם׃
יג אוֹ־עָשִׂיתִי בְנַפְשׁוֹ שֶׁקֶר וְכָל־דָּבָר לֹא־יִכָּחֵד מִן־הַמֶּלֶךְ
יד וְאַתָּה תִּתְיַצֵּב מִנֶּגֶד׃ וַיֹּאמֶר יוֹאָב לֹא־כֵן אֹחִילָה לְפָנֶיךָ
וַיִּקַּח שְׁלֹשָׁה שְׁבָטִים בְּכַפּוֹ וַיִּתְקָעֵם בְּלֵב אַבְשָׁלוֹם
טו עוֹדֶנּוּ חַי בְּלֵב הָאֵלָה׃ וַיָּסֹבּוּ עֲשָׂרָה נְעָרִים נֹשְׂאֵי
טז כְּלֵי יוֹאָב וַיַּכּוּ אֶת־אַבְשָׁלוֹם וַיְמִתֻהוּ׃ וַיִּתְקַע יוֹאָב בַּשֹּׁפָר
וַיָּשָׁב הָעָם מִרְדֹף אַחֲרֵי יִשְׂרָאֵל כִּי־חָשַׂךְ יוֹאָב אֶת־הָעָם׃

ג׳ סבירין אתה   לעזור קרי   ח׳ נפוצת קרי   יב׳ ולו קרי   יג׳ בנפשי קרי

יז וַיִּקְחוּ אֶת־אַבְשָׁלוֹם וַיַּשְׁלִכוּ אֹתוֹ בַיַּעַר אֶל־הַפַּחַת
הַגָּדוֹל וַיַּצִּבוּ עָלָיו גַּל־אֲבָנִים גָּדוֹל מְאֹד וְכָל־יִשְׂרָאֵל נָסוּ
יח אִישׁ לְאֹהָלָו׃ וְאַבְשָׁלֹם לָקַח וַיַּצֶּב־לוֹ בְחַיָּו אֶת־מַצֶּבֶת
אֲשֶׁר בְּעֵמֶק־הַמֶּלֶךְ כִּי אָמַר אֵין־לִי בֵן בַּעֲבוּר הַזְכִּיר
שְׁמִי וַיִּקְרָא לַמַּצֶּבֶת עַל־שְׁמוֹ וַיִּקָּרֵא לָהּ יַד אַבְשָׁלוֹם
יט עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃ וַאֲחִימַעַץ בֶּן־צָדוֹק אָמַר אָרוּצָה
נָּא וַאֲבַשְּׂרָה אֶת־הַמֶּלֶךְ כִּי־שְׁפָטוֹ יְהוָה מִיַּד אֹיְבָיו׃
כ וַיֹּאמֶר לוֹ יוֹאָב לֹא אִישׁ בְּשֹׂרָה אַתָּה הַיּוֹם הַזֶּה וּבִשַּׂרְתָּ
בְּיוֹם אַחֵר וְהַיּוֹם הַזֶּה לֹא תְבַשֵּׂר כִּי עַל־ ֗ ֗ בֶּן־הַמֶּלֶךְ
כא מֵת׃ וַיֹּאמֶר יוֹאָב לַכּוּשִׁי לֵךְ הַגֵּד לַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר
כב רָאִיתָה וַיִּשְׁתַּחוּ כוּשִׁי לְיוֹאָב וַיָּרֹץ׃ וַיֹּסֶף עוֹד אֲחִימַעַץ
בֶּן־צָדוֹק וַיֹּאמֶר אֶל־יוֹאָב וִיהִי מָה אָרֻצָה־נָּא גַם־אָנִי
אַחֲרֵי הַכּוּשִׁי וַיֹּאמֶר יוֹאָב לָמָּה־זֶּה אַתָּה רָץ בְּנִי וּלְכָה
כג אֵין־בְּשׂוֹרָה מֹצֵאת׃ וִיהִי־מָה אָרוּץ וַיֹּאמֶר לוֹ רוּץ וַיָּרָץ
כד אֲחִימַעַץ דֶּרֶךְ הַכִּכָּר וַיַּעֲבֹר אֶת־הַכּוּשִׁי׃ וְדָוִד יוֹשֵׁב
בֵּין־שְׁנֵי הַשְּׁעָרִים וַיֵּלֶךְ הַצֹּפֶה אֶל־גַּג הַשַּׁעַר אֶל־הַחוֹמָה
כה וַיִּשָּׂא אֶת־עֵינָיו וַיַּרְא וְהִנֵּה־אִישׁ רָץ לְבַדּוֹ׃ וַיִּקְרָא
הַצֹּפֶה וַיַּגֵּד לַמֶּלֶךְ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אִם־לְבַדּוֹ בְּשׂוֹרָה בְּפִיו
כו וַיֵּלֶךְ הָלוֹךְ וְקָרֵב׃ וַיַּרְא הַצֹּפֶה אִישׁ־אַחֵר רָץ וַיִּקְרָא
הַצֹּפֶה אֶל־הַשֹּׁעֵר וַיֹּאמֶר הִנֵּה־אִישׁ רָץ לְבַדּוֹ וַיֹּאמֶר
כז הַמֶּלֶךְ גַּם־זֶה מְבַשֵּׂר׃ וַיֹּאמֶר הַצֹּפֶה אֲנִי רֹאֶה אֶת־
מְרוּצַת הָרִאשׁוֹן כִּמְרֻצַת אֲחִימַעַץ בֶּן־צָדוֹק וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ
כח אִישׁ־טוֹב זֶה וְאֶל־בְּשׂוֹרָה טוֹבָה יָבוֹא׃ וַיִּקְרָא אֲחִימַעַץ
וַיֹּאמֶר אֶל־הַמֶּלֶךְ שָׁלוֹם וַיִּשְׁתַּחוּ לַמֶּלֶךְ לְאַפָּיו אָרְצָה
וַיֹּאמֶר בָּרוּךְ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ אֲשֶׁר סִגַּר אֶת־הָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר־
כט נָשְׂאוּ אֶת־יָדָם בַּאדֹנִי הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ
שָׁלוֹם לַנַּעַר לְאַבְשָׁלוֹם וַיֹּאמֶר אֲחִימַעַץ רָאִיתִי הֶהָמוֹן

יז׳ לאהליו ק  יח׳ בחייו ק  כ׳ כן קרי ולא כתיב  כט׳ סבירין השלום

צוריקגעהאַלטן דאָס פאָלק. [17] און זיי האָבן גענומען אַבשָלומען, און האָבן אים אַריינגעוואָרפן אין וואַלד אין דער גרויסער גרוב. און זיי האָבן אויפגעשטעלט איבער אים אַ זייער גרויסן הויפן שטיינער. און גאַנץ ישראל זיינען אַנטלאָפן, איטלעכער צו זיינע געצעלטן.

[18] און אַבשָלום האָט נאָך בײַ זיין לעבן גענומען און זיך אויפגעשטעלט דעם זיילשטיין וואָס אין מלכס טאָל; וואָרום ער האָט געזאָגט: איך האָב ניט קיין זון צו דער־מאָנען מיין נאָמען. און ער האָט גערופן דעם זיילשטיין אויף זיין נאָמען, און מע רופט אים אַבשָלומס אָנדענק ביז אויף היינטיקן טאָג.

[19] און אַחימַעַץ דער זון פון צָדוקן האָט געזאָגט: לאָמיך אַקאָרשט לויפן און אָנזאָגן דעם מלך, אַז גאָט האָט זיך אָפּגערעכנט פאַר אים פון דער האַנט פון זיינע פיינט. [20] האָט יואָב צו אים געזאָגט: ביסט ניט אַ בעל־בשורה היינטיקן טאָג; וועסט אָנזאָגן אַן אַנדער טאָג, אָבער היינטיקן טאָג זאָלסטו ניט אָנזאָגן, אַזוי ווי דעם מלכס זון איז טויט.

[21] און יואָב האָט געזאָגט צו דעם כּושי: גיי דערצייל דעם מלך וואָס דו האָסט געזען. האָט דער כּושי זיך גע־בוקט צו יואָבן, און איז אַוועקגעלאָפן.

[22] און אַחימַעַץ דער זון פון צָדוקן האָט ווידער אַ מאָל געזאָגט צו יואָבן: זאָל זיין וואָס וועט זיין, לאָמיך אויך, איך בעט דיך, לויפן נאָך דעם כּושי. האָט יואָב געזאָגט: נאָך וואָס דען זאָלסטו לויפן, מיין זון, אַז די בשורה וועט דיר גאָרניט אײַנברענגען? [23] „אָבער זאָל זיין וואָס וועט זיין, איך וועל לויפן". האָט ער צו אים געזאָגט: לויף. און אַחימַעַץ איז געלאָפן מיטן וועג פון דער [יַרדן] געגנט, און ער האָט אַריבערגעיאָגט דעם כּושי.

[24] און דוד איז געזעסן צווישן די צוויי טויערן, און דער וועכטער איז אַרויפגעגאַנגען אויף דעם דאַך פון טויער, אויף דער מויער, און ער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן, ערשט אַ מאַן לויפט אַליין. [25] האָט דער וועכטער אויסגערופן, און אָנגעזאָגט דעם מלך. האָט דער מלך געזאָגט: אויב ער איז אַליין, איז אַ בשורה אין זיין מויל. און יענער איז גע־קומען אַלץ נענטער. [26] האָט דער וועכטער געזען אַן אַנדער מאַן לויפן, און דער וועכטער האָט אויסגערופן צום טויערמאַן און געזאָגט: זע, אַ מאַן לויפט אַליין. האָט דער מלך געזאָגט: דער אויך איז אַן אָנזאָגער.

[27] האָט דער וועכטער געזאָגט: איך דערקען דאָס לויפן פון ערשטן אַזוי ווי דאָס לויפן פון אַחימַעַץ דעם זון פון צָדוקן. האָט דער מלך געזאָגט: אַ גוטער מענטש איז ער, און מיט אַ גוטער בשורה קומט ער.

[28] האָט אַחימַעַץ גערופן און האָט געזאָגט צום מלך: פריד! און ער האָט זיך געבוקט צום מלך מיט זיין פּנים צו דער ערד, און האָט געזאָגט: געלויבט איז יהוה דיין גאָט וואָס האָט איבערגעענטפערט די מענטשן וואָס האָבן אויפגעהויבן זייער האַנט אויף מיין האַר דעם מלך. [29] האָט דער מלך געזאָגט: איז פריד צו דעם יונג, צו אַבשָלומען? האָט אַחימַעַץ

געזאָגט: איך האָב געזען אַ גרויסן טומל ווען יואָב האָט
אַוועקגעשיקט דעם מלכס קנעכט, און מיך דײַן קנעכט,
אָבער איך האָב ניט געוווּסט וואָס. 30 האָט דער מלך
געזאָגט: דריי זיך אום, שטעל זיך דאָ. האָט ער זיך אומ-
געדרייט, און איז געשטאַנען.
31 ערשט דער כּושי קומט אָן; און דער כּושי האָט
געזאָגט: זאָל אַ בשׂורה האָבן מײַן האַר דער מלך, אַז גאָט
האָט זיך הײַנט אָפּגערעכנט פֿאַר דיר פֿון דער האַנט פֿון
אַלע וואָס זײַנען אויפֿגעשטאַנען אויף דיר. 32 האָט דער
מלך געזאָגט צו דעם כּושי: איז פֿריד צו דעם יונג, צו
אַבשלומען? האָט דער כּושי געזאָגט: זאָלן ווערן פֿון די
שׂונאים פֿון מײַן האַר דעם מלך, און פֿון אַלע וואָס זײַנען
אויפֿגעשטאַנען אויף דיר צום בייזן, ווי פֿון דעם יונג.

יט 1 האָט דער מלך אויפֿגעציטערט, און ער איז
אַרויפֿגעגאַנגען אין דער אויבערשטוב פֿון טויער,
און האָט געוויינט; און גייענדיק האָט ער אַזוי געזאָגט:
מײַן זון אַבשלום, זון מײַנער, אַבשלום מײַן זון! הלוואי
וואָלט איך געשטאָרבן אָנשטאָט דיר, אַבשלום מײַן זון,
זון מײַנער!
2 איז אָנגעזאָגט געוואָרן יואָבן: זע, דער מלך וויינט,
און ער טרויערט אויף אַבשלומען.
3 און די ישועה אין יענעם טאָג איז געוואָרן צו טרויער
פֿאַר דעם גאַנצן פֿאָלק, וואָרום דאָס פֿאָלק האָט געהערט
אין יענעם טאָג, אַזוי צו זאָגן: דער מלך איז באַקלעמט
וועגן זײַן זון. 4 און דאָס פֿאָלק איז אין יענעם טאָג זיך
גנבֿענדיק אַרײַנגעקומען אין שטאָט, אַזוי ווי דאָס פֿאָלק גנבֿעט זיך פֿאַרשעמטערהייט ווען זיי אַנטלויפֿן אין אַ
מלחמה.
5 און דער מלך האָט אײַנגעוויקלט זײַן פּנים, און דער מלך האָט געשריִען אויף אַ הויכן קול: מײַן זון אַבשלום,
אַבשלום מײַן זון, זון מײַנער!
6 איז יואָב געקומען צום מלך אין הויז, און האָט געזאָגט: האָסט הײַנט פֿאַרשעמט דעם פּנים פֿון אַלע דײַנע קנעכט
וואָס האָבן הײַנט געראַטעוועט דײַן לעבן, און דאָס לעבן פֿון דײַנע זין און דײַנע טעכטער, און דאָס לעבן פֿון דײַנע
ווײַבער, און דאָס לעבן פֿון דײַנע קעפּסווײַבער, 7 ליב צו האָבן דײַנע פֿײַנט, און פֿײַנט צו האָבן דײַנע ליבהאָבער.
וואָרום האָסט הײַנט געלאָזט וויסן, אַז בײַ דיר זײַנען ניטאָ קיין הויפּטלײַט און קיין קנעכט; ווײַל הײַנט ווייס איך, אַז
ווען אַבשלום לעבט, און מיר אַלע זײַנען הײַנט טויט, וואָלט דענסמאָל געווען רעכט אין דײַנע אויגן. 8 און אַצונד,
שטיי אויף, גיי אַרויס, און רעד צום האַרצן פֿון דײַנע קנעכט, וואָרום איך שווער בײַ גאָט, אַז דו גייסט ניט אַרויס, אויב
אַ מענטש וועט בײַ דיר בלײַבן די נאַכט! און דאָס וועט דיר זײַן ערגער ווי אַלדאָס בייז וואָס איז געקומען אויף דיר פֿון
דײַן יוגנט אָן ביז אַצונד.
9 איז דער מלך אויפֿגעשטאַנען, און ער האָט זיך געזעצט אין טויער, און דעם גאַנצן פֿאָלק האָט מען אָנגעזאָגט,
אַזוי צו זאָגן: זעט, דער מלך זיצט אין טויער. און דאָס גאַנצע פֿאָלק איז געקומען פֿאַרן מלך.

הַגָּדוֹל לִשְׁלֹחַ אֶת־עֶבֶד הַמֶּלֶךְ יוֹאָב וְאֶת־עַבְדֶּךָ וְלֹא
ל יָדַעְתִּי מָה׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ סֹב הִתְיַצֵּב כֹּה וַיִּסֹּב וַיַּעֲמֹד׃
לא וְהִנֵּה הַכּוּשִׁי בָּא וַיֹּאמֶר הַכּוּשִׁי יִתְבַּשֵּׂר אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ
כִּי־שְׁפָטְךָ יְהוָה הַיּוֹם מִיַּד כָּל־הַקָּמִים עָלֶיךָ׃
לב וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֶל־הַכּוּשִׁי הֲשָׁלוֹם לַנַּעַר לְאַבְשָׁלוֹם וַיֹּאמֶר
הַכּוּשִׁי יִהְיוּ כַנַּעַר אֹיְבֵי אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ וְכֹל אֲשֶׁר־קָמוּ
עָלֶיךָ לְרָעָה׃

## יט

א וַיִּרְגַּז הַמֶּלֶךְ וַיַּעַל עַל־עֲלִיַּת הַשַּׁעַר וַיֵּבְךְּ וְכֹה ׀ אָמַר
בְּלֶכְתּוֹ בְּנִי אַבְשָׁלוֹם בְּנִי בְנִי אַבְשָׁלוֹם מִי־יִתֵּן מוּתִי אֲנִי
ב תַחְתֶּיךָ אַבְשָׁלוֹם בְּנִי בְנִי׃ וַיֻּגַּד לְיוֹאָב הִנֵּה הַמֶּלֶךְ בֹּכֶה
ג וַיִּתְאַבֵּל עַל־אַבְשָׁלֹם׃ וַתְּהִי הַתְּשֻׁעָה בַּיּוֹם הַהוּא לְאֵבֶל
לְכָל־הָעָם כִּי־שָׁמַע הָעָם בַּיּוֹם הַהוּא לֵאמֹר נֶעֱצַב הַמֶּלֶךְ
ד עַל־בְּנוֹ׃ וַיִּתְגַּנֵּב הָעָם בַּיּוֹם הַהוּא לָבוֹא הָעִיר כַּאֲשֶׁר
ה יִתְגַּנֵּב הָעָם הַנִּכְלָמִים בְּנוּסָם בַּמִּלְחָמָה׃ וְהַמֶּלֶךְ לָאַט
אֶת־פָּנָיו וַיִּזְעַק הַמֶּלֶךְ קוֹל גָּדוֹל בְּנִי אַבְשָׁלוֹם אַבְשָׁלוֹם
ו בְּנִי בְנִי׃ וַיָּבֹא יוֹאָב אֶל־הַמֶּלֶךְ הַבָּיִת וַיֹּאמֶר הֹבַשְׁתָּ
הַיּוֹם אֶת־פְּנֵי כָל־עֲבָדֶיךָ הַמְמַלְּטִים אֶת־נַפְשְׁךָ הַיּוֹם
וְאֵת נֶפֶשׁ בָּנֶיךָ וּבְנֹתֶיךָ וְנֶפֶשׁ נָשֶׁיךָ וְנֶפֶשׁ פִּלַגְשֶׁיךָ׃
ז לְאַהֲבָה אֶת־שֹׂנְאֶיךָ וְלִשְׂנֹא אֶת־אֹהֲבֶיךָ כִּי ׀ הִגַּדְתָּ הַיּוֹם
כִּי אֵין לְךָ שָׂרִים וַעֲבָדִים כִּי ׀ יָדַעְתִּי הַיּוֹם כִּי לֹא*
אַבְשָׁלוֹם חַי וְכֻלָּנוּ הַיּוֹם מֵתִים כִּי־אָז יָשָׁר בְּעֵינֶיךָ׃
ח וְעַתָּה קוּם צֵא וְדַבֵּר עַל־לֵב עֲבָדֶיךָ כִּי בַיהוָה נִשְׁבַּעְתִּי
כִּי־אֵינְךָ יוֹצֵא אִם־יָלִין אִישׁ אִתְּךָ הַלַּיְלָה וְרָעָה לְךָ זֹאת
מִכָּל־הָרָעָה אֲשֶׁר־בָּאָה עָלֶיךָ מִנְּעֻרֶיךָ עַד־עָתָּה׃
ט וַיָּקָם הַמֶּלֶךְ וַיֵּשֶׁב בַּשָּׁעַר וּלְכָל־הָעָם הִגִּידוּ לֵאמֹר הִנֵּה
הַמֶּלֶךְ יוֹשֵׁב בַּשַּׁעַר וַיָּבֹא כָל־הָעָם לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ וְיִשְׂרָאֵל

יט, ז׳ לו קרי

נָס אִישׁ לְאֹהָלָיו׃ וַיְהִי כָל־הָעָם נָדוֹן בְּכָל־שִׁבְטֵי
יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר הַמֶּלֶךְ הִצִּילָנוּ ׀ מִכַּף אֹיְבֵינוּ וְהוּא מִלְּטָנוּ
מִכַּף פְּלִשְׁתִּים וְעַתָּה בָּרַח מִן־הָאָרֶץ מֵעַל אַבְשָׁלוֹם׃
יא וְאַבְשָׁלוֹם אֲשֶׁר מָשַׁחְנוּ עָלֵינוּ מֵת בַּמִּלְחָמָה וְעַתָּה לָמָה
יב אַתֶּם מַחֲרִשִׁים לְהָשִׁיב אֶת־הַמֶּלֶךְ׃ וְהַמֶּלֶךְ דָּוִד
שָׁלַח אֶל־צָדוֹק וְאֶל־אֶבְיָתָר הַכֹּהֲנִים לֵאמֹר דַּבְּרוּ אֶל־
זִקְנֵי יְהוּדָה לֵאמֹר לָמָּה תִהְיוּ אַחֲרֹנִים לְהָשִׁיב אֶת־
הַמֶּלֶךְ אֶל־בֵּיתוֹ וּדְבַר כָּל־יִשְׂרָאֵל בָּא אֶל־הַמֶּלֶךְ אֶל־
יג בֵּיתוֹ׃ אַחַי אַתֶּם עַצְמִי וּבְשָׂרִי אַתֶּם וְלָמָּה תִהְיוּ אַחֲרֹנִים
יד לְהָשִׁיב אֶת־הַמֶּלֶךְ׃ וְלַעֲמָשָׂא תֹּמְרוּ הֲלוֹא עַצְמִי וּבְשָׂרִי
אַתָּה כֹּה יַעֲשֶׂה־לִּי אֱלֹהִים וְכֹה יוֹסִף אִם־לֹא שַׂר־צָבָא
טו תִּהְיֶה לְפָנַי כָּל־הַיָּמִים תַּחַת יוֹאָב׃ וַיַּט אֶת־לְבַב כָּל־
אִישׁ־יְהוּדָה כְּאִישׁ אֶחָד וַיִּשְׁלְחוּ אֶל־הַמֶּלֶךְ שׁוּב אַתָּה
טז וְכָל־עֲבָדֶיךָ׃ וַיָּשָׁב הַמֶּלֶךְ וַיָּבֹא עַד־הַיַּרְדֵּן וִיהוּדָה בָּא
הַגִּלְגָּלָה לָלֶכֶת לִקְרַאת הַמֶּלֶךְ לְהַעֲבִיר אֶת־הַמֶּלֶךְ
יז אֶת־הַיַּרְדֵּן׃ וַיְמַהֵר שִׁמְעִי בֶן־גֵּרָא בֶּן־הַיְמִינִי אֲשֶׁר
מִבַּחוּרִים וַיֵּרֶד עִם־אִישׁ יְהוּדָה לִקְרַאת הַמֶּלֶךְ דָּוִד׃
יח וְאֶלֶף אִישׁ עִמּוֹ מִבִּנְיָמִן וְצִיבָא נַעַר בֵּית שָׁאוּל וַחֲמֵשֶׁת
עָשָׂר בָּנָיו וְעֶשְׂרִים עֲבָדָיו אִתּוֹ וְצָלְחוּ הַיַּרְדֵּן לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ׃
יט וְעָבְרָה הָעֲבָרָה לַעֲבִיר אֶת־בֵּית הַמֶּלֶךְ וְלַעֲשׂוֹת הַטּוֹב
בְּעֵינָו וְשִׁמְעִי בֶן־גֵּרָא נָפַל לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ בְּעָבְרוֹ בַּיַּרְדֵּן׃
כ וַיֹּאמֶר אֶל־הַמֶּלֶךְ אַל־יַחֲשָׁב־לִי אֲדֹנִי עָוֺן וְאַל־תִּזְכֹּר
אֵת אֲשֶׁר הֶעֱוָה עַבְדְּךָ בַּיּוֹם אֲשֶׁר־יָצָא אֲדֹנִי־הַמֶּלֶךְ
כא מִירוּשָׁלִַם לָשׂוּם הַמֶּלֶךְ אֶל־לִבּוֹ׃ כִּי יָדַע עַבְדְּךָ כִּי
אֲנִי חָטָאתִי וְהִנֵּה־בָאתִי הַיּוֹם רִאשׁוֹן לְכָל־בֵּית יוֹסֵף
כב לָרֶדֶת לִקְרַאת אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ׃ וַיַּעַן אֲבִישַׁי בֶּן־צְרוּיָה
וַיֹּאמֶר הֲתַחַת זֹאת לֹא יוּמַת שִׁמְעִי כִּי קִלֵּל אֶת־מְשִׁיחַ

יד׳ חסר אליף    יט׳ בעינו קרי    כ׳ נקוד על יצא

און אַז ישראל איז אַנטלאָפן איטלעכער צו זיינע געצעלטן, 10 האָט דאָס גאַנצע פֿאָלק אין אַלע שבטים פֿון ישׂראל געטענהט, אַזוי צו זאָגן: דער מלך האָט אונדז מציל געווען פֿון דער האַנט פֿון אונדזערע פֿיינט, און ער האָט אונדז געראַטעוועט פֿון דער האַנט פֿון די פּלִשתּים, און אַצונד איז ער אַנטלאָפֿן פֿון לאַנד פֿון וועגן אַבשָלומען. 11 און אַבשָלום, וואָס מיר האָבן געזאַלבט איבער אונדז, איז אומגעקומען אין דער מלחמה, היינט פֿאַרוואָס שווייגט איר וועגן אומקערן דעם מלך?

12 און דער מלך דוד האָט געשיקט צו צָדוק און צו אֶביָתָר די כֹּהנים, אַזוי צו זאָגן: רעדט צו די עלטסטע פֿון יהודה, אַזוי צו זאָגן: פֿאַרוואָס זאָלט איר זיין די לעצטע אומצוקערן דעם מלך אין זיין הויז?—וואָרום דאָס וואָרט פֿון גאַנץ ישׂראל איז אָנגעקומען צום מלך אין זיין הויז?— 13 מיינע ברידער זייט איר, מיין ביין און מיין פֿלייש זייט איר, און פֿאַרוואָס זאָלט איר זיין די לעצטע אומצוקערן דעם מלך? 14 און צו עֲמָשָׂאָן זאָלט איר זאָגן: מיין ביין און מיין פֿלייש ביסטו דאָך. זאָל מיר גאָט טאָן אַזוי און נאָך מער, אויב דו וועסט ניט זיין ביי מיר אַלע טעג דער חיל־פֿירער אויף יוֹאָבס אָרט!

15 און ער האָט צוגענייגט דאָס האַרץ פֿון אַלע מענער פֿון יהודה אַזוי ווי איין מאַן. און זיי האָבן געשיקט צום מלך: קער זיך אום דו און אַלע דיינע קנעכט.

16 האָט דער מלך זיך אומגעקערט, און ער איז געקומען ביזן יַרדן. און יהודה איז געקומען קיין גִלגָל צו גיין אַנטקעגן דעם מלך, כּדי אַריבערצופֿירן דעם מלך איבערן יַרדן.

17 און שִמעִי דער זון פֿון גֵראָן, דער בנימינער, וואָס פֿון בַּחורים, האָט געאײַלט און אַראָפּגענידערט מיט די מענער פֿון יהודה אַנטקעגן דעם מלך דוד; 18 און מיט אים טויזנט מאַן פֿון בנימין, און ציבאָ, שָאולס קנעכט, און זיינע פֿופֿצן זין און זיינע צוואַנציק קנעכט מיט אים. און זיי זיינען אַריבער דעם יַרדן פֿאַרן מלך. 19 און דער פּראָם איז אַריבערגעקומען, כּדי אַריבערצופֿירן דעם מלכס הויזגעזינט, און צו טאָן וואָס איז גוט אין זיינע אויגן. איז שִמעִי דער זון פֿון גֵראָן געפֿאַלן פֿאַרן מלך, ווען ער האָט געוואָלט אַריבערגיין דעם יַרדן. 20 און ער האָט געזאָגט צום מלך: זאָל מיין האַר מיר ניט צורעכענען אַ זינד, און זאָלסט ניט דערמאָנען וואָס דיין קנעכט האָט פֿאַרבראָכן אין דעם טאָג וואָס מיין האַר דער מלך איז אַרויסגעגאַנגען פֿון ירושָלַים, אַז דער מלך זאָל זיך דאָס נעמען צום האַרצן. 21 וואָרום דיין קנעכט ווייס אַז איך האָב געזינדיקט, און אָט בין איך געקומען היינט דער ערשטער פֿון גאַנצן הויז פֿון יוסף, אַראָפּצונידערן אַנטקעגן מיין האַר דעם מלך.

22 האָט זיך אָפּגערופֿן אַבישַי דער זון פֿון צרויָהן, און האָט געזאָגט: זאָל ניט שִמעִי געטייט ווערן דערפֿאַר וואָס ער

האָט געשאָלטן דעם געזאַלבטן פון גאָט? 23 האָט דוד גע־
זאָגט: וואָס קער איך זיך אָן מיט אײַך, איר זין פון צרויָהן,
אַז איר זאָלט מיר הײַנט זײַן פאַר אַ שטער? זאָל הײַנט
געטײט ווערן אַ מענטש פון ישׂראל? ווארום פאַרוואָר,
ערשט ווייס איך אַז הײַנט בין איך אַ מלך איבער ישׂראל.

24 און דער מלך האָט געזאָגט צו שמעין: וועסט ניט
שטאַרבן. און דער מלך האָט אים געשוואָרן.

25 און מפיבושת, שאולס זון, האָט אַראָפּגענידערט
אַנטקעגן דעם מלך, און ער האָט ניט צורעכט געמאַכט
זײַנע פיס, און ניט צורעכט געמאַכט זײַנע וואָנסעס, און
זײַנע קליידער ניט געוואַשן, פון דעם טאָג וואָס דער מלך
איז אַוועקגעגאַנגען ביז דעם טאָג וואָס ער איז צוריקגע־
קומען בשלום.

26 און עס איז געווען, אַז ער איז געקומען קיין
ירושלַיִם דעם מלך אַנטקעגן, האָט דער מלך צו אים גע־
זאָגט: פאַרוואָס ביסטו ניט געגאַנגען מיט מיר, מפיבושת?
27 האָט ער געזאָגט: מײַן האַר מלך, מײַן קנעכט האָט מיך
גענאַרט, וואָרום דײַן קנעכט האָט געזאָגט: איך וועל מיר
אָנזאָטלען די אייזעלין, און וועל רײַטן אויף איר, און וועל
גיין מיטן מלך; ווײַל דײַן קנעכט איז אַ הינקעדיקער.
28 און ער האָט אָנגערעדט אויף דײַן קנעכט פאַר מײַן האַר
דעם מלך, אָבער מײַן האַר דער מלך איז אַזוי ווי אַ מלאך
פון גאָט; דרום טו וואָס איז גוט אין דײַנע אויגן. 29 וואָרום
דאָס גאַנצע הויז פון מײַן פאָטער איז ניט אַנדערש ווי
ווערט געווען דעם טויט בײַ מײַן האַר דעם מלך, פון דעסטוועגן האָסטו געמאַכט דײַן קנעכט צווישן די וואָס
עסן בײַ דײַן טיש, און וואָסער רעכט האָב איך נאָך, צומאָל זיך נאָך צו קלאָגן פאַרן מלך?

30 האָט דער מלך צו אים געזאָגט: צוואָס נאָך זאָלסטו רעדן דײַנע רייד? איך הייס: דו און ציבאָ זאָלט זיך טיילן
מיטן פעלד. 31 האָט מפיבושת געזאָגט צום מלך: זאָל ער אויך דאָס גאַנצע צונעמען, נאָכדעם אַז מײַן האַר דער מלך
איז געקומען בשלום אין זײַן הויז.

32 און בַּרזִלַי דער גִלעָדער האָט אַראָפּגענידערט פון רוגלים, און ער איז אַריבערגעגאַנגען מיטן מלך צום יַרדן,
כּדי אים צו באַלייטן איבערן יַרדן. 33 און בַּרזִלַי איז געווען זייער אַלט, אַ מאַן פון אַכציק יאָר; און ער האָט אויסגע־
האַלטן דעם מלך ווען ער איז געזעסן אין מַחנַיִם, וואָרום ער איז געווען זייער אַ רייכער מאַן.

34 האָט דער מלך געזאָגט צו בַּרזִלַין: קום דו אַריבער מיט מיר, און איך וועל דיך אויסהאַלטן בײַ מיר אין ירושָלַיִם.
35 האָט בַּרזִלַי געזאָגט צום מלך: ווי פיל נאָך זײַנען די טעג פון די יאָרן פון מײַן לעבן, אַז איך זאָל אַרויפגיין מיטן מלך קיין
ירושָלַיִם? 36 איך בין הײַנט אַ מאַן פון אַכציק יאָר; וועל איך דען וויסן צווישן גוטס און שלעכטס? וועט דען דײַן קנעכט
שפּירן אַ טעם אין וואָס איך וועל עסן און וואָס איך וועל טרינקען? קען איך דען נאָך הערן דעם קול פון זינגערס און
זינגערינס? און צוואָס זאָל דײַן קנעכט נאָך זײַן צו לאַסט אויף מײַן האַר דעם מלך? 37 קוים קען דײַן קנעכט אַריבערגיין

כג יְהוָה: וַיֹּאמֶר דָּוִד מַה־לִּי וְלָכֶם בְּנֵי צְרוּיָה כִּי־תִהְיוּ־לִי
הַיּוֹם לְשָׂטָן הַיּוֹם יוּמַת אִישׁ בְּיִשְׂרָאֵל כִּי הֲלוֹא יָדַעְתִּי
כד כִּי הַיּוֹם אֲנִי־מֶלֶךְ עַל־יִשְׂרָאֵל: וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֶל־שִׁמְעִי
כה לֹא תָמוּת וַיִּשָּׁבַע לוֹ הַמֶּלֶךְ: וּמְפִבֹשֶׁת בֶּן־שָׁאוּל
יָרַד לִקְרַאת הַמֶּלֶךְ וְלֹא־עָשָׂה רַגְלָיו וְלֹא־עָשָׂה שְׂפָמוֹ
וְאֶת־בְּגָדָיו לֹא כִבֵּס לְמִן־הַיּוֹם לֶכֶת הַמֶּלֶךְ עַד־הַיּוֹם
כו אֲשֶׁר־בָּא בְשָׁלוֹם: וַיְהִי כִּי־בָא יְרוּשָׁלַםִ לִקְרַאת הַמֶּלֶךְ
כז וַיֹּאמֶר לוֹ הַמֶּלֶךְ לָמָּה לֹא־הָלַכְתָּ עִמִּי מְפִיבֹשֶׁת: וַיֹּאמַר
אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ עַבְדִּי רִמָּנִי כִּי־אָמַר עַבְדְּךָ אֶחְבְּשָׁה־לִּי
הַחֲמוֹר וְאֶרְכַּב עָלֶיהָ וְאֵלֵךְ אֶת־הַמֶּלֶךְ כִּי פִסֵּחַ עַבְדֶּךָ:
כח וַיְרַגֵּל בְּעַבְדְּךָ אֶל־אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ וַאדֹנִי הַמֶּלֶךְ כְּמַלְאַךְ
כט הָאֱלֹהִים וַעֲשֵׂה הַטּוֹב בְּעֵינֶיךָ: כִּי לֹא הָיָה כָּל־בֵּית
אָבִי כִּי אִם־אַנְשֵׁי־מָוֶת לַאדֹנִי הַמֶּלֶךְ וַתָּשֶׁת אֶת־עַבְדְּךָ
בְּאֹכְלֵי שֻׁלְחָנֶךָ וּמַה־יֶּשׁ־לִי עוֹד צְדָקָה וְלִזְעֹק עוֹד אֶל־
ל הַמֶּלֶךְ: וַיֹּאמֶר לוֹ הַמֶּלֶךְ לָמָּה תְּדַבֵּר עוֹד דְּבָרֶיךָ
לא אָמַרְתִּי אַתָּה וְצִיבָא תַּחְלְקוּ אֶת־הַשָּׂדֶה: וַיֹּאמֶר מְפִיבֹשֶׁת
אֶל־הַמֶּלֶךְ גַּם אֶת־הַכֹּל יִקָּח אַחֲרֵי אֲשֶׁר־בָּא אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ
לב בְּשָׁלוֹם אֶל־בֵּיתוֹ: וּבַרְזִלַּי הַגִּלְעָדִי יָרַד מֵרֹגְלִים
לג וַיַּעֲבֹר אֶת־הַמֶּלֶךְ הַיַּרְדֵּן לְשַׁלְּחוֹ אֶת־בַּיַּרְדֵּן: וּבַרְזִלַּי זָקֵן
מְאֹד בֶּן־שְׁמֹנִים שָׁנָה וְהוּא־כִלְכַּל אֶת־הַמֶּלֶךְ בְּשִׁיבָתוֹ
לד בְמַחֲנַיִם כִּי־אִישׁ גָּדוֹל הוּא מְאֹד: וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֶל־
בַּרְזִלָּי אַתָּה עֲבֹר אִתִּי וְכִלְכַּלְתִּי אֹתְךָ עִמָּדִי בִּירוּשָׁלִָם:
לה וַיֹּאמֶר בַּרְזִלַּי אֶל־הַמֶּלֶךְ כַּמָּה יְמֵי שְׁנֵי חַיַּי כִּי־אֶעֱלֶה
לו אֶת־הַמֶּלֶךְ יְרוּשָׁלִָם: בֶּן־שְׁמֹנִים שָׁנָה אָנֹכִי הַיּוֹם הַאֵדַע
בֵּין־טוֹב לְרָע אִם־יִטְעַם עַבְדְּךָ אֶת־אֲשֶׁר אֹכַל וְאֶת־אֲשֶׁר
אֶשְׁתֶּה אִם־אֶשְׁמַע עוֹד בְּקוֹל שָׁרִים וְשָׁרוֹת וְלָמָּה יִהְיֶה
לז עַבְדְּךָ עוֹד לְמַשָּׂא אֶל־אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ: כִּמְעַט יַעֲבֹר עַבְדְּךָ

כז׳ ניא אל   לב׳ הירדן קרי

אֶת־הַיַּרְדֵּן אֶת־הַמֶּלֶךְ וְלָמָּה יִגְמְלֵנִי הַמֶּלֶךְ הַגְּמוּלָה
הַזֹּאת׃ יָשָׁב־נָא עַבְדְּךָ וְאָמֻת בְּעִירִי עִם קֶבֶר אָבִי וְאִמִּי לח
וְהִנֵּה ׀ עַבְדְּךָ כִמְהָם יַעֲבֹר עִם־אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ וַעֲשֵׂה־לוֹ
אֵת אֲשֶׁר־טוֹב בְּעֵינֶיךָ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אִתִּי יַעֲבֹר כִּמְהָם לט
וַאֲנִי אֶעֱשֶׂה־לּוֹ אֶת־הַטּוֹב בְּעֵינֶיךָ וְכֹל אֲשֶׁר־תִּבְחַר עָלַי
אֶעֱשֶׂה־לָּךְ׃ וַיַּעֲבֹר כָּל־הָעָם אֶת־הַיַּרְדֵּן וְהַמֶּלֶךְ עָבָר וַיִּשַּׁק מ
הַמֶּלֶךְ לְבַרְזִלַּי וַיְבָרְכֵהוּ וַיָּשָׁב לִמְקֹמוֹ׃ וַיַּעֲבֹר הַמֶּלֶךְ מא
הַגִּלְגָּלָה וְכִמְהָן עָבַר עִמּוֹ וְכָל־עַם יְהוּדָה וַיַּעֲבִירוּ אֶת־
הַמֶּלֶךְ וְגַם חֲצִי עַם יִשְׂרָאֵל׃ וְהִנֵּה כָל־אִישׁ יִשְׂרָאֵל מב
בָּאִים אֶל־הַמֶּלֶךְ וַיֹּאמְרוּ אֶל־הַמֶּלֶךְ מַדּוּעַ גְּנָבוּךָ אַחֵינוּ
אִישׁ יְהוּדָה וַיַּעֲבִרוּ אֶת־הַמֶּלֶךְ וְאֶת־בֵּיתוֹ אֶת־הַיַּרְדֵּן
וְכָל־אַנְשֵׁי דָוִד עִמּוֹ׃ וַיַּעַן כָּל־אִישׁ יְהוּדָה עַל־אִישׁ מג
יִשְׂרָאֵל כִּי־קָרוֹב הַמֶּלֶךְ אֵלַי וְלָמָּה זֶּה חָרָה לְךָ עַל־
הַדָּבָר הַזֶּה הֶאָכוֹל אָכַלְנוּ מִן־הַמֶּלֶךְ אִם־נִשֵּׂאת נִשָּׂא לָנוּ׃
וַיַּעַן אִישׁ־יִשְׂרָאֵל אֶת־אִישׁ יְהוּדָה וַיֹּאמֶר עֶשֶׂר־ מד
יָדוֹת לִי בַמֶּלֶךְ וְגַם־בְּדָוִד אֲנִי מִמְּךָ וּמַדּוּעַ הֱקִלֹּתַנִי וְלֹא־
הָיָה דְבָרִי רִאשׁוֹן לִי לְהָשִׁיב אֶת־מַלְכִּי וַיִּקֶשׁ דְּבַר־אִישׁ
יְהוּדָה מִדְּבַר אִישׁ יִשְׂרָאֵל׃

כ

וְשָׁם נִקְרָא אִישׁ בְּלִיַּעַל וּשְׁמוֹ שֶׁבַע בֶּן־בִּכְרִי אִישׁ יְמִינִי א
וַיִּתְקַע בַּשֹּׁפָר וַיֹּאמֶר אֵין־לָנוּ חֵלֶק בְּדָוִד וְלֹא נַחֲלָה־
לָנוּ בְּבֶן־יִשַׁי אִישׁ לְאֹהָלָיו יִשְׂרָאֵל׃ וַיַּעַל כָּל־אִישׁ יִשְׂרָאֵל ב
מֵאַחֲרֵי דָוִד אַחֲרֵי שֶׁבַע בֶּן־בִּכְרִי וְאִישׁ יְהוּדָה דָּבְקוּ
בְמַלְכָּם מִן־הַיַּרְדֵּן וְעַד־יְרוּשָׁלָםִ׃ וַיָּבֹא דָוִד אֶל־בֵּיתוֹ ג
יְרוּשָׁלַםִ וַיִּקַּח הַמֶּלֶךְ אֵת עֶשֶׂר־נָשִׁים ׀ פִּלַגְשִׁים אֲשֶׁר
הִנִּיחַ לִשְׁמֹר הַבַּיִת וַיִּתְּנֵם בֵּית־מִשְׁמֶרֶת וַיְכַלְכְּלֵם
וַאֲלֵיהֶם לֹא־בָא וַתִּהְיֶינָה צְרֻרוֹת עַד־יוֹם מֻתָן אַלְמְנוּת

יט, מא׳ העבירו קרי

דעם יַרדן מיטן מלך; און נאָך וואָס זאָל מיר דער מלך פאַרגעלטן דידאָזיקע פאַרגעלטונג? [38] זאָל, איך בעט דיך, דיין קנעכט זיך אומקערן, און לאָמיך שטאַרבן אין מיין שטאָט ביים קבר פון מיין פאָטער און מיין מוטער. אָבער אָט איז דיין קנעכט כּמהָם, זאָל ער אַריבערגיין מיט מיין האַר דעם מלך, און טו מיט אים וואָס איז גוט אין דיינע אויגן.

[39] האָט דער מלך געזאָגט: זאָל כּמהָם אַריבערגיין מיט מיר, און איך וועל טאָן מיט אים וואָס איז גוט אין דיינע אויגן; און אַלץ וואָס דו וועסט פאַרלאַנגען פון מיר, וועל איך דיר טאָן.

[40] און דאָס גאַנצע פאָלק איז אַריבערגעגאַנגען דעם יַרדן, און דער מלך איז אַריבערגעגאַנגען. און דער מלך האָט געקושט בּרזלַין, און האָט אים געבענטשט. און ער האָט זיך אומגעקערט אין זיין היים.

[41] און דער מלך איז אַריבערגעגאַנגען קיין גִלגָל, און כּמהָם איז אַריבערגעגאַנגען מיט אים, און דאָס גאַנצע פאָלק פון יהודה, און אויך אַ העלפט פון דעם פאָלק פון ישראל, האָבן אַריבערגעפירט דעם מלך.

[42] ערשט אַלע מענער פון ישראל זיינען געקומען צום מלך, און זיי האָבן געזאָגט צום מלך: פאַרוואָס האָבן דיך אַוועקגעגנבעט אונדזערע ברידער, די מענער פון יהודה, און האָבן אַריבערגעפירט דעם מלך און זיין הויז געזינט איבערן יַרדן, און אַלע מענטשן פון דודן מיט אים? [43] האָבן אַלע מענער פון יהודה געענטפערט די מענער פון ישראל: ווייל דער מלך איז אונדז אַ קרוב. און פאַרוואָס דען פאַרדריסט אייך אויף דערדאָזיקער זאַך? האָבן מיר דען עסן געגעסן פון דעם מלכס? צי איז אונדז אַ געשאַנק געשאָנקען געוואָרן? [44] האָבן די מענער פון ישראל געענטפערט די מענער פון יהודה, און געזאָגט: מיר האָבן צען חלקים אין מלך, און מיר זיינען אויך בילכער אויף דודן פון אייך, היינט פאַרוואָס האָט איר אונדז צו קליין געמאַכט? און איז ניט אונדזער וואָרט געווען דאָס ערשטע אומצוקערן אונדזער מלך?

און די ווערטער פון די מענער פון יהודה זיינען געווען האַרטער ווי די ווערטער פון די מענער פון ישראל.

כ [1] און דאָרטן האָט זיך געטראָפן אַ נידערטרעכטיקער מאַן וואָס זיין נאָמען איז געווען שֶבַע דער זון פון בִכרין, אַ מאַן אַ בנימינער; האָט ער געבלאָזן אין שופר, און האָט געזאָגט:

מיר האָבן ניט קיין חלק אין דודן,
און מיר האָבן ניט קיין ירושה אין דעם זון פון יִשַין.
איטלעכער צו זיינע געצעלטן, ישראל!

[2] און אַלע מענער פון ישראל זיינען אַוועקגעגאַנגען פון הינטער דודן נאָך שֶבַע דעם זון פון בִכרין, נאָר די מענער פון יהודה זיינען געווען באַהעפט אָן זייער מלך, פון יַרדן און ביז ירושָלַיִם.

[3] און דוד איז געקומען אין זיין הויז אין ירושָלַיִם; און דער מלך האָט גענומען די צען קעפּסווייבער וואָס ער האָט געלאָזן צו היטן דאָס הויז, און ער האָט זיי אַריינגעזעצט אין אַ וואַכהויז, און האָט זיי אויסגעהאַלטן, אָבער ער איז צו זיי ניט געקומען. און זיי זיינען געווען איינגעשפּאַרט ביז דעם טאָג פון זייער טויט, לעבעדיקע אַלמנות.

ד חָיוּת׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֶל־עֲמָשָׂא הַזְעֶק־לִי אֶת־אִישׁ־
ה יְהוּדָה שְׁלֹשֶׁת יָמִים וְאַתָּה פֹּה עֲמֹד׃ וַיֵּלֶךְ עֲמָשָׂא
ו לְהַזְעִיק אֶת־יְהוּדָה וַיֹּיחֶר מִן־הַמּוֹעֵד אֲשֶׁר יְעָדוֹ׃ וַיֹּאמֶר
דָּוִד אֶל־אֲבִישַׁי עַתָּה יֵרַע לָנוּ שֶׁבַע בֶּן־בִּכְרִי מִן־אַבְשָׁלוֹם
אַתָּה קַח אֶת־עַבְדֵי אֲדֹנֶיךָ וּרְדֹף אַחֲרָיו פֶּן־מָצָא לוֹ
ז עָרִים בְּצֻרוֹת וְהִצִּיל עֵינֵנוּ׃ וַיֵּצְאוּ אַחֲרָיו אַנְשֵׁי יוֹאָב
וְהַכְּרֵתִי וְהַפְּלֵתִי וְכָל־הַגִּבֹּרִים וַיֵּצְאוּ מִירוּשָׁלִַם לִרְדֹּף
ח אַחֲרֵי שֶׁבַע בֶּן־בִּכְרִי׃ הֵם עִם־הָאֶבֶן הַגְּדוֹלָה אֲשֶׁר
בְּגִבְעוֹן וַעֲמָשָׂא בָּא לִפְנֵיהֶם וְיוֹאָב חָגוּר ׀ מִדּוֹ לְבֻשׁוֹ
וְעָלָו חֲגוֹר חֶרֶב מְצֻמֶּדֶת עַל־מָתְנָיו בְּתַעְרָהּ וְהוּא יָצָא
ט וַתִּפֹּל׃ וַיֹּאמֶר יוֹאָב לַעֲמָשָׂא הֲשָׁלוֹם אַתָּה אָחִי וַתֹּחֶז
י יַד־יְמִין יוֹאָב בִּזְקַן עֲמָשָׂא לִנְשָׁק־לוֹ׃ וַעֲמָשָׂא לֹא־נִשְׁמַר
בַּחֶרֶב ׀ אֲשֶׁר בְּיַד־יוֹאָב וַיַּכֵּהוּ בָהּ אֶל־הַחֹמֶשׁ וַיִּשְׁפֹּךְ
מֵעָיו אַרְצָה וְלֹא־שָׁנָה לוֹ וַיָּמֹת וְיוֹאָב וַאֲבִישַׁי אָחִיו
יא רָדַף אַחֲרֵי שֶׁבַע בֶּן־בִּכְרִי׃ וְאִישׁ עָמַד עָלָיו מִנַּעֲרֵי יוֹאָב
וַיֹּאמֶר מִי אֲשֶׁר חָפֵץ בְּיוֹאָב וּמִי אֲשֶׁר־לְדָוִד אַחֲרֵי יוֹאָב׃
יב וַעֲמָשָׂא מִתְגֹּלֵל בַּדָּם בְּתוֹךְ הַמְסִלָּה וַיַּרְא הָאִישׁ כִּי־
עָמַד כָּל־הָעָם וַיַּסֵּב אֶת־עֲמָשָׂא מִן־הַמְסִלָּה הַשָּׂדֶה וַיַּשְׁלֵךְ
יג עָלָיו בֶּגֶד כַּאֲשֶׁר רָאָה כָּל־הַבָּא עָלָיו וְעָמָד׃ כַּאֲשֶׁר
הֹגָה מִן־הַמְסִלָּה עָבַר כָּל־אִישׁ אַחֲרֵי יוֹאָב לִרְדֹּף
יד אַחֲרֵי שֶׁבַע בֶּן־בִּכְרִי׃ וַיַּעֲבֹר בְּכָל־שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל אָבֵלָה
וּבֵית מַעֲכָה וְכָל־הַבֵּרִים וַיִּקָּלֲהוּ וַיָּבֹאוּ אַף־אַחֲרָיו׃
טו וַיָּבֹאוּ וַיָּצֻרוּ עָלָיו בְּאָבֵלָה בֵּית הַמַּעֲכָה וַיִּשְׁפְּכוּ סֹלְלָה
אֶל־הָעִיר וַתַּעֲמֹד בַּחֵל וְכָל־הָעָם אֲשֶׁר אֶת־יוֹאָב
טז מַשְׁחִיתִם לְהַפִּיל הַחוֹמָה׃ וַתִּקְרָא אִשָּׁה חֲכָמָה מִן־
הָעִיר שִׁמְעוּ שִׁמְעוּ אִמְרוּ־נָא אֶל־יוֹאָב קְרַב עַד־הֵנָּה
יז וַאֲדַבְּרָה אֵלֶיךָ׃ וַיִּקְרַב אֵלֶיהָ וַתֹּאמֶר הָאִשָּׁה הַאַתָּה

ה׳ ויוחר קרי   ח׳ ועליו קרי   ט׳ חסר א׳   יד׳ ויקהלו קרי

[4] און דער מלך האָט געזאָגט צו עֲמָשָׂאָן: רוף מיר צונויף די מענער פון יהודה אין דריי טעג, דערנאָך שטעל זיך דו דאָ.

[5] איז עֲמָשָׂא געגאַנגען צונויפרופן יהודה, און ער האָט זיך געזאַמט איבער דער צייט וואָס ער האָט אים געשטעלט. [6] האָט דוד געזאָגט צו אֲבִישַׁין: אַצונד וועט אונדז שֶׁבַע דער זון פון בִּכְרִין אָנטאָן מער שלעכטס ווי אַבְשָׁלוֹם. דו נעם די קנעכט פון דיין האַר, און יאָג אים נאָך, טאָמער געפינט ער באַפעסטיקטע שטעט, און וועט זיך אַרויסמאַכן פון אונדזערע אויגן.

[7] זיינען אַרויסגעגאַנגען הינטער אים די מענטשן פון יוֹאָבן, און די כְּרֵתִים און די פְּלֵתִים, און אַלע גִבּוֹרִים, און זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען פון ירושָׁלַיִם נאָכצויאָגן שֶׁבַע דעם זון פון בִּכְרִין. [8] ווי זיי זיינען ביים גרויסן שטיין וואָס אין גִבְעוֹן, אַזוי איז עֲמָשָׂא אָנגעקומען אַנטקעגן זיי. און יוֹאָב איז געווען אָנגעגורט אין זיין וואַפנקלייד, און דערויף איז געווען אַ גאַרטל מיט אַ שווערד באַהעפט צו זיינע לענדן אין איר שייד; און ווי ער איז אַרויסגעגאַנגען, אַזוי איז זי אַרויסגעפאַלן. [9] האָט יוֹאָב געזאָגט צו עֲמָשָׂאָן: איז פריד צו דיר, מיין ברודער? און יוֹאָבס רעכטע האַנט האָט אָנגענומען עֲמָשָׂאָן פאַרן באָרד, כּדי אים צו קושן. [10] און עֲמָשָׂא האָט זיך ניט געהיט פאַר דער שווערד וואָס אין יוֹאָבס האַנט; האָט ער אים אַ זעץ געטאָן מיט איר אין בויך, און אַרויסגעלאָזט זיינע אינגעווייד אויף דער ערד, און ניט געדאַרפט אים טאָן אַ צווייטן; און ער איז געשטאָרבן.

און יוֹאָב און זיין ברודער אֲבִישַׁי האָבן נאָכגעיאָגט שֶׁבַע דעם זון פון בִּכְרִין. [11] און אַ מאַן פון יוֹאָבס יונגען איז געשטאַנען איבער אים, און האָט געזאָגט: ווער עס וויל יוֹאָבן, און ווער עס איז פאַר דודן, הינטער יוֹאָבן! [12] און עֲמָשָׂא האָט זיך געקייקלט אין בלוט אויפן מיטן וועג; און אַז דער מאַן האָט געזען, אַז דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך אָפּגעשטעלט, און ער האָט אָפּגעדרייט עֲמָשָׂאָן פון וועג אויפן פעלד, און אַרויפגעוואָרפן אויף אים אַ בגד, ווען ער האָט געזען אַז איטלעכער וואָס איז צוגעקומען לעבן אים, האָט זיך אָפּגעשטעלט. [13] אַז ער איז אַוועקגענומען געוואָרן פון וועג, איז איטלעכער געגאַנגען הינטער יוֹאָבן, נאָכצויאָגן שֶׁבַע דעם זון פון בִּכְרִין.

[14] און ער איז דורכגעגאַנגען דורך אַלע שבטים פון ישׂראל ביז אָבֵל און בֵּית־מַעֲכָה, און אַלע בֵּרִים; און זיי האָבן זיך איינגעזאַמלט, און זיינען אויך געגאַנגען הינטער אים. [15] און זיי זיינען געקומען און האָבן געלעגערט אויף אים אין אָבֵל פון בֵּית־מַעֲכָה, און זיי האָבן אָנגעשאָטן אַן ערדוואַל אַרום דער שטאָט, און עס איז געשטאַנען אין דעם פעסטונג־גראָבן. און דאָס גאַנצע פאָלק וואָס מיט יוֹאָבן האָבן געהאַלטן אין צעשטערן, כּדי איינצוּוואַרפן די מויער.

[16] האָט אַ קלוגע פרוי גערופן פון דער שטאָט: הערט! הערט! זאָגט, איך בעט אייך, צו יוֹאָבן: גענען ביז אַהער, און איך וועל רעדן צו דיר. [17] האָט ער גענענט צו איר, און די פרוי האָט געזאָגט: ביסט דו

יוֹאָב וַיֹּאמֶר אָנִי וַתֹּאמֶר לוֹ שְׁמַע דִּבְרֵי אֲמָתֶךָ וַיֹּאמֶר
שֹׁמֵעַ אָנֹכִי׃ וַתֹּאמֶר לֵאמֹר דַּבֵּר יְדַבְּרוּ בָרִאשֹׁנָה לֵאמֹר יח
שָׁאוֹל יְשָׁאֲלוּ בְּאָבֵל וְכֵן הֵתַמּוּ׃ אָנֹכִי שְׁלֻמֵי אֱמוּנֵי יט
יִשְׂרָאֵל אַתָּה מְבַקֵּשׁ לְהָמִית עִיר וְאֵם בְּיִשְׂרָאֵל לָמָּה
תְבַלַּע נַחֲלַת יְהוָה׃ וַיַּעַן יוֹאָב וַיֹּאמַר חָלִילָה חָלִילָה כ
לִי אִם־אֲבַלַּע וְאִם־אַשְׁחִית׃ לֹא־כֵן הַדָּבָר כִּי אִישׁ מֵהַר כא
אֶפְרַיִם שֶׁבַע בֶּן־בִּכְרִי שְׁמוֹ נָשָׂא יָדוֹ בַּמֶּלֶךְ בְּדָוִד תְּנוּ־
אֹתוֹ לְבַדּוֹ וְאֵלְכָה מֵעַל הָעִיר וַתֹּאמֶר הָאִשָּׁה אֶל־יוֹאָב
הִנֵּה רֹאשׁוֹ מֻשְׁלָךְ אֵלֶיךָ בְּעַד הַחוֹמָה׃ וַתָּבוֹא הָאִשָּׁה כב
אֶל־כָּל־הָעָם בְּחָכְמָתָהּ וַיִּכְרְתוּ אֶת־רֹאשׁ שֶׁבַע בֶּן־בִּכְרִי
וַיַּשְׁלִכוּ אֶל־יוֹאָב וַיִּתְקַע בַּשֹּׁפָר וַיָּפֻצוּ מֵעַל־הָעִיר אִישׁ
לְאֹהָלָיו וְיוֹאָב שָׁב יְרוּשָׁלִַם אֶל־הַמֶּלֶךְ׃ וְיוֹאָב אֶל כג
כָּל־הַצָּבָא יִשְׂרָאֵל וּבְנָיָה בֶּן־יְהוֹיָדָע עַל־הַכְּרֵי וְעַל־
הַפְּלֵתִי׃ וַאֲדֹרָם עַל־הַמַּס וִיהוֹשָׁפָט בֶּן־אֲחִילוּד הַמַּזְכִּיר׃ כד
וּשְׁיָא סֹפֵר וְצָדוֹק וְאֶבְיָתָר כֹּהֲנִים׃ וְגַם עִירָא הַיָּאִרִי הָיָה כה כו
כֹהֵן לְדָוִד׃

כא

וַיְהִי רָעָב בִּימֵי דָוִד שָׁלֹשׁ שָׁנִים שָׁנָה אַחֲרֵי שָׁנָה וַיְבַקֵּשׁ א
דָּוִד אֶת־פְּנֵי יְהוָה ׀ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־שָׁאוּל
וְאֶל־בֵּית הַדָּמִים עַל אֲשֶׁר־הֵמִית אֶת־הַגִּבְעֹנִים׃ וַיִּקְרָא ב
הַמֶּלֶךְ לַגִּבְעֹנִים וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם וְהַגִּבְעֹנִים לֹא מִבְּנֵי יִשְׂרָאֵל
הֵמָּה כִּי אִם־מִיֶּתֶר הָאֱמֹרִי וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל נִשְׁבְּעוּ לָהֶם
וַיְבַקֵּשׁ שָׁאוּל לְהַכֹּתָם בְּקַנֹּאתוֹ לִבְנֵי־יִשְׂרָאֵל וִיהוּדָה׃
וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־הַגִּבְעֹנִים מָה אֶעֱשֶׂה לָכֶם וּבַמָּה אֲכַפֵּר ג
וּבָרְכוּ אֶת־נַחֲלַת יְהוָה׃ וַיֹּאמְרוּ לוֹ הַגִּבְעֹנִים אֵין־לִי ד
כֶּסֶף וְזָהָב עִם־שָׁאוּל וְעִם־בֵּיתוֹ וְאֵין־לָנוּ אִישׁ לְהָמִית
בְּיִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר מָה־אַתֶּם אֹמְרִים אֶעֱשֶׂה לָכֶם׃ וַיֹּאמְרוּ ה

---

כ, כג׳ הכרתי קרי    כד׳ פתח באתנח    כה׳ ושוא קרי
כא, א׳ פסקא באמצע פסוק    ד׳ לנו קרי

יוֹאָב? האָט ער געזאָגט: איך. האָט זי צו אים געזאָגט: הער די ווערטער פון דיין דינסט. האָט ער געזאָגט: איך הער. [18] האָט זי געזאָגט, אַזוי צו זאָגן: רעדן האָט מען געזאָלט רעדן צוערשט, אַזוי צו זאָגן, פרעגן האָט מען געזאָלט פרעגן ביי אָבֵל, און אַזוי אַרום וואָלט מען אָפּגעענדיקט. [19] מיר זיינען פרידלעכע געטרייע פון ישראל; ווילסטו טייטן אַ שטאָט און אַ מוטער אין ישראל? נאָך וואָס זאָלסטו אומברענגען די נחלה פון גאָט? [20] האָט יוֹאָב געענטפערט און געזאָגט: חלילה, חלילה מיר, אויב איך וועל אומברענגען און אויב איך וועל צעשטערן! [21] ניט אַזוי איז די זאַך; נייערט אַ מאַן פון דעם געבערג פון אפרים, וואָס זיין נאָמען איז שֶׁבַע דער זון פון בִּכרין, האָט אויפגעהויבן זיין האַנט אַקעגן דעם מלך, אַקעגן דודן. גיט אַרויס אים אַליין, און איך וועל אַוועקגיין פון דער שטאָט. האָט די פרוי געזאָגט צו יוֹאָבן: אָט ווערט דיר זיין קאָפּ אַראָפּגעוואָרפן פון דער מויער.

[22] און די פרוי איז געקומען צו דעם גאַנצן פאָלק מיט איר חכמה, און זיי האָבן אָפּגעשניטן דעם קאָפּ פון שֶׁבַע דעם זון פון בִּכרין, און אַראָפּגעוואָרפן צו יוֹאָבן. און ער האָט געבלאָזן אין שופר, און זיי האָבן זיך צעשפּרייט פון דער שטאָט, איטלעכער צו זיינע געצעלטן. און יוֹאָב האָט זיך אומגעקערט קיין ירושָלַים צום מלך.

[23] און יוֹאָב איז געווען איבער דעם גאַנצן חיל פון ישראל; און בְּנָיָה דער זון פון יהוֹיָדָען, איבער די כְּרֵתים און איבער די פְּלֵתים; [24] און אַדוֹרָם, איבער דעם צינז; און יהוֹשָׁפָט דער זון פון אַחִילוּדן, דער דערמאָנער; [25] און שְׁנָא, דער שרייבער; און צָדוֹק און אֶבְיָתָר, כֹּהנים. [26] און אויך עִירָא פון יָאִיר איז געווען אַן אויבערמאַן ביי דודן.

## כא

[1] און עס איז געווען אַ הונגער אין די טעג פון דודן, דריי יאָר, אַ יאָר נאָך אַ יאָר, און דוד האָט געזוכט דעם פּנים פון גאָט. האָט גאָט געזאָגט: דאָס איז פון וועגן שָׁאולן און פון וועגן דעם בלוטיקן הויז, פאַרוואָס ער האָט געטייט די גִבְעוֹנים.

[2] האָט דער מלך גערופן די גִבְעוֹנים, און ער האָט צו זיי גערעדט—און די גִבְעוֹנים זיינען ניט געווען פון די קינדער פון ישראל, נאָר פון דעם איבערבלייב פון אֱמוֹרי; און די קינדער פון ישראל האָבן געשוואָרן צו זיי; און שָׁאול האָט זיי געזוכט צו דערשלאָגן אין זיין אייפערדיקייט פאַר די קינדער פון ישראל און יהודה—[3] און דוד האָט געזאָגט צו די גִבְעוֹנים: וואָס זאָל איך אייך טאָן, און מיט וואָס קען איך מכפּר זיין, אַז איר זאָלט בענטשן די נחלה פון גאָט? [4] האָבן די גִבְעוֹנים צו אים געזאָגט: אונדז קומט ניט קיין זילבער און גאָלד פון שָׁאולן און פון זיין הויז, און אונדז גייט ניט דערום צו טייטן אַ מענטשן פון ישראל. האָט ער געזאָגט: וואָס פאַרלאַנגט איר, איך זאָל אייך טאָן? [5] האָבן זיי געזאָגט

צום מלך: דער מאַן וואָס האָט אונדז פאַרלענדט, און
וואָס האָט געפּלאַנט קעגן אונדז ביז מיר זיינען פאַר־
טיליקט געוואָרן פון צו האָבן אַ באַשטאַנד אין גאַנצן גבול
פון ישׂראל, 6 פון זיינע קינדער זאָלן אונדז איבערגעגעבן
ווערן זיבן מאַן, און מיר וועלן זיי אויפהענגען פאַר גאָט
אויפן בערגל פון שָׁאולן[א], דעם אויסדערוויילטן פון גאָט.
האָט דער מלך געזאָגט: איך וועל געבן.

7 און דער מלך האָט געשוינט מפיבושֶׁת דעם זון פון
יהוֹנָתָן דעם זון פון שָׁאולן, איבער דער שבועה פון גאָט
וואָס צווישן זיי, צווישן דודן און צווישן יהוֹנָתָן דעם זון פון
שָׁאולן. 8 האָט דער מלך גענומען די צוויי זין פון רִצפָּה
דער טאָכטער פון אַיָהן, וואָס זי האָט געבאָרן פון שָׁאולן,
אַרמונין און מפיבושֶׁתן, און די פינף זין פון מיכל דער
טאָכטער פון שָׁאולן, וואָס זי האָט געבאָרן פון עַדריאֵל
דעם זון פון בַּרזִלַין, פון מחוֹלָה; 9 און ער האָט זיי
איבערגעגעבן אין דער האַנט פון די גִבעונים, און זיי האָבן
זיי אויפגעהאַנגען אויפן באַרג פאַר גאָט; און זיי זיינען
אומגעקומען אַלע זיבן אין איינעם. און זיי זיינען געטייט
געוואָרן אין די ערשטע טעג פון שניט, אין אָנהייב גערשטנ־
שניט.

10 און רִצפָּה די טאָכטער פון אַיָהן האָט גענומען
אַ זאַק, און האָט עס זיך אויסגעשפּרייט אויפן פעלז, פון
אָנהייב שניט ביז עס האָט זיך אַראָפּגעגאָסן אויף זיי
וואַסער פון הימל. און זי האָט ניט געלאָזט אַ פויגל פון
הימל זיך אַראָפּלאָזן אויף זיי ביי טאָג, און אַ חיה פון פעלד ביי נאַכט.

11 איז דערציילט געוואָרן דודן וואָס רִצפָּה די טאָכטער פון אַיָהן, די קעפּסווייב פון שָׁאולן, האָט געטאָן.
12 איז דוד געגאַנגען, און האָט גענומען די ביינער פון שָׁאולן, און די ביינער פון יהוֹנָתָן זיין זון, פון די מענער פון יָבֵיש־
גִלעָד, וואָס האָבן זיי אַוועקגעגנבעט פון דעם מאַרק פון בֵּית־שָׁן וואָס די פּלִשתּים האָבן זיי דאָרטן געהאַט אויפגע־
האַנגען, אין דעם טאָג וואָס די פּלִשתּים האָבן געשלאָגן שָׁאולן אין גִלבוֹעַ. 13 און ער האָט אַרויפגעבראַכט פון דאָרטן
די ביינער פון שָׁאולן, און די ביינער פון יהוֹנָתָן זיין זון; און מע האָט אויפגעקליבן די ביינער פון די געהאַנגענע. 14 און
מע האָט באַגראָבן די ביינער פון שָׁאולן און יהוֹנָתָן זיין זון אין לאַנד בנימין, אין צֵלָע, אין דעם קבר פון זיין פאָטער
קישן; און מע האָט געטאָן אַלץ וואָס דער מלך האָט באַפוילן.

און גאָט האָט זיך איבערגעבעטן צום לאַנד נאָך דעם.

15 און די פּלִשתּים האָבן ווידער געהאַט אַ מלחמה מיט ישׂראל, און דוד און זיינע קנעכט מיט אים האָבן
אַראָפּגענידערט, און האָבן מלחמה געהאַלטן מיט די פּלִשתּים, און דוד איז אָפּגעשלאַפט געוואָרן. 16 און יִשבּי־
בנוֹב וואָס איז געווען פון די קינדער פון דעם רָפָהב[ב], און די וואָג פון זיין שפּיז איז געווען דריי הונדערט שֶׁקל קופּער,

אֶל־הַמֶּלֶךְ הָאִישׁ אֲשֶׁר כִּלָּנוּ וַאֲשֶׁר דִּמָּה־לָנוּ נִשְׁמַדְנוּ
ו מֵהִתְיַצֵּב בְּכָל־גְּבֻל יִשְׂרָאֵל׃ יֻנְתַּן־לָנוּ שִׁבְעָה אֲנָשִׁים
מִבָּנָיו וְהוֹקַעֲנוּם לַיהוָה בְּגִבְעַת שָׁאוּל בְּחִיר יְהוָה
ז * וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֲנִי אֶתֵּן׃ וַיַּחְמֹל הַמֶּלֶךְ עַל־מְפִיבֹשֶׁת
בֶּן־יְהוֹנָתָן בֶּן־שָׁאוּל עַל־שְׁבֻעַת יְהוָה אֲשֶׁר בֵּינֹתָם בֵּין
ח דָּוִד וּבֵין יְהוֹנָתָן בֶּן־שָׁאוּל׃ וַיִּקַּח הַמֶּלֶךְ אֶת־שְׁנֵי בְּנֵי
רִצְפָּה בַת־אַיָּה אֲשֶׁר יָלְדָה לְשָׁאוּל אֶת־אַרְמֹנִי וְאֶת־
מְפִבֹשֶׁת וְאֶת־חֲמֵשֶׁת בְּנֵי מִיכַל בַּת־שָׁאוּל אֲשֶׁר יָלְדָה
ט לְעַדְרִיאֵל בֶּן־בַּרְזִלַּי הַמְּחֹלָתִי׃ וַיִּתְּנֵם בְּיַד הַגִּבְעֹנִים
וַיֹּקִיעֻם בָּהָר לִפְנֵי יְהוָה וַיִּפְּלוּ שְׁבַעְתָּם יָחַד וְהֵם הֻמְתוּ
י בִּימֵי קָצִיר בָּרִאשֹׁנִים *תְּחִלַּת קְצִיר שְׂעֹרִים׃ וַתִּקַּח
רִצְפָּה בַת־אַיָּה אֶת־הַשַּׂק וַתַּטֵּהוּ לָהּ אֶל־הַצּוּר מִתְּחִלַּת
קָצִיר עַד נִתַּךְ־מַיִם עֲלֵיהֶם מִן־הַשָּׁמָיִם וְלֹא־נָתְנָה עוֹף
הַשָּׁמַיִם לָנוּחַ עֲלֵיהֶם יוֹמָם וְאֶת־חַיַּת הַשָּׂדֶה לָיְלָה׃
יא וַיֻּגַּד לְדָוִד אֵת אֲשֶׁר־עָשְׂתָה רִצְפָּה בַת־אַיָּה
יב פִּלֶגֶשׁ שָׁאוּל׃ וַיֵּלֶךְ דָּוִד וַיִּקַּח אֶת־עַצְמוֹת שָׁאוּל וְאֶת־
עַצְמוֹת יְהוֹנָתָן בְּנוֹ מֵאֵת בַּעֲלֵי יָבֵישׁ גִּלְעָד אֲשֶׁר גָּנְבוּ
אֹתָם מֵרְחֹב בֵּית־שַׁן אֲשֶׁר תְּלָוּם שָׁם הַפְּלִשְׁתִּים בְּיוֹם
יג הַכּוֹת פְּלִשְׁתִּים אֶת־שָׁאוּל בַּגִּלְבֹּעַ׃ וַיַּעַל מִשָּׁם אֶת־
עַצְמוֹת שָׁאוּל וְאֶת־עַצְמוֹת יְהוֹנָתָן בְּנוֹ וַיַּאַסְפוּ אֶת־עַצְמוֹת
יד הַמּוּקָעִים׃ וַיִּקְבְּרוּ אֶת־עַצְמוֹת־שָׁאוּל וִיהוֹנָתָן־בְּנוֹ בְּאֶרֶץ
בִּנְיָמִן בְּצֵלָע בְּקֶבֶר קִישׁ אָבִיו וַיַּעֲשׂוּ כֹּל אֲשֶׁר־צִוָּה
טו הַמֶּלֶךְ וַיֵּעָתֵר אֱלֹהִים לָאָרֶץ אַחֲרֵי־כֵן׃ וַתְּהִי־עוֹד
מִלְחָמָה לַפְּלִשְׁתִּים אֶת־יִשְׂרָאֵל וַיֵּרֶד דָּוִד וַעֲבָדָיו עִמּוֹ
טז וַיִּלָּחֲמוּ אֶת־פְּלִשְׁתִּים וַיָּעַף דָּוִד׃ וְיִשְׁבּוֹ בְּנֹב אֲשֶׁר ׀
בִּילִידֵי הָרָפָה וּמִשְׁקַל קֵינוֹ שְׁלֹשׁ מֵאוֹת מִשְׁקַל נְחֹשֶׁת
יז וְהוּא חָגוּר חֲדָשָׁה וַיֹּאמֶר לְהַכּוֹת אֶת־דָּוִד׃ וַיַּעֲזָר־לוֹ

ז׳ יתן קרי   פסקא באמצע פסוק   ט׳ יחוד ח   והמה קרי
בתחלת קרי   יב׳ תלאום קרי   שמה פלשתים קי   טז׳ וישבי ק

[א] גִבעַת־שָׁאול. [ב] אַ שטאַם פון ריזן, זע דברים ב, 11.

אֲבִישַׁי בֶּן־צְרוּיָה וַיַּךְ אֶת־הַפְּלִשְׁתִּי וַיְמִתֵהוּ אָז נִשְׁבְּעוּ
אַנְשֵׁי־דָוִד לוֹ לֵאמֹר לֹא־תֵצֵא עוֹד אִתָּנוּ לַמִּלְחָמָה וְלֹא
תְכַבֶּה אֶת־נֵר יִשְׂרָאֵל׃ וַיְהִי אַחֲרֵי־כֵן וַתְּהִי־עוֹד יח
הַמִּלְחָמָה בְּגֹב עִם־פְּלִשְׁתִּים אָז הִכָּה סִבְּכַי הַחֻשָׁתִי אֶת־
סַף אֲשֶׁר בִּילִדֵי הָרָפָה׃ וַתְּהִי־עוֹד הַמִּלְחָמָה יט
בְּגוֹב עִם־פְּלִשְׁתִּים וַיַּךְ אֶלְחָנָן בֶּן־יַעְרֵי אֹרְגִים בֵּית הַלַּחְמִי
אֵת גָּלְיָת הַגִּתִּי וְעֵץ חֲנִיתוֹ כִּמְנוֹר אֹרְגִים׃ וַתְּהִי־ כ
עוֹד מִלְחָמָה בְּגַת וַיְהִי ׀ אִישׁ מָדוֹן וְאֶצְבְּעֹת יָדָיו וְאֶצְבְּעוֹת
רַגְלָיו שֵׁשׁ וָשֵׁשׁ עֶשְׂרִים וְאַרְבַּע מִסְפָּר וְגַם־הוּא יֻלַּד
לְהָרָפָה׃ וַיְחָרֵף אֶת־יִשְׂרָאֵל וַיַּכֵּהוּ יְהוֹנָתָן בֶּן־שִׁמְעֵי אֲחִי כא
דָוִד׃ אֶת־אַרְבַּעַת אֵלֶּה יֻלְּדוּ לְהָרָפָה בְּגַת וַיִּפְּלוּ בְיַד־ כב
דָּוִד וּבְיַד עֲבָדָיו׃

## כב

* וַיְדַבֵּר דָּוִד לַיהוָה אֶת־דִּבְרֵי הַשִּׁירָה הַזֹּאת א
בְּיוֹם הִצִּיל יְהוָה אֹתוֹ מִכַּף כָּל־אֹיְבָיו וּמִכַּף שָׁאוּל׃
וַיֹּאמַר יְהוָה סַלְעִי וּמְצֻדָתִי וּמְפַלְטִי־לִי׃ אֱלֹהֵי ב ג
צוּרִי אֶחֱסֶה־בּוֹ מָגִנִּי וְקֶרֶן יִשְׁעִי מִשְׂגַּבִּי
וּמְנוּסִי מֹשִׁעִי מֵחָמָס תֹּשִׁעֵנִי׃ מְהֻלָּל ד
אֶקְרָא יְהוָה וּמֵאֹיְבַי אִוָּשֵׁעַ׃ כִּי אֲפָפֻנִי מִשְׁבְּרֵי־ ה
מָוֶת נַחֲלֵי בְלִיַּעַל יְבַעֲתֻנִי׃ חֶבְלֵי ו
שְׁאוֹל סַבֻּנִי קִדְּמֻנִי מֹקְשֵׁי־
מָוֶת׃ בַּצַּר־לִי אֶקְרָא יְהוָה וְאֶל־ ז
אֱלֹהַי אֶקְרָא וַיִּשְׁמַע מֵהֵיכָלוֹ
קוֹלִי וְשַׁוְעָתִי בְּאָזְנָיו׃ וַיִּתְגָּעַשׁ ח
וַתִּרְעַשׁ הָאָרֶץ מוֹסְדוֹת הַשָּׁמַיִם
יִרְגָּזוּ וַיִּתְגָּעֲשׁוּ כִּי־חָרָה לוֹ׃ עָלָה ט
עָשָׁן בְּאַפּוֹ וְאֵשׁ מִפִּיו.

כ א, יט׳ י׳ זעירא   כ׳ מדון קרי   כא׳ שמעה קרי
כ ב, א׳ הפטרה האזינו ויום ז׳ של פסח   ח׳ ויתגעש קרי

און ער איז געווען אָנגעגורט מיט אַ נייער [שווערד], און האָט געוואָלט דערשלאָגן דודן. 17 אָבער אַבישַי דער זון פון צרויָהן איז אים געקומען צו הילף, און האָט געשלאָגן דעם פּלשתּי און אים געטייט. דענסמאָל האָבן דודס מענטשן געשוואָרן פאַר אים, אַזוי צו זאָגן: זאָלסט מער ניט אַרויס־גיין מיט אונדז אין מלחמה, כּדי זאָלסט ניט פאַרלעשן דאָס ליכט פון ישׂראל.

18 און עס איז געווען נאָך דעם, איז ווידער געווען אַ מלחמה אין גוֹב מיט די פּלשתּים; דענסמאָל האָט סִבּכַי פון חושָה דערשלאָגן סַפן וואָס פון די קינדער פון דעם רָפָה.

19 און עס איז ווידער געווען אַ מלחמה אין גוֹב מיט די פּלשתּים; און אֶלחָנָן דער זון פון יַעֲרֵי־אורגים דער בֵּית־לַחְמער האָט דערשלאָגן גָליַתן פון גַת, וואָס דער האָלץ פון זיין שפּיז איז געווען אַזוי ווי דער שטאַנג פון וועבער.

20 און עס איז ווידער געווען אַ מלחמה אין גַת. איז דאָרטן געווען אַ מאַן פון שטרייט וואָס די פינגער פון זיינע הענט און די פינגער פון זיינע פיס זיינען געווען צו זעקס און זעקס, פיר און צוואַנציק אין צאָל. און ער אויך איז געווען געבאָרן פון דעם רָפָה. 21 און ער האָט גע־לעסטערט ישׂראל; האָט אים יהונָתָן דער זון פון שִמעִי, דודס ברודער, דערשלאָגן.

22 די דאָזיקע פיר זיינען געווען געבאָרן פון דעם רָפָה אין גַת. און זיי זיינען געפאַלן דורך דער האַנט פון דודן, און דורך דער האַנט פון זיינע קנעכט.

## כב

1 און דוד האָט גערעדט צו גאָט די ווערטער פון דעמדאָזיקן געזאַנג, אין דעם טאָג וואָס גאָט האָט אים מציל געווען פון דער האַנט פון אַלע זיינע פיינט, און פון דער האַנט פון שָאולן. 2 און ער האָט געזאָגט:

יהוה איז מיין פעלז און מיין פעסטונג,
און דער וואָס מאַכט מיך אַנטרינען;
3 גאָט מיין פעלז וואָס איך שיץ מיך אין אים,
מיין שילד און דער האָרן פון מיין הילף,
מיין טורעם און מיין אַנטרינונג,
מיין העלפער, וואָס העלפסט מיך פון אומרעכט.
4 איך רוף: געלויבט איז יהוה!
און פון מיינע פיינט ווער איך געהאָלפן.

5 וואָרום אַרומגערינגלט האָבן מיך וועלן פון טויט,
טייכן פון אונטערגאַנג האָבן מיך געשראָקן;
6 שטריק פון אונטערערד האָבן מיך אַרומגענומען,
אַקעגנגעקומען זיינען מיר נעצן פון טויט.
7 האָב איך אין מיין נויט גערופן צו יהוה,
יאָ, צו מיין גאָט האָב איך גערופן,
און ער האָט געהערט פון זיין טעמפּל מיין קָול,
און מיין געשריי [איז געקומען] אין זיינע אויערן.
8 און געשאָקלט און געוואַקלט האָט זיך די ערד.
די גרונטפעסטן פון הימל האָבן געציטערט;
זיי האָבן זיך געשאָקלט, ווייל ער האָט געצערנט;

9 אַ רויך איז אויפגעגאַנגען אין זיין נאָז,
און פון זיין מויל האָט אַ פייער פאַרצערט;
קוילן האָבן געברענט פון אים.
10 און ער האָט געבויגט דעם הימל און געניטערט,
מיט אַ נעבל אונטער זיינע פיס.
11 און ער איז געריטן אויף אַ כרוב און געפלויגן,
און זיך באַוויזן אויף פליגלען פון ווינט.
12 און ער האָט געמאַכט פינצטערניש פאַר ביידלעך
אַרום אים;
אַ זאַמלונג פון וואַסערן, וואָלקנס געדיכטע.
13 פון דעם שימער פאַר אים
האָבן פייערקוילן געברענט.
14 געדונערט פון הימל האָט גאָט,
און דער העכסטער האָט אַרויסגעלאָזט זיין קול.
15 און ער האָט אַרויסגעשיקט פיילן און זיי צעשפרייט,
אַ בליץ—און זיי פאַרטומלט.
16 און די גראָבנס פון ים האָבן זיך באַוויזן,
די גרונטפעסטן פון דער וועלט זיינען אַנטפּלעקט
געוואָרן,
דורך דעם אָנגעשריי פון גאָט,
פון דעם אָטעמבלאָז פון זיין נאָז.

17 ער האָט אויסגעשטרעקט פון דער הייך און מיך
גענומען,
מיך אַרויסגעצויגן פון וואַסערן גרויסע.
18 ער האָט מיך מציל געווען פון מיין מאַכטיקן פיינט,
פון מיינע שׂונאים, ווען זיי זיינען געווען שטאַרקער
פון מיר.
19 זיי זיינען מיר אַקעגנגעקומען אין טאָג פון מיין בראָך,
אָבער גאָט איז מיר אַן אָנלען געווען.
20 ער האָט מיך אַרויסגעפירט אין דער ברייטערניש,
מיך אַרויסגעצויגן, ווייל ער האָט מיך באַגערט.
21 גאָט פאַרגעלט מיך לויט מיין גערעכטיקייט,
לויט דער ריינקייט פון מיינע הענט קערט ער מיר
אום.
22 וואָרום איך האָב געהיט די וועגן פון יהוה,
און ניט פאַרבראָכן אַקעגן מיין גאָט.
23 וואָרום אַלע זיינע געזעצן זיינען פאַר מיר,
און זיינע חוקים, דערפון קער איך ניט אָפּ.
24 און איך בין געווען צו אים גאַנץ,

תֹּאכֵל גֶּחָלִים בָּעֲרוּ מִמֶּנּוּ׃ וַיֵּט
שָׁמַיִם וַיֵּרַד וַעֲרָפֶל תַּחַת
יא רַגְלָיו׃ וַיִּרְכַּב עַל־כְּרוּב וַיָּעֹף וַיֵּרָא
יב עַל־כַּנְפֵי־רוּחַ׃ וַיָּשֶׁת חֹשֶׁךְ סְבִיבֹתָיו
יג סֻכּוֹת חַשְׁרַת־מַיִם עָבֵי שְׁחָקִים׃ מִנֹּגַהּ
יד נֶגְדּוֹ בָּעֲרוּ גַּחֲלֵי־אֵשׁ׃ יַרְעֵם מִן־שָׁמַיִם
טו יְהוָה וְעֶלְיוֹן יִתֵּן קוֹלוֹ׃ וַיִּשְׁלַח
טז חִצִּים וַיְפִיצֵם בָּרָק וַיָּהמֹם׃ וַיֵּרָאוּ אֲפִקֵי
יָם יִגָּלוּ מֹסְדוֹת תֵּבֵל בְּגַעֲרַת
יז יְהוָה מִנִּשְׁמַת רוּחַ אַפּוֹ׃ יִשְׁלַח מִמָּרוֹם
יח יִקָּחֵנִי יַמְשֵׁנִי מִמַּיִם רַבִּים׃ יַצִּילֵנִי
מֵאֹיְבִי עָז מִשֹּׂנְאַי כִּי אָמְצוּ
יט מִמֶּנִּי׃ יְקַדְּמֻנִי בְּיוֹם אֵידִי וַיְהִי
כ יְהוָה מִשְׁעָן לִי׃ וַיֹּצֵא לַמֶּרְחָב
כא אֹתִי יְחַלְּצֵנִי כִּי־חָפֵץ בִּי׃ יִגְמְלֵנִי
יְהוָה כְּצִדְקָתִי כְּבֹר יָדַי יָשִׁיב
כב לִי׃ כִּי שָׁמַרְתִּי דַּרְכֵי יְהוָה וְלֹא
כג רָשַׁעְתִּי מֵאֱלֹהָי׃ כִּי כָל־מִשְׁפָּטָו
כד לְנֶגְדִּי וְחֻקֹּתָיו לֹא־אָסוּר מִמֶּנָּה׃ וָאֶהְיֶה
כה תָמִים לוֹ וָאֶשְׁתַּמְּרָה מֵעֲוֺנִי׃ וַיָּשֶׁב יְהוָה לִי
כו כְּצִדְקָתִי כְּבֹרִי לְנֶגֶד עֵינָיו׃ עִם־
חָסִיד תִּתְחַסָּד עִם־גִּבּוֹר תָּמִים
כז תִּתַּמָּם׃ עִם־נָבָר תִּתָּבָר וְעִם־
כח עִקֵּשׁ תִּתַּפָּל׃ וְאֶת־עַם עָנִי
כט תּוֹשִׁיעַ וְעֵינֶיךָ עַל־רָמִים תַּשְׁפִּיל׃ כִּי־
אַתָּה נֵירִי יְהוָה וַיהוָה יַגִּיהַּ
ל חָשְׁכִּי׃ כִּי בְכָה אָרוּץ גְּדוּד בֵּאלֹהַי

---

טו׳ ויהם קרי כג׳ משפטיו קרי

און האָב מיך געהיט פון מיין זינדיקייט.
25 דרום האָט מיר אומגעקערט גאָט לויט מיין גערעכטיקייט,
לויט מיין ריינקייט פאַר זיינע אויגן.

26 מיט דעם גענאָדיקן ווייזטו זיך גענאָדיק,
מיט דעם ערלעכן מאַן ווייזטו זיך ערלעך.
27 מיט דעם ריינעם ווייזטו זיך ריין,
און מיט דעם קרומען ווייזטו זיך פאַרדרייט.
28 און דאָס אָרימע פאָלק טוסטו העלפן,
און דיינע אויגן זיינען אויף די הויכע,
דו זאָלסט זיי דערנידערן.

29 וואָרום דו ביסט מיין ליכט יהוה,
און יהוה באַשיינט מיין פינצטערניש.

אֲדַלֶּג־שׁוּר׃ הָאֵל תָּמִים לא
דַּרְכּוֹ אִמְרַת יְהוָה צְרוּפָה מָגֵן
הוּא לְכֹל הַחֹסִים בּוֹ׃ כִּי מִי־אֵל מִבַּלְעֲדֵי לב
יְהוָה וּמִי צוּר מִבַּלְעֲדֵי אֱלֹהֵינוּ׃ הָאֵל לג
מָעוּזִּי חָיִל וַיַּתֵּר תָּמִים
דַּרְכּוֹ׃ מְשַׁוֶּה רַגְלָיו כָּאַיָּלוֹת וְעַל־ לד
בָּמֹתַי יַעֲמִדֵנִי׃ מְלַמֵּד יָדַי לה
לַמִּלְחָמָה וְנִחַת קֶשֶׁת־נְחוּשָׁה זְרֹעֹתָי׃ וַתִּתֶּן לו
לִי מָגֵן יִשְׁעֶךָ וַעֲנֹתְךָ תַּרְבֵּנִי׃ תַּרְחִיב צַעֲדִי לז
תַּחְתֵּנִי וְלֹא מָעֲדוּ קַרְסֻלָּי׃ אֶרְדְּפָה לח
אֹיְבַי וָאַשְׁמִידֵם וְלֹא אָשׁוּב עַד־
כַּלּוֹתָם׃ וָאֲכַלֵּם וָאֶמְחָצֵם וְלֹא יְקוּמוּן וַיִּפְּלוּ לט
תַּחַת רַגְלָי׃ וַתַּזְרֵנִי חַיִל מ
לַמִּלְחָמָה תַּכְרִיעַ קָמַי תַּחְתֵּנִי׃ וְאֹיְבַי מא
תַּתָּה לִּי עֹרֶף מְשַׂנְאַי וָאַצְמִיתֵם׃ יִשְׁעוּ וְאֵין מב
מֹשִׁיעַ אֶל־יְהוָה וְלֹא עָנָם׃ וְאֶשְׁחָקֵם מג
כַּעֲפַר־אָרֶץ כְּטִיט־חוּצוֹת אֲדִקֵּם
אֶרְקָעֵם׃ וַתְּפַלְּטֵנִי מֵרִיבֵי עַמִּי תִּשְׁמְרֵנִי מד
לְרֹאשׁ גּוֹיִם עַם לֹא־יָדַעְתִּי
יַעַבְדֻנִי׃ בְּנֵי נֵכָר יִתְכַּחֲשׁוּ־לִי לִשְׁמוֹעַ מה
אֹזֶן יִשָּׁמְעוּ לִי׃ בְּנֵי נֵכָר יִבֹּלוּ וְיַחְגְּרוּ מו
מִמִּסְגְּרוֹתָם׃ חַי־יְהוָה וּבָרוּךְ צוּרִי וְיָרֻם מז
אֱלֹהֵי צוּר יִשְׁעִי׃ הָאֵל הַנֹּתֵן נְקָמֹת מח
לִי וּמוֹרִיד עַמִּים תַּחְתֵּנִי׃ וּמוֹצִיאִי מט
מֵאֹיְבָי וּמִקָּמַי תְּרוֹמְמֵנִי מֵאִישׁ חֲמָסִים
תַּצִּילֵנִי׃ עַל־כֵּן אוֹדְךָ יְהוָה בַּגּוֹיִם וּלְשִׁמְךָ נ
אֲזַמֵּר׃ מַגְדִּיל יְשׁוּעוֹת נא

לג׳ שורק עם הדגש דרכי קרי לד׳ רגלי קרי מ׳ חסר א׳
מד׳ סבירין עמים נא׳ מגדול קרי

30 וואָרום מיט דיר לויף איך קעגן אַ מחנה,
מיט מיין גאָט שפּרינג איך אַ מויער אַריבער.
31 גאָט—זיין וועג איז גאַנץ;
דאָס וואָרט פון יהוה איז געלייטערט,
ער איז אַ שילד פאַר אַלע וואָס שיצן זיך אין אים,

32 וואָרום ווער איז אַ גאָט אויסער יהוה,
און ווער אַ פעלז אויסער אונדזער גאָט?
33 דער גאָט וואָס איז מיין שטאַרקע פעסטונג,
און לאָזט גיין גלייך מיין וועג.
34 ער מאַכט מיינע פיס גלייך ווי די הינדן,
און אויף מיינע הייכן טוט ער מיך שטעלן.
35 ער לערנט מיינע הענט צו מלחמה,
און אַ קופּערנעם בויגן בייגן אַראָפּ מיינע אָרעמס.
36 און האָסט מיר געגעבן דעם שילד פון דיין הילף,
און דיין מילדקייט טוט מיך גרייסן.
37 דערברייטערסט מיין טריט אונטער מיר,
און ניט אויסגעגליטשט האָבן זיך מיינע קנעכלעך.

38 איך האָב געיאָגט מיינע פיינט און זיי פאַרטיליקט,
און זיך ניט אומגעקערט ביז איך האָב זיי פאַרלענדט.
39 יאָ, איך האָב זיי פאַרלענדט און זיי צעהאַקט,
אַז זיי קענען ניט אויפשטיין;
און זיי זיינען געפאַלן אונטער מיינע פיס.

40 און האָסט מיך באַגורט מיט שטאַרקייט פאַר מלחמה,
האָסט געבייגט מיינע קעגנשטייער אונטער מיר.
41 און מיינע פיינט האָסטו געמאַכט מיטן נאַקן צו מיר,
מיינע שׂונאים—איך זאָל זיי פאַרשניידן.
42 זיי האָבן זיך אומגעקוקט, און ניט געווען קיין העלפער,
צו גאָט—און ער האָט זיי ניט געענטפערט.
43 און איך האָב זיי צעריבן ווי שטויב פון דער ערד,
ווי גאַסנקויט זיי צעדריקט, זיי צעטרעטן.
44 און האָסט מיך געמאַכט אַנטרינען פון די קריג פון מיין פאָלק,
מיך געהיט אויף צו ווערן דער קאָפּ פון די אומות;
אַ פאָלק וואָס איך קען ניט, טוט מיר דינען.

45 די קינדער פון דעם פרעמדן גייען אַיין פאַר מיר,
פון הערן מיטן אויער געהאָרכן זיי מיר.
46 די קינדער פון דעם פרעמדן ווערן פאַרוועלקט,
און קומען הינקענדיק אַרויס פון זייערע פעסטונגען.
47 עס לעבט יהוה, און געלויבט איז מיין פעלז,
און דערהויבן איז גאָט דער פעלז פון מיין הילף;
48 דער גאָט וואָס גיט מיר נקמות,
און מאַכט נידערן די אומות אונטער מיר,
49 און ציט מיך אַרויס פון מיינע פיינט;
יאָ, איבער מיינע קעגנשטייער דערהייבסטו מיך,
פון דעם רויבמענטשן ביסטו מיך מציל.
50 דרום לויב איך דיך, גאָט, צווישן די פעלקער,
און צו דיין נאָמען טו איך זינגען.

51 אַ טורעם פון הילף איז ער פאַר זיין מלך,
און ער טוט חסד מיט זיין געזאַלבטן,
מיט דודן און מיט זיין זאָמען ביז אייביק.

# כג

1 און דאָס זיינען די לעצטע ווערטער פון דודן:
די רייד פון דוד דעם זון פון יִשַׁין,
די רייד פון דעם מאַן וואָס איז הויך געשטעלט,
דעם געזאַלבטן פון דעם גאָט פון יעקב,
און דעם זיסן זינגער פון ישראל:
2 דער גייסט פון גאָט רעדט דורך מיר,
און זיין וואָרט איז אויף מיין צונג.

3 דער גאָט פון ישראל האָט געזאָגט,
דער פעלז פון ישראל האָט צו מיר גערעדט:
אַ געוועלטיקער איבער מענטשן דאַרף זיין
אַ צדיק וואָס געוועלטיקט מיט גאָטספאָרכטיקייט,
4 און ווי ליכט פון פרימאָרגן ווען די זון גייט אויף—
אַ פרימאָרגן אָן וואָלקן,
ווען פון שיין נאָכן רעגן
שפּראָצט דאָס גראָז פון דער ערד.
5 פאַרוואָר, איז ניט פעסט מיין הויז פאַר גאָט?
ווייל אַן אייביקן בונד האָט ער מיר געמאַכט,
צוגעברייט אין אַלעם און אָפּגעהיט;
פאַרוואָר, אַל מיין הילף און אַל מיין באַגער
צי מאַכט ער ניט שפּראָצן?
6 אָבער די נידערטרעכטיקע זיינען אַלע
ווי דערנער אַוועקגעוואָרפענע
וואָס מען קען מיט דער האַנט ניט אָננעמען;
7 און ווייל עמיצער זיי אָנרירן,
באַוואָרנט ער זיך מיט אַן אײַזן
אָדער אַ האָלץ פון אַ שפּיז;
און פאַרברענט אין פייער
ווערן זיי פאַרברענט אויפן אָרט.

מַלְכּוֹ וְעֹשֶׂה־חֶסֶד לִמְשִׁיחוֹ
לְדָוִד וּלְזַרְעוֹ עַד־עוֹלָם׃ *

כג

א וְאֵלֶּה דִּבְרֵי דָוִד הָאַחֲרֹנִים נְאֻם דָּוִד בֶּן־יִשַׁי וּנְאֻם הַגֶּבֶר
ב הֻקַם עָל מְשִׁיחַ אֱלֹהֵי יַעֲקֹב וּנְעִים זְמִרוֹת יִשְׂרָאֵל׃ רוּחַ
ג יְהוָה דִּבֶּר־בִּי וּמִלָּתוֹ עַל־לְשׁוֹנִי׃ אָמַר אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל
לִי דִבֶּר צוּר יִשְׂרָאֵל מוֹשֵׁל בָּאָדָם צַדִּיק מוֹשֵׁל יִרְאַת
ד אֱלֹהִים׃ וּכְאוֹר בֹּקֶר יִזְרַח־שָׁמֶשׁ בֹּקֶר לֹא עָבוֹת מִנֹּגַהּ
ה מִמָּטָר דֶּשֶׁא מֵאָרֶץ׃ כִּי־לֹא־כֵן בֵּיתִי עִם־אֵל כִּי בְרִית
עוֹלָם שָׂם לִי עֲרוּכָה בַכֹּל וּשְׁמֻרָה כִּי־כָל־יִשְׁעִי וְכָל־
ו חֵפֶץ כִּי־לֹא יַצְמִיחַ׃ וּבְלִיַּעַל כְּקוֹץ מֻנָד כֻּלָּהַם כִּי־לֹא
ז בְיָד יִקָּחוּ׃ וְאִישׁ יִגַּע בָּהֶם יִמָּלֵא בַרְזֶל וְעֵץ חֲנִית
ח וּבָאֵשׁ שָׂרוֹף יִשָּׂרְפוּ בַּשָּׁבֶת׃ אֵלֶּה שְׁמוֹת הַגִּבֹּרִים
אֲשֶׁר לְדָוִד יֹשֵׁב בַּשֶּׁבֶת תַּחְכְּמֹנִי ׀ רֹאשׁ הַשָּׁלִשִׁי הוּא
עֲדִינוֹ הָעֶצְנוֹ עַל־שְׁמֹנֶה מֵאוֹת חָלָל בְּפַעַם אֶחָד׃
ט וְאַחֲרוֹ אֶלְעָזָר בֶּן־דֹּדִי בֶּן־אֲחֹחִי בִּשְׁלֹשָׁה גִבֹּרִים עִם־
דָּוִד בְּחָרְפָם בַּפְּלִשְׁתִּים נֶאֶסְפוּ־שָׁם לַמִּלְחָמָה וַיַּעֲלוּ
י אִישׁ יִשְׂרָאֵל׃ הוּא קָם וַיַּךְ בַּפְּלִשְׁתִּים עַד ׀ כִּי־יָגְעָה יָדוֹ
וַתִּדְבַּק יָדוֹ אֶל־הַחֶרֶב וַיַּעַשׂ יְהוָה תְּשׁוּעָה גְדוֹלָה בַּיּוֹם
יא הַהוּא וְהָעָם יָשֻׁבוּ אַחֲרָיו אַךְ לְפַשֵּׁט׃ וְאַחֲרָיו
שַׁמָּא בֶן־אָגֵא הָרָרִי וַיֵּאָסְפוּ פְלִשְׁתִּים לַחַיָּה וַתְּהִי־שָׁם
חֶלְקַת הַשָּׂדֶה מְלֵאָה עֲדָשִׁים וְהָעָם נָס מִפְּנֵי פְלִשְׁתִּים׃
יב וַיִּתְיַצֵּב בְּתוֹךְ־הַחֶלְקָה וַיַּצִּילֶהָ וַיַּךְ אֶת־פְּלִשְׁתִּים וַיַּעַשׂ
יג יְהוָה תְּשׁוּעָה גְדוֹלָה׃ וַיֵּרְדוּ שְׁלֹשִׁים מֵהַשְּׁלֹשִׁים רֹאשׁ
וַיָּבֹאוּ אֶל־קָצִיר אֶל־דָּוִד אֶל־מְעָרַת עֲדֻלָּם וְחַיַּת פְּלִשְׁתִּים
יד חֹנָה בְּעֵמֶק רְפָאִים׃ וְדָוִד אָז בַּמְּצוּדָה וּמַצַּב פְּלִשְׁתִּים
טו אָז בֵּית לָחֶם׃ וַיִּתְאַוֶּה דָוִד וַיֹּאמַר מִי יַשְׁקֵנִי מַיִם

---

כב, נא׳ ע״כ   כג, א׳ קמץ בזק   ח׳ העצני קרי   אחת קרי
ט׳ ואחריו קרי   דודו קרי   הגבורים קרי   יג׳ שלשה קרי

8 דאָס זיינען די נעמען פון די גיבורים וואָס דוד האָט געהאַט: יוֹשֵׁב־בַּשֶּׁבֶת, אַ תַּחְכְּמוֹנִי, דער הויפּטמאַן פון די עלצטע, דאָס איז עֲדִינוֹ דער עֶצְנִי; [ער האָט אויפגעהויבן זיין שפּיז] אויף אַכט הונדערט מאַן, דערשלאָגן מיט איין מאָל.
9 און נאָך אים איז געווען אֶלְעָזָר דער זון פון דוֹדוֹ דעם זון פון אֲחוֹחִין, פון די דריי גיבורים מיט דודן, ווען זיי האָבן זיך אַיינגעשטעלט אַקעגן די פּלשתּים, וואָס האָבן זיך דאָרטן אַיינגעזאַמלט אויף מלחמה, און די מענער פון ישראל זיינען געווען אַוועקגעגאַנגען; 10 און ער איז אויפגעשטאַנען, און האָט געשלאָגן צווישן די פּלשתּים ביז זיין האַנט איז מיד געוואָרן, און זיין האַנט האָט זיך צוגעקלעפּט צום שווערד. און גאָט האָט געטאָן אַ גרויסע ישועה אין יענעם טאָג, און דאָס פאָלק האָט זיך אומגעקערט נאָך אים, בלויז אויסצוטאָן [די געטייטע].
11 און נאָך אים איז געווען שַׁמָּה דער זון פון אָגֵאן, פון הָרָר. די פּלשתּים האָבן זיך געהאַט אַיינגעזאַמלט אין אַ מחנה; און דאָרטן איז געווען אַ שטיק פעלד פול מיט לינדזן; און דאָס פאָלק איז אַנטלאָפן פון די פּלשתּים; 12 האָט ער זיך געשטעלט אין מיטן פון דעם שטיק לאַנד, און האָט עס מציל געווען; און ער האָט געשלאָגן די פּלשתּים, און גאָט האָט געטאָן אַ גרויסע ישועה.
13 און דריי פון די דרייסיק הויפּטלייט האָבן אַראָפּגענידערט און זיינען געקומען אין שניטצייט צו דודן צו דער הייל פון עֲדוּלָם; און די מחנה פון די פּלשתּים האָט געלאַגערט אין טאָל רְפָאִים. 14 און דוד איז דענסמאָל געווען אין דער פעסטונג, און די וואַך פון די פּלשתּים איז דענסמאָל געווען אין בֵּית־לֶחֶם. 15 האָט דוד געגלוסט, און ער האָט געזאָגט: ווען

מִבֹּאר בֵּית־לֶחֶם אֲשֶׁר בַּשָּׁעַר: וַיִּבְקְעוּ שְׁלֹשֶׁת הַגִּבֹּרִים טז
בְּמַחֲנֵה פְלִשְׁתִּים וַיִּשְׁאֲבוּ־מַיִם מִבֹּאר בֵּית־לֶחֶם אֲשֶׁר
בַּשַּׁעַר וַיִּשְׂאוּ וַיָּבִאוּ אֶל־דָּוִד וְלֹא אָבָה לִשְׁתּוֹתָם וַיַּסֵּךְ
אֹתָם לַיהוָה: וַיֹּאמֶר חָלִילָה לִּי יְהוָה מֵעֲשֹׂתִי זֹאת יז
הֲדַם הָאֲנָשִׁים הַהֹלְכִים בְּנַפְשׁוֹתָם וְלֹא אָבָה לִשְׁתּוֹתָם
אֵלֶּה עָשׂוּ שְׁלֹשֶׁת הַגִּבֹּרִים: וַאֲבִישַׁי אֲחִי ׀ יוֹאָב יח
בֶּן־צְרוּיָה הוּא רֹאשׁ הַשְּׁלֹשִׁי וְהוּא עוֹרֵר אֶת־חֲנִיתוֹ
עַל־שְׁלֹשׁ מֵאוֹת חָלָל וְלוֹ־שֵׁם בַּשְּׁלֹשָׁה: מִן־הַשְּׁלֹשָׁה יט
הֲכִי נִכְבָּד וַיְהִי לָהֶם לְשָׂר וְעַד־הַשְּׁלֹשָׁה לֹא־בָא:
וּבְנָיָהוּ בֶן־יְהוֹיָדָע בֶּן־אִישׁ־חַי רַב־פְּעָלִים כ
מִקַּבְצְאֵל הוּא הִכָּה אֵת שְׁנֵי אֲרִאֵל מוֹאָב וְהוּא יָרַד
וְהִכָּה אֶת־הָאֲרִיה בְּתוֹךְ הַבֹּאר בְּיוֹם הַשָּׁלֶג: וְהוּא כא
הִכָּה אֶת־אִישׁ מִצְרִי אֲשֶׁר מַרְאֶה וּבְיַד הַמִּצְרִי חֲנִית
וַיֵּרֶד אֵלָיו בַּשָּׁבֶט וַיִּגְזֹל אֶת־הַחֲנִית מִיַּד הַמִּצְרִי וַיַּהַרְגֵהוּ
בַּחֲנִיתוֹ: אֵלֶּה עָשָׂה בְּנָיָהוּ בֶּן־יְהוֹיָדָע וְלוֹ־שֵׁם בִּשְׁלֹשָׁה כב
הַגִּבֹּרִים: מִן־הַשְּׁלֹשִׁים נִכְבָּד וְאֶל־הַשְּׁלֹשָׁה לֹא־בָא כג
וַיְשִׂמֵהוּ דָוִד אֶל־מִשְׁמַעְתּוֹ: עֲשָׂה־אֵל אֲחִי־יוֹאָב כד
בַּשְּׁלֹשִׁים אֶלְחָנָן בֶּן־דֹּדוֹ בֵּית לָחֶם: שַׁמָּה כה
הַחֲרֹדִי אֱלִיקָא הַחֲרֹדִי: חֶלֶץ הַפַּלְטִי עִירָא כו
בֶן־עִקֵּשׁ הַתְּקוֹעִי: אֲבִיעֶזֶר הָעַנְּתֹתִי מְבֻנַּי הַחֻשָׁתִי: כז
צַלְמוֹן הָאֲחֹחִי מַהְרַי הַנְּטֹפָתִי: חֵלֶב בֶּן־ כח כט
בַּעֲנָה הַנְּטֹפָתִי אִתַּי בֶּן־רִיבַי מִגִּבְעַת בְּנֵי בִנְיָמִן:
בְּנָיָהוּ פִּרְעָתֹנִי הִדַּי מִנַּחֲלֵי גָעַשׁ: אֲבִי־עַלְבוֹן ל
הָעַרְבָתִי עַזְמָוֶת הַבַּרְחֻמִי: אֶלְיַחְבָּא הַשַּׁעַלְבֹנִי לא לב
בְּנֵי יָשֵׁן יְהוֹנָתָן: שַׁמָּה הַהֲרָרִי אֲחִיאָם בֶּן־שָׁרָר לג
הָאֲרָרִי: אֱלִיפֶלֶט בֶּן־אֲחַסְבַּי בֶּן־הַמַּעֲכָתִי אֱלִיעָם לד

טו' מבור קרי טז' מבור קרי יח' השלשה קרי כ' חיל קרי
הארי קרי הבור קרי כא' איש קרי לג' ס"א הָאֲרָרִי

מיר גיט ווער טרינקען וואַסער פון דעם ברונעם פון בֵּית־לֶחֶם וואָס אין טויער! [16] האָבן די דריי גיבורים אַריינגעבראָכן אין לאַגער פון די פְּלִשתּים, און זיי האָבן אָנגעשעפּט וואַסער פון דעם ברונעם פון בֵּית־לֶחֶם וואָס ביים טויער, און גענומען און געבראַכט צו דודן. אָבער ער האָט עס ניט געוואָלט טרינקען, און האָט עס אויסגעגאָסן צו גאָט. [17] און ער האָט געזאָגט: חלילה מיר, גאָט, אַז איך זאָל דאָס טאָן! דאָס בלוט פון די מענטשן וואָס זיינען געגאַנגען מיט דער סכּנה פון זייער לעבן? און ער האָט עס ניט געוואָלט טרינקען.

דאָס האָבן געטאָן די דריי גיבורים.

[18] און אַבִישַי, יואָבס ברודער, דער זון פון צרויָהן, ער איז געווען דער הויפּט פון די דריי; און ער האָט אויפגעהויבן זיין שפּיז אויף דריי הונדערט און זיי דערשלאָגן; ער האָט געהאַט אַ שם צווישן די דריי. [19] פון די דריי איז ער געווען דער אָנגעזעענסטער, און ער איז ביי זיי געוואָרן צום עלטסטן, אָבער צו די [ערשטע] דריי איז ער ניט געקומען.

[20] און בְּנָיָהו דער זון פון יהוֹיָדָען, דער זון פון אַ העלדישן מאַן, גרויס אין אויפטוען, פון קַבְצְאֵל, ער האָט געשלאָגן די צוויי העלדן פון מוֹאָב, און ער האָט אַראָפּגענידערט און האָט דערשלאָגן אַ לייב אין אַ גרוב, אין אַ טאָג פון שניי. [21] און ער האָט דערשלאָגן אַ מִצרישן מאַן, אַ מאַן אָנצוקוקן; און אין דעם מִצריס האַנט איז געווען אַ שפּיז, און ער האָט אַראָפּגענידערט צו אים מיט אַ רוט; האָט ער אַרויסגעריסן דעם שפּיז פון דעם מִצריס האַנט, און האָט אים געהרגעט מיט זיין אייגענעם שפּיז.

[22] דאָס האָט געטאָן בְּנָיָהו דער זון פון יהוֹיָדָען, און ער האָט געהאַט אַ שם צווישן די דריי גיבורים. [23] ער איז געווען מער אָנגעזען פון די דרייסיק, אָבער צו די [ערשטע] דריי איז ער ניט געקומען. און דוד האָט אים אויפגעזעצט איבער זיין לייבוואַך.

[24] עֲשָׂהאֵל, יואָבס ברודער, איז געווען צווישן די דרייסיק; אֶלחָנָן דער זון פון דודון פון בֵּית־לֶחֶם; [25] שַמָּה פון חֲרוֹד; אֱליקאָ פון חֲרוֹד; [26] חֶלֶץ פון פֶּלֶט; עִירָא דער זון פון עִקֵשן פון תּקוֹעַ; [27] אַבִיעֶזֶר פון עֲנָתוֹת; מבוּנַי פון חוּשָה; [28] צַלמוֹן פון אַחוֹחַ; מַהרַי פון נטוֹפָה; [29] חֵלֶב דער זון פון בַּעֲנָהן פון נטוֹפָה; אִתַּי דער זון פון ריבַין פון גִבעָה פון די קינדער פון בנימין; [30] בְּנָיָהו פון פִּרעָתוֹן; הִדַּי פון נַחֲלֵי־גָעַש; [31] אֲבִי־עַלבוֹן פון עֲרָבָה; עַזמָוֶת פון בַּרחוּם; [32] אֶליַחבאָ פון שַעַלבוֹן; פון יָשֵנס זין, יהוֹנָתָן; [33] שַמָּה פון הָרָר; אַחִיאָם דער זון פון שָרָרן פון אָרָר; [34] אֱליפֶלֶט דער זון פון אַחַסבַּין; דער זון פון דעם

לה חֶצְרוֹ הַכַּרְמְלִי פַּעֲרַי הָאַרְבִּי: בֶּן־אֲחִיתֹפֶל הַגִּלֹנִי:
לו יִגְאָל בֶּן־נָתָן מִצֹּבָה בָּנִי הַגָּדִי: צֶלֶק הָעַמֹּנִי
לז
לח נַחְרַי הַבְּאֶרֹתִי נֹשְׂאֵי כְּלֵי יוֹאָב בֶּן־צְרֻיָה: עִירָא
לט הַיִּתְרִי גָּרֵב הַיִּתְרִי: אוּרִיָּה הַחִתִּי כֹּל שְׁלֹשִׁים
וְשִׁבְעָה:

## כד

א וַיֹּסֶף אַף־יְהוָה לַחֲרוֹת בְּיִשְׂרָאֵל וַיָּסֶת אֶת־דָּוִד בָּהֶם
ב לֵאמֹר לֵךְ מְנֵה אֶת־יִשְׂרָאֵל וְאֶת־יְהוּדָה: וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ
אֶל־יוֹאָב ׀ שַׂר־הַחַיִל אֲשֶׁר־אִתּוֹ שׁוּט־נָא בְּכָל־שִׁבְטֵי
יִשְׂרָאֵל מִדָּן וְעַד־בְּאֵר שֶׁבַע וּפִקְדוּ אֶת־הָעָם וְיָדַעְתִּי
ג אֵת מִסְפַּר הָעָם: וַיֹּאמֶר יוֹאָב אֶל־הַמֶּלֶךְ וְיוֹסֵף יְהוָה
אֱלֹהֶיךָ אֶל־הָעָם כָּהֵם ׀ וְכָהֵם מֵאָה פְעָמִים וְעֵינֵי אֲדֹנִי־
הַמֶּלֶךְ רֹאוֹת וַאדֹנִי הַמֶּלֶךְ לָמָּה חָפֵץ בַּדָּבָר הַזֶּה:
ד וַיֶּחֱזַק דְּבַר־הַמֶּלֶךְ אֶל־יוֹאָב וְעַל שָׂרֵי הֶחָיִל וַיֵּצֵא יוֹאָב
וְשָׂרֵי הַחַיִל לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ לִפְקֹד אֶת־הָעָם אֶת־יִשְׂרָאֵל:
ה וַיַּעַבְרוּ אֶת־הַיַּרְדֵּן וַיַּחֲנוּ בַעֲרוֹעֵר יְמִין הָעִיר אֲשֶׁר
ו בְּתוֹךְ־הַנַּחַל הַגָּד וְאֶל־יַעְזֵר: וַיָּבֹאוּ הַגִּלְעָדָה וְאֶל־אֶרֶץ
ז תַּחְתִּים חָדְשִׁי וַיָּבֹאוּ דָּנָה יַּעַן וְסָבִיב אֶל־צִידוֹן: וַיָּבֹאוּ
מִבְצַר־צֹר וְכָל־עָרֵי הַחִוִּי וְהַכְּנַעֲנִי וַיֵּצְאוּ אֶל־נֶגֶב יְהוּדָה
ח בְּאֵר שָׁבַע: וַיָּשֻׁטוּ בְּכָל־הָאָרֶץ וַיָּבֹאוּ מִקְצֵה תִשְׁעָה
ט חֳדָשִׁים וְעֶשְׂרִים יוֹם יְרוּשָׁלָםִ: וַיִּתֵּן יוֹאָב אֶת־מִסְפַּר
מִפְקַד־הָעָם אֶל־הַמֶּלֶךְ וַתְּהִי יִשְׂרָאֵל שְׁמֹנֶה מֵאוֹת אֶלֶף
אִישׁ־חַיִל שֹׁלֵף חֶרֶב וְאִישׁ יְהוּדָה חֲמֵשׁ־מֵאוֹת אֶלֶף
י אִישׁ: וַיַּךְ לֵב־דָּוִד אֹתוֹ אַחֲרֵי־כֵן סָפַר אֶת־הָעָם •
וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־יְהוָה חָטָאתִי מְאֹד אֲשֶׁר עָשִׂיתִי וְעַתָּה
יא יְהוָה הַעֲבֶר־נָא אֶת־עֲוֺן עַבְדְּךָ כִּי נִסְכַּלְתִּי מְאֹד: וַיָּקָם
דָּוִד בַּבֹּקֶר • וּדְבַר־יְהוָה הָיָה אֶל־גָּד הַנָּבִיא

כג, לה׳ חצרי קרי   לז׳ יחד׳ י   כד, י׳ יא׳ פסקא באמצע פסוק

---

מַעֲכָתִי; אֱלִיעָם דער זון פון אַחיתופֶלן פון גילֹה; [35] חֶצרי
פון כַּרמֶל; פַּעֲרַי פון אַרָב; [36] יִגאָל דער זון פון נָתָנען
פון צוֹבָה; בָּני דער גָדי; [37] צֶלֶק דער עַמוני; נַחרַי פון
בְּאֶרוֹת, דער וואָפנטרעגער פון יוֹאָב דעם זון פון צרויָהן;
[38] עִירָא פון יֶתֶר; גָרֵב פון יֶתֶר; אוּריָה דער חִתּי. אין
אַלעמען זיבן און דרייסיק.

## כד

[1] און דער צאָרן פון גאָט האָט ווידער געגרימט
אויף ישראל, און ער האָט אָנגערעדט דודן אַקעגן
זיי, אַזוי צו זאָגן: גיי צייל איבער ישראל און יהודה. [2] און
דער מלך האָט געזאָגט צו יוֹאָב דעם חיל־פירער וואָס
מיט אים: וואַנדער אַקאָרשט דורך אַלע שבטים פון
ישראל, פון דָן און ביז בְּאֵר־שֶׁבַע, און ציילט דאָס פאָלק,
כדי איך זאָל וויסן דעם מספר פון פאָלק. [3] האָט יוֹאָב
געזאָגט צום מלך: זאָל יהוה דיין גאָט מערן דאָס פאָלק
הונדערט מאָל אַזוי פיל ווי זיי זיינען, און די אויגן פון מיין
האַר דעם מלך זאָלן עס זען; אָבער צו וואָס וויל מיין
האַר דער מלך דידאָזיקע זאַך?

[4] אָבער דאָס וואָרט פון דעם מלך איז געווען
שטאַרק צו יוֹאָבן און צו די חיל־פירער, און יוֹאָב און די
חיל־פירער זיינען אַרויסגעגאַנגען פון פאַרן מלך, צו ציילן
דאָס פאָלק, ישראל. [5] און זיי זיינען אַריבער דעם יַרדן, און האָבן גערוט אין עֲרוֹעֵר, אויף דער רעכטער זייט פון
דער שטאָט וואָס אין מיטן טאָל פון גָד, און צו יַעזֵר צו. [6] און זיי זיינען געקומען קיין גִלעָד, און צו דעם לאַנד
תַּחתִּים־חָדשי, און זיי זיינען געקומען קיין דָן־יַעַן, און רונד אַרום צו צידוֹן. [7] און זיי זיינען געקומען צו דער פעסטונג
פון צוֹר, און צו אַלע שטעט פון דעם חִוִי און דעם כּנַעֲני, און זיי זיינען אַרויסגעקומען אין דָרום יהודה ביי בְּאֵר־
שֶׁבַע. [8] און זיי האָבן דורכגעוואַנדערט דאָס גאַנצע לאַנד, און זיינען צוריקגעקומען צום סוף פון ניין חדשים און צוואַנציק
טעג קיין ירושָלַיִם. [9] און יוֹאָב האָט איבערגעגעבן דעם מספר פון דער ציילונג פון פאָלק צום מלך. און ישראל איז
געווען אַכט מאָל הונדערט טויזנט קריגסלייט וואָס ציען אַ שווערד, און די מענער פון יהודה, פינף מאָל הונדערט
טויזנט מאַן.

[10] און דאָס האַרץ פון דודן האָט אים געפּלאָגט נאָכדעם ווי ער האָט געציילט דאָס פאָלק, און דוד האָט געזאָגט
צו גאָט: איך האָב זייער געזינדיקט וואָס איך האָב דאָס געטאָן; און אַצונד, גאָט, טו אָפּ, איך בעט דיך, דעם פאַר־
ברעך פון דיין קנעכט, וואָרום איך בין געווען נאַריש זייער.

[11] און ווי דוד איז אויפגעשטאַנען אין דער פרי, אַזוי איז דאָס וואָרט פון גאָט געווען צו גָד דעם נביא,

חֹזֵה דָוִד לֵאמֹר׃ הָלוֹךְ וְדִבַּרְתָּ אֶל־דָּוִד כֹּה אָמַר יְהוָה יב
שָׁלֹשׁ אָנֹכִי נוֹטֵל עָלֶיךָ בְּחַר־לְךָ אַחַת־מֵהֶם וְאֶעֱשֶׂה־לָּךְ׃
וַיָּבֹא־גָד אֶל־דָּוִד וַיַּגֶּד־לוֹ וַיֹּאמֶר לוֹ הֲתָבוֹא לְךָ שֶׁבַע־ יג
שָׁנִים ׀ רָעָב ׀ בְּאַרְצֶךָ אִם־שְׁלֹשָׁה חֳדָשִׁים נֻסְךָ לִפְנֵי־
צָרֶיךָ וְהוּא רֹדְפֶךָ וְאִם־הֱיוֹת שְׁלֹשֶׁת יָמִים דֶּבֶר בְּאַרְצֶךָ
עַתָּה דַּע וּרְאֵה מָה־אָשִׁיב שֹׁלְחִי דָּבָר׃ וַיֹּאמֶר יד
דָּוִד אֶל־גָּד צַר־לִי מְאֹד נִפְּלָה־נָּא בְיַד־יְהוָה כִּי־רַבִּים
רַחֲמָו וּבְיַד־אָדָם אַל־אֶפֹּלָה׃ וַיִּתֵּן יְהוָה דֶּבֶר בְּיִשְׂרָאֵל טו
מֵהַבֹּקֶר וְעַד־עֵת מוֹעֵד וַיָּמָת מִן־הָעָם מִדָּן וְעַד־בְּאֵר
שֶׁבַע שִׁבְעִים אֶלֶף אִישׁ׃ וַיִּשְׁלַח יָדוֹ הַמַּלְאָךְ ׀ יְרוּשָׁלַםִ טז
לְשַׁחֲתָהּ וַיִּנָּחֶם יְהוָה אֶל־הָרָעָה וַיֹּאמֶר לַמַּלְאָךְ הַמַּשְׁחִית
בָּעָם רַב עַתָּה הֶרֶף יָדֶךָ וּמַלְאַךְ יְהוָה הָיָה עִם־גֹּרֶן
הָאֲוַרְנָה הַיְבֻסִי׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־יְהוָה בִּרְאֹתוֹ ׀ יז
אֶת־הַמַּלְאָךְ ׀ הַמַּכֶּה בָעָם וַיֹּאמֶר הִנֵּה אָנֹכִי חָטָאתִי
וְאָנֹכִי הֶעֱוֵיתִי וְאֵלֶּה הַצֹּאן מֶה עָשׂוּ תְּהִי נָא יָדְךָ בִּי
וּבְבֵית אָבִי׃ וַיָּבֹא־גָד אֶל־דָּוִד בַּיּוֹם הַהוּא וַיֹּאמֶר יח
לוֹ עֲלֵה הָקֵם לַיהוָה מִזְבֵּחַ בְּגֹרֶן אֲרַנְיָה הַיְבֻסִי׃ וַיַּעַל יט
דָּוִד כִּדְבַר־גָּד כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה׃ וַיַּשְׁקֵף אֲרַוְנָה כ
וַיַּרְא אֶת־הַמֶּלֶךְ וְאֶת־עֲבָדָיו עֹבְרִים עָלָיו וַיֵּצֵא אֲרַוְנָה
וַיִּשְׁתַּחוּ לַמֶּלֶךְ אַפָּיו אָרְצָה׃ וַיֹּאמֶר אֲרַוְנָה מַדּוּעַ כא
בָּא אֲדֹנִי־הַמֶּלֶךְ אֶל־עַבְדּוֹ וַיֹּאמֶר דָּוִד לִקְנוֹת מֵעִמְּךָ
אֶת־הַגֹּרֶן לִבְנוֹת מִזְבֵּחַ לַיהוָה וְתֵעָצַר הַמַּגֵּפָה מֵעַל
הָעָם׃ וַיֹּאמֶר אֲרַוְנָה אֶל־דָּוִד יִקַּח וְיַעַל אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ כב
הַטּוֹב בְּעֵינָו רְאֵה הַבָּקָר לָעֹלָה וְהַמֹּרִגִּים וּכְלֵי הַבָּקָר
לְעֵצִים׃ הַכֹּל נָתַן אֲרַוְנָה הַמֶּלֶךְ לַמֶּלֶךְ וַיֹּאמֶר כג
אֲרַוְנָה אֶל־הַמֶּלֶךְ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ יִרְצֶךָ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ כד
אֶל־אֲרַוְנָה לֹא כִּי־קָנוֹ אֶקְנֶה מֵאוֹתְךָ בִּמְחִיר וְלֹא אַעֲלֶה

יג׳ כצ״ל ע״פ המסורה   יד׳ רחמיו ק׳   טז׳ הארונה ק׳   יח׳ ארונה ק׳   כב׳ בעיניו ק׳
כג׳ פסקא באמצע פסוק

דודס זעער, אַזוי צו זאָגן: [12] גיי און זאָלסט רעדן צו דודן: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: דריי זאַכן לייג איך אויף דיר; קלייב דיר אויס איינע פון זיי, וואָס איך זאָל דיר טאָן.

[13] איז גָד געקומען צו דודן און האָט אים דערציילט, און האָט צו אים געזאָגט: זאָלן אויף דיר קומען זיבן יאָר הונגער אין דיין לאַנד? אָדער זאָלסט דריי חדשים לויפן פאַר דיינע פיינט, און זיי זאָלן דיך נאָכיאָגן? אָדער דריי טעג זאָל זיין אַ מגפה אין דיין לאַנד? אַצונד באַטראַכט, און זע וואָס פאַר אַ באַשייד איך זאָל ברענגען צו דעם וואָס שיקט מיך.

[14] האָט דוד געזאָגט צו גָדן: מיר איז זייער ענג. לאָמיר, איך בעט דיך, פאַלן אין דער האַנט פון גאָט, וואָרום זיין רחמנות איז גרויס, און לאָמיך ניט פאַלן אין דער האַנט פון אַ מענטשן.

[15] האָט גאָט געגעבן אַ מגפה אין ישראל פון אין דער פרי און ביז דער געשטעלטער צייט, און עס זיינען געשטאָרבן פון פאָלק, פון דָן און ביז באֵר־שֶׁבַע, זיבעציק טויזנט מאַן.

[16] און דער מלאך האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט אויף ירושָלַיִם זי אומצוברענגען; האָט גאָט חרטה געהאַט אויף דעם בייז, און ער האָט געזאָגט צו דעם מלאך וואָס האָט אומגעבראַכט צווישן פאָלק: גענוג! אַצונד לאָז אָפּ דיין האַנט. און דער מלאך פון גאָט איז געווען ביי דעם שייער פון אֲרַוְנָה דעם יבוסי.

[17] און דוד האָט גערעדט צו גאָט, ווען ער האָט געזען דעם מלאך וואָס שלאָגט צווישן פאָלק, און ער האָט געזאָגט: זע, איך האָב געזינדיקט, און איך האָב פאַרבראָכן, אָבער די דאָזיקע שאָף, וואָס האָבן זיי געטאָן? זאָל, איך בעט דיך, דיין האַנט זיין אויף מיר און אויף מיין פאָטערס הויז.

[18] איז גָד געקומען צו דודן אין יענעם טאָג, און ער האָט צו אים געזאָגט: גיי אַרויף, שטעל אויף צו גאָט אַ מזבח אין דעם שייער פון אֲרַוְנָה דעם יבוסי.

[19] איז דוד אַרויפגעגאַנגען לויט דעם וואָרט פון גָדן, אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן. [20] און אֲרַוְנָה האָט אַ קוק געטאָן, און האָט דערזען ווי דער מלך און זיינע קנעכט קומען אַריבער צו אים; איז אֲרַוְנָה אַרויסגעגאַנגען, און האָט זיך געבוקט צום מלך מיט זיין פנים צו דער ערד. [21] און אֲרַוְנָה האָט געזאָגט: נאָך וואָס איז מיין האַר דער מלך געקומען צו זיין קנעכט? האָט דוד געזאָגט: אָפּצוקויפן פון דיר דעם שייער אויף צו בויען אַ מזבח צו גאָט, כּדי די מגפה זאָל פאַרהאַלטן ווערן פון פאָלק. [22] האָט אֲרַוְנָה געזאָגט צו דודן: זאָל מיין האַר דער מלך נעמען און אויפברענגען וואָס איז גוט אין זיינע אויגן. זע, די רינדער זיינען פאַר בראַנדאָפּפער, און די דרעששליטנס און די שפּאַנצייג פון די רינדער פאַר האָלץ. [23] אַלץ האָט אֲרַוְנָה דער מלך אַוועקגעגעבן צום מלך. און אֲרַוְנָה האָט געזאָגט צום מלך: זאָל יהוה דיין גאָט דיך באַוויליקן. [24] האָט דער מלך געזאָגט צו אֲרַוְנָהן: ניין, נייערט קויפן וועל איך קויפן פון דיר פאַר געצאָלט, און איך

װעל ניט אויפֿברענגען צו יהוה מײַן גאָט בראַנדאָפּפֿער
פֿאַר אומזיסט.
און דוד האָט אָפּגעקױפֿט דעם שײַער און די רינדער
פֿאַר פֿופֿציק שֶקל זילבער. [25] און דוד האָט דאָרטן
געבױט אַ מזבח צו גאָט, און האָט אױפֿגעבראַכט בראַנדאָפּפֿער און פֿרידאָפּפֿער. און גאָט האָט זיך איבערגע־
בעטן צום לאַנד, און די מגפֿה איז פֿאַרהאַלטן געװאָרן פֿון ישׂראל.

לַיהוָה אֱלֹהַי עֹלוֹת חִנָּם וַיִּקֶן דָּוִד אֶת־הַגֹּרֶן וְאֶת־הַבָּקָר
כה בְּכֶסֶף שְׁקָלִים חֲמִשִּׁים׃ וַיִּבֶן שָׁם דָּוִד מִזְבֵּחַ לַיהוָה
וַיַּעַל עֹלוֹת וּשְׁלָמִים וַיֵּעָתֵר יְהוָה לָאָרֶץ וַתֵּעָצַר הַמַּגֵּפָה
מֵעַל יִשְׂרָאֵל׃

# חזק

סכום הפסוקים של ספר שמואל אלף וחמש מאות וששה. וסימנו
אשרו חמוץ: וסדריו ל״ד. וסימנו פותח את ידך: וחציו ולאשה
עגל מרבק: